STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09596

KRISHKELEKH GLIK

Nechemias Zucker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמיה צוקער

קרישקעלעך גליק

פּגעדים 68

פֿאַרלאַג „זכרונות"
בוענאָס איירעס 1968

נחמיה צוקער

קרישקעלעד גליק

פראגמענטן

פון מיינע עטלעכע טויזנט געגראמטע פעליעטאנען
פארעפנטלעכטע אין משך פון א האלבן יארהונדערט
1917 — 1967

•

ארויסגעגעבן אלס
יובליי־אויסגאבע
פון א געזעלשאפטלעכן קאמיטעט און סובסידירט פון אנגעזעענע אינסטיטוציעס, פריינט און פארערער פון מחבר, צו זיין ווערן א בן שבעים און צום יובל פון זיין ליטעראַרישע, טעאטראלער און געזעלשאפטלעכער קולטור־טעטיקייט.

שער־בלאט געצייכנט פון פעליקס געדיס

•

פארלאג „זכרונות"
בוענאס איירעס
1968

נחמיה צוקער

געהייליקט צום אָנדענק פֿאַר
מײַן פֿרוי אָ ד ע ל אַ און פֿאַר
מײַנע טײַערע וואוילגעלערנטע
קינדער און אייניקלעך

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by:
N. ZUCKER
Bs. Aires . 1968 - R. Argentina

אַ וואָרט פון מחבר:

נישט מיט קיין לייַכטן געמיט און נישט מיט מייַן געוויינטלעכן דינאַמיזם און אַרבעטס-לוסטיקייט האָב איך צוגעגרייט דאָס דאָזיקע בוך צום דרוק.

עס איז געווען עפּעס ווי אַ פאַרצויגענע זאַך און איך האָב שוין אָנגעהויבן צווייפלען, צי איך וועל נאָך האָבן די זכיה צו זען מייַנע „קרישקעלעך גליק" פאַרפיקסירטע צווישן טאָוולען פון אַ שיינעם אָפּגעדרוקטן בוך.

ס י ב ו ת ? קאָן זייַן, אַז דעם 3-טן נאָוועמבער 1966, ווען איך בין אַריבער די שוועל פון ווערן אַ בן-שבעים, האָט עס מיך דערמאָנט אַז איך ווער אַ „בא בימים"; אַ מענטש אין די יאָרן, הייסט עס; און דאָס געזונט האָט זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט מיר און זיך געררייצט מיט מיר מיט פאַרשידענע קאַפּריזן און דערווייַל איז געוואָרן 1967, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ מער וויכטיקע דאַטע פאַר מיר, ווייַל עס ווערט פ ו פ צ י ק יאָר זייט איך האָב אָנגעהויבן מייַנע אַקטיוויטעטן אַלס שרייַבער און טעאַטראַל און איך האָב זיך דערמאָנט, ווי שיין עס איז געפּראַוועט געוואָרן מייַן יובילײ פון 25 יאָר אַלס שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, די גרויסע טעאַטראַלע פייַערונג אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" אין 1942, מיט אויפפירונגען פון מייַנע שאַפונגען און דערנאָך באַנקעטן און דאָס אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן נומער „טעאַטער" געווידמעט מייַן יובילײ און... די דערמאָנונגען האָבן נאָך מער צעשפּילט די קאַפּריזן פון מייַן נישט גוטן געזונט צושטאַנד און אַז דער „חתן" פילט זיך נישט גוט, מ ו ז מען אָפּלייגן די חתונה.

אמת, איך האָב מער נישט געוואָלט קיין באַנקעטן, ווייַל איך האָב זיי געהאַט גענוג אין מייַן לעבן; אָבער, איך האָב געוואָלט אַרויסגעבן צוויי ביכער און דורכפירן אַן אויסשטעלונג פון מייַן אַרכיוו וואָס שטעלט מיט זיך פאָר וויכטיקע קאַפּיטלען פון געזעלשאַפטלעך-יידישן קולטור-לעבן אין אַרגענטינע.

די אויסשטעלונג איז ביי מיר געוואָרן ווי אַ פיקסע אידייע און איך האָב זיך אַרייַנגעוואָרפן אין אַ מוראדיקער אַרבעט פון גראָבן זיך אין מייַנע אַרכיוו-מאַטעריאַלן און ברענגען זיי אין אָרדענונג און אָט-אָ די אַרבעט האָט מיך אַזוי פאַרשלונגען, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן מייַן ווערן אַ בן-שבעים און אַפילו מייַן יובל-דאַטע, איך האָב זיך ממש געבאָדן אין תענוג ביים איבערקוקן דעם שלל מיט מאַנוסקריפּטן, צייַטונגס-אויסשניטן פון מייַנע אַרבעטן, טעאַטער-אַפישן און פּראָגראַמען, נאָטיצן, רעצענזיעס און פאָטאָגראַפיעס, וואָס געאָרדנט כראָנאָלאָגיש, שטעלן זיי מיט זיך פאָר וויכטיקע קאַפּיטלען געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט און דאָס וויכטיקסטע, די פילע, פילע מיט ליבשאַפט-אַרכיווירטע אויסשניטן פון מייַנע ריטמיש-געגראַמטע שורות וואָס איך האָב אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן נאָך

אין יאָר 1917 אין קראָקע און ד ע ר זשאַנר איז פאַר מיר געבליבן אויף אַלע וויַיטערדיקע יאָרן דער „האָבבי”, דער האַרציק-ליבסטער שרייַבערי־שער געביט, וואָס איז פאַר מיר געווען ווי אַ ס פּ אָ ר ט ־ שפּיל.

די אַקטועלע טעמעס וועלכע איך האָב „פאַרלידלט”, זענען נישט אַלע־מאָל געווען ד ר ו י ס נ ד י ק ע, נאָר גאַנץ אָפט אויך פון מייַן אייגענעם אַקטועלן געמיט צושטאַנד, וואָס האָט שוין מייַן אַרבעט אַרויסגעהויבן פון געוויינלעכן רעפּאָרטאַזש און אפילו ר ע אַ ג י ר ו נ ג אויף לויפנדיקע געשעענישן.

אין די ערשטע יאָרן נאָך מייַן אָנקומען קיין אַרגענטינע, איז די פּאָ־פּולערסטע טאָג-טעגלעכע אַקטואַליטעט געווען די „הויזירעריי”, דאָס קלאַפּן אין די טויערן און זוכן אַ קונה. איך האָב זיך דורכגענומען מיט די לייַדן פון דעם עלנטן אימיגראַנט און באַזינגען זייַן נויט אויף באַקאַנטע אַלט-היימי־שע מאָטיוון אין פאָרם פון לידער און פּאַראָדיעס.

אויף דעם מאָטיוו פון די „דרייַ נייטאָרינס” פון י. ל. פּרץ, האָב איך דאָ געזונגען: — —

די אויגן טריב, דער טראָט איז מיד,
עס שטעכט און ברעכט אין יעדן גליד,
דער שטערן איז באַדעקט מיט שווייס
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס...
עס גייען דרייַ גרינע און קלאַפּן...

איינער טראַכט איך גיי און קלאַפּ... — — — —

דער צווייטער זיפצט און שלעפּט די פיס... — — — —

דער דריטער:
עפּעס וועט מיט מיר פּאַסירן
כ'וועל נאָך אויף דער גאַס קראַפּירן

מייַנע ביינער אין אַ זעקל
וועלן ליגן נעבן „פּעקל”...
אָט דאָס וועלן זייַן מייַנע גליקן...

אָדער אויף דעם מאָטיוו פון מ. געבירטיקס „קינדער יאָרן”:

— ווי צו מיר, איך מאַרישער בן־אדם;
אָפּגעריסן האָב איך זיך פון פאָדעם;
ס'האָט פאַרגלוסט מיך זען אַ וועלט
און דערשלאָגן זיך צו געלט
און איך האָב פאַרלאָזט מייַן שטעטל ראָדעם...

און אויפן מאָטיוו פון א. רייזנס „העמערל העמערל קלאַפּ”:

— קלעפּערל, קלעפּערל קלאַפּ, קלאַפּ פונדערפרי ביז בייַנאַכט,
הונדערטער קוואָדרעס שוין דורך,
קיין איינציקן קונה געמאַכט...

אָט אָ די ציטירטע שורות זענען געדרוקט געווען אין זשורנאַלן און דערנאָך צוזאַמען מיט אַ זאַמלונג לידער און פּאַראָדיעס, דערשינען אין בוך־פאָרם א. ט. — „שפּאַס און ערנסט" (1933).

אָבער, אין מײַן אַרכיוו פון ממש טויזנטער איינסן פון געגראַמטע פעי־ליעטאָנען, געפינען זיך צעוואָרפן אַזויפיל ריטמישע שורות וואָס וואַרימען מיך ווי קרישקעלעך גליק, וואָס פילן מיך אָן מיט פרייד. און עס שטאַרקט זיך אין מיר עפּעס אַזאַ מין זעלישער קאַפּריז, אַז אַן אָפּקלויב פון די דאָ־זיקע קרישקעלעך זאָל דערשײַנען אין בוך פאָרם און דאָס זאָל זײַן די מתנה פון געזעלשאַפט צו מײַן טאָפּלטן יובליי־יום־טוב.

געהייסן האָט עס פון אָנהויב, אַז דער קאָמיטעט וועט זאָרגן וועגן צוויי ביכער פון מײַנע שאַפונגען, וואָס איינס האָט באַדאַרפט זײַן דער ראָמאַן „אין האַלבן וועג", איבער וועלכן איך האָב געאַרבעט קנאַפּע פיר יאָר. דאָס איז אַ מין המשך צו מײַן צוויי־בענדיקן ראָמאַן „שיף אַטלאַנטאַ" (דערשינען 1952-54), וואָס שילדערט אויף געשיכטלעכער קאַנווע יידיש לעבן אין אַרגענטינע אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר.

איך האָב אָבער גוט געוווּסט וואָס דאָס הייסט אַזוינס ביי הײַנטיקן יקרות אויף פּאַפּיר און דרוק, און איך האָב באַשלאָסן — זאָל כאָטש זײַן איין בוך און דאָס בוך זאָל דווקא זײַן „קרישקעלעך גליק", ווײַל אָט די קרישקעלעך האָבן געמאָנט ביי מיר אַ תיקון. אין די נעכט האָבן מיר אין חלום אויפגעלויכטן שורות און מיך דערמאָנט די פיבערדיקע טעג וואָס איך האָב איבערגעלעבט ווען איך האָב זיי געשריבן און עס האָט מיך נאָכאַ־מאָל געפרייט וואָס איך האָב באַוויזן איבערצוגעבן פאַר מײַנע לייענער זאַכן וואָס איך האָב פאַרגעזען און ווי גרויס עס איז פאַר מיר געווען די פרייד, ווען איך האָב באַוויזן צונויפצופאָרן אַזאַ גראַם ווי — — —

„טאָ דאַרפן מיר האָפן און וואַרטן מיט טאַקט
אַז א ר ץ י ש ר א ל וועט ווערן אַ פאַקט
און פונקט ווי אַמאָל אַ יהושע בן נון,
וועט פירן אונדז הײַנט אין דעם היימלאַנד די „א ו נ"!..."

דאָס האָב איך געשריבן און געדרוקט מיט קנאַפּע דרײַ חדשים פאַר דעם 29־טן נאָוועמבער, ווען דער „אונ"־באַשלוס איז געוואָרן אַ פאַקט.
(זע אויף זייט 146)

דאָס צונויפפאָרן פון יהושע בן נון מיט די „אונ", האָט מיך ממש פאַרשיכורט פון פרייד און נאָך איצט, פיל איך ווי מײַן בלוט ווערט אין מיר אָנגעוואַרימט פון אַן אומענדלעכער גליק־זעליקייט. . .

און שוין. מײַן באַשלוס דווקא דאָס בוך אַרויסצוגעבן, איז געווען אַ פעסטער. דראַמעס, קאָמעדיעס, דערציילונגען און ראָמאַנען האָב איך אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם, אָבער די צעשאָטענע ריטמישע שורות, אויב איך זאָל זיי נישט אויפקלויבן און געבן אַ תיקון, וועל איך זיך נישט מוחל זײַן און מײַנע באמת געטרײַע פרײַנט און פאַרערער האָבן מיך געמונטערט צו דער אַרבעט כדי צו דערפילן מײַן וואונטש און טאַקע נאָר אַ דאַנק זיי, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן נ י ש ט בלויז עצות, נאָר

טאָקע צווישן זיך צונויפגעשטעלט די ערשטע געלט־סומע אויף איינצוצאָלן האַנטגעלט אין דרוקעריי, זיינען די „קרישקעלעך" אַרײַן אין דרוק.

די ערשטע פרײַנט זענען געווען מאַקסימאַ קופּפערשמיד, משה לערמאַן, מײַן לאַנדסמאַן פרײַנט הענעך דיסטענפעלד, יוסף און קאַראָלינע האַלפּערין, בעלאַ צווייגענבערג אין נאָמען פון פּאַמיליען־קלוב און ראובן מאַנטשעמער. און זיי פאַרדינען באמת מײַן האַרציקן דאַנק, ווײַל נישט וויכטיק איז מיט וויפל, נאָר דערפאַר ווײַל זיי האָבן פּאַקטיש אײַנגעצאָלט דאָס ערשטע האַנטגעלט אין דרוקעריי און דאָס האָט מיך שוין גערמוטיקט און טאַקע געמאַנט, אַז איך מוז זײַן געזונט און אָנגיין מיט צוגרייטונגען און קאָרעקטורן און פאַרטיק מאַכן דאָס בוך.

עס רעדט זיך אָבער צו לײַכט וועגן פאַרטיק מאַכן אַ בוך. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ שרײַבעכץ פון בריוו צו אינסטיטוציעס, און מײַן גרויסע סאַטיספאַקציע איז געווען, וואָס אינסטיטוציעס האָבן זיך אָנגערופן און אַרויסגעוויזן צו מיר וואַרימע באַציאונג.

אַבי דער אָנהויב איז געמאַכט, האָט זיך דער גאַליציאַנער פאַרבאַנד און קרעדיט־קאַסע „קאָנגרעסאָ" אַלס ערשטע אָפּגערופן אויף די בריוולעכע ווענדונגען און צוגעשיקט אַ פײַנע סובסידיע און באַלד דערנאָך איז מיר אָנגעקומען אַ וואַרימע באַגריסונג פון דער קהלה און טאַקע מיט אַ בכבודער סובסידיע אויף צו קענען אַרויסגעבן דאָס בוך און אין זעלבן טאָג איז געקומען דער וואַרימער אָפּרוף פון לעאָן מיטעלמאַן, אין נאָמען פון דער קרעדיט־קאַסע „לאַוואַזשעכאַ" און שוין האָט געקלעקט אײַנצוקויפן פּאַפּיר און דאָס בוך האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן און עס זענען אָנגעקומען די אָנשליסונגען מיט סובסידיעס פון נאָך אַ צוויי צענדלינג קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־קאַסעס און איך מוז זיי דאָ אַלעמען צוזאַמען און יעדן באַזונדער אויסדריקן מײַן האַרציקן דאַנק פאַר דעם חסד וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר, אַלס אַנערקענונג פאַר מײַנע פופציק יאָר טעטיקייט אַלס שרײַבער און טעאַטראַל.

איך וויל אויך, אַז איר זאָלט מיר פאַרשאַפן די פרייד, אַז איר זאָלט אַרײַנקוקן, בלעטערן און טאַקע לייענען אָט אָ די קרישקעלעך און פאַרגעסט נישט אַ קוק צו טון אויף דער דאַטע וואָס ווערט אָנגעגעבן אונטער יעדן פראַגמענט און די דאַטע וועט אייך דערמאָנען אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

די אינסטיטוציעס וואָס האָבן סובסידירט און די פרײַנט און לייענער וואָס האָבן פאָרמירט דעם באַערונגס־קאָמיטעט לכבוד מײַן יובל־יום־טוב, ווערן באַזונדער אויסגערעכנט מיט אויפריכטיקער דאַנקבאַרקייט.

נחמיה צוקער

●

געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

וועלכע האָבן ארויסגעוויזן זייער ווארימע באַציאונג צום יובילאַר און מיט זייערע סובסידיעס געהאָלפן ארויסצוגעבן דאָס בוך:

קהילה אשכנזי ד'בוענאָס איירעס (א. מ. י א.)

באַנק „קאָמערציאַל"

קרעדיט קאַסע „קאָנגרעסאָ" (ביים גאַליציאַנער פארבאַנד)

קאָאָפּ. קרעדיט קאַסע „לאַוואַזשעכאַ"

" " " „אַנטעסאַנאַ" (ביים גאַליציאַנער פאַר־באַנד אין ווידזשאַ קרעספאָ)

" " " „פלאָרעסטאַ"

" " " „ווידזשאַ לוראָ"

" " " „לאַ טעקסטילערא" (שטריקער פאַבריקאַנטן פאַריין)

" " " „קאָרפּ. קאָמערסיאַל" איזר. (2-טע קאָאָפּ.)

" " " „קאַכאַ קאָמערציאַל"

" " " „בוענאָס איירעס"

" " " „סעראַנאַ"

" " " „קאָנגאַזשאָ"

" " " „וועלעז סאַרספיעלד"

" " " „בעלגראַנאָ"

" " " „וו. דעאַל"

" " " „קאָאָפּעמאַזשאָר"

" " " „ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ"

" " " „על פּאָרווענִיר"

" " " „לאַ אַמיסטאַד"

" " " „אַמעריקאַ דעל סוד"

" " " „סענטענאַריאָ"

" " " „ווידזשאַ קרעספאָ"

" " " „ווידזשאַ אורקיסאַ"

" " " „קאַבאַזשיטאָ"

" " " „וואַרעלאַ"

" " " „פּאַלערמאָ"

" " " „באַראָן הירש"

" " " „דעוואָטאָ"

פאַמיליען - קלוב אויף קאַנגאַזשאָ 1760.

ד י ב אַ ט י י ל י ק ט ע

אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט צו באַערן דעם יובילאַר נ ח מ י ה צ ו ק ע ר מיט דורכפירן אַן עפנטלעכע אויסשטעלונג פון זײַן רײַכן ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעך - קולטורעלן אַרכיוו און אַרויסצוגעבן זײַן בוך „קרישקעלעך גליק”.

בראש פון קאָמיטעט:

דער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג”;

יידיש - וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט „יי וו אָ”

יידישער אַקטיאָרן פאַריין

צענטראַלער פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן

„טלאָמאַצקע דרײַצן”

גאַליציאַנער פאַרבאַנד אין וו. קרעספאָ און שיל „ברית אברהם”

דער פרעזידיום פון קאָמיטעט באַשטייט פון די פרײַנט:

מאַקסימאָ קופּפערשמידט,

משה לערמאַן,

פעליקס הערשקאָוויטש,

ח יי ם א ה ל ,

אברהם גאלעס,

און אָסקאַר שוואב.

פלענום פון קאָמיטעט:

(לויט א—ב):

אַלטמאַן לואיס, אורמאַן סימאָן, אַלעקסאַנדראָוו אהרן, אייזענבערג דוד, אייבענבוים סימאָן, אויפזעער יעקב, בערטיטש פנחס, גלאַזער משה, גאָטליב מענדל, גרושקא משה, פעליקס גערים, האַלפערן יוסף און קאַראָלינע, הירש דוד, האָפמאַן קאַרלאָס, ווינטער קאַרלאָס, ווײַנטרויב משה, ווייסבלאַט אברהם, וויינמאַן משה, ווייסבערג סימאָן, ווייץ קלמן, ליפסקי מאַקסימאָ, לעדערמאַן דוד, לאַסטער הערמאַן, מאַרמורעק ישראל, מאַנטשעמער ראובן, מאורער פעליפע, מיערס איסאַק, מאָלאַכאָווסקי פײַוול, נעמראָווער שמואל, נעמיראָווסקי לוי, עסטערזאָן דוד, עפשטיין נה, פריזאַמענט שלמה, פאַבריקאַנט קאַרלאָס, פליישער מאַנועל, פינקעל בערל, צווייגענבערג בעלאַ, קירשנבוים אברהם, קלאַצקין הערמאַן, ריטאר סימאָן, שוואַנדער יחיאל, שרייבער בנציון הלוי, שפרינבערג מ. נ. ברוקמאַן און זילבערשטיין.

•

די זאַכן וואָס געדענקען זיך . . .

(אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן)

מײַן קינדהייט:

געבוירן און דערצויגן אין דער באַלעבאַטיש-ייִדישער און פאַנאַטיש-חסידישער היים פון מײַנע טאַטע-מאַמע ר׳ מענדעלע און לאה צוקער, אין קראָקע.

איך געדענק די סצענע ווען עס האָבן זיך פאַרזאַמלט שכנישע קינדער, אַביסל משפחה-מענטשן, און מײַנס אַ פעטער האָט מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול, אַנגעטון מיר אַ פאַרטוך אַרום האַלדז, אויסגעטון מיר די יאַרמלקע און אָנגעהויבן שערן מײַנע שיינע געלאָקטע שוואַרצע האָר.

ביי יעדן אַראָפּגעפאַלענעם לאָק, האָט די מאַמע פאַרגאָסן אַ טרער און זי האָט אַ לאַנגע צײַט באַוויינט מײַנע אָפּגעשווירענע לאָקן וואָס זײַנען געוועזן אַזוי שיין, אַז זי האָט זיי נישט געוואָלט אָפּשערן, ביז איך האָב באַדאַרפט ווערן דרײַ יאָר אַלט און אָנהויבן גיין אין חדר.

ווען דער פעטער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן שערן, האָט ער עפּעס שטיל געמורמלט אַ תפילה און פאַרענדיקט מיט אַ ברכה, אַז טאַטע-מאַמע זאָלן זוכה זײַן מיך צו דערציען לתורה, לחופּה ולמעשים טובים און ווען ער האָט פאַרענדיקט מיט דער ברכה און אַראָפּגענומען דעם פאַרטוך פון מײַן האַלדז, האָבן זיך אויף מיר אָנגעהויבן שיטן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען מיט צוקערקעס (דאָס האָט מיך די מאַמע און מײַנע צוויי עלטערע פון מיר שוועסטער אַזוי באַוואָרפן מיט די פײַנע נאַשערײַען), און די קינדערלעך האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און געקליבן און איך האָב זיך אויך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און געקליבן די זיסקייטן צוזאַמען מיט זיי.

איך געדענק זייער גענוי דאָס גאַנצע בילד, פונקט אַזוי ווי איך קאָן נישט פאַרגעסן דאָס בילד וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בלויז עטלעכע טעג

שפּעטער, ווען עס האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן געיאָוועט אַ בעלפער (אַ באַהעלפער פון מלמד, אָדער אַ ב ײַ ה ע ל פ ע ר ביים בעלפער...) איך האָב געזען און דערפילט אַז ער קומט נישט מיט קיין גוטע כוונות, האָב איך זיך אויף שנעל פאַרשטעקט אונטערן בעט, אָבער מען האָט מיך פון דאָרט אַרויסבאַקומען און דער בעלפער האָט מיך אַ נעם געטון אויף די פלייצעס, איך האָב זיך געוואָרפן, געדריגעט מיט הענט און פיס, נאָר דער בעלפער איז געווען שטאַרקער און ער איז מיט מיר אַרוים פון דער היים, באַגלייט פון דער מאַמעס רחמנותדיקע בליקן.

אויף דער גאַס, האָב איך באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן דעם קאַפּעלוטש פון בעלפערס קאָפּ און אַ וואָרף געטון אויפן מיטן וועג. דער בעלפער האָט מיך געמוזט אַראָפּשטעלן אויף דער ערד און ער איז געלאָפן אויפהויבן דעם קאַפּעלוטש און ביז וואָס ווען, בין איך שוין אויסגעווען די צײַט, איך בין שוין געווען אין דער היים, און ווידער געלעגן אונטערן בעט...

דאָס געדענק איך, אַזוי ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן; ניין! נישט נעכטן, ווייל זאַכן פון נעכטן, מאַכט זיך ביי מיר הײַנט, אַז איך פאַר-געס זיי באַלד; אָבער דאָס וואָס עס איז געשען אַמאָל, אין יענע אַלטע צײַטן פון מײַן קינדהייט, האָט זיך אַזוי גוט אײַנגראַווירט אין זכרון-קעסטל, אַז עס געדענקט זיך אַזוי, ווי עס וואָלט אַט-אַט, ערשט איצטער געשען...

מײַנע מלמדים:

וועגן מײַנע מלמדים האָב איך אויפן פאַרלאַנג פון מײַן אומפאַרגעס-לעכן קאָלעגע און פריינט מרדכי בערנשטיין ע"ה אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל „פּאָרטרעטן און כאַראַקטעריסטיקס פון מײַנע מלמדים", וואָס ער האָט געוואָלט האָבן פאַר זײַנס אַ פאָרש-אַרבעט וועגן חדרים און מלמדים כדי זיי צו פאַראייביקן אין אַ ספּעציעלן בוך.

איך ווייס, אַז ער האָט די אַרבעט שוין באַלד געהאַט פאַרטיק, ער האָט מיר בעת מײַנס אַ וויזיט ביי אים אין ניו-יאָרק, געוויזן די שוין געגרייטע מאַנוסקריפּטן און אפשר וועט נאָך עמיץ זיך פאַראינטערעסירן און אַרויסגעבן דאָס ווערק.

און ווײַל איך האָב שוין אַזאַ קאַפּיטל אָנגעשריבן, וויל איך דאָ בלויז אָנגעבן די נעמען פון מײַנע מלמדים און דערמיט אָפּגעבן זיי דעם פאַר-דינטן דרך-ארץ.

א-ב, געלערנט ביים לערער י ע ק ב ב ר א נ ז ש, וואָס די קינ-דער האָבן אים גערופן יאַנקל „דראַנדזש"... עברי, און אָנגעהויבן חומש און אַריבער אויך צו דער כתה פון לערנען רש"י-כתב און טאַקע רש"י. האָב איך, ביי ר' מ ש ה ר ײ ז און ר' מ ר ד כ י ל ע ד ע ר,

וועלכער האָט געקנעלט אַלס אָנגעשטעלטער ביי ר' משה רייז, בלויז פאַר דער כתה רש"י-תלמידים.

כדאי צו דערמאָנען, אַז משה רייז האָט דער ערשטער אײַנגעפירט אין זײַן חדר אַזאַ מין זאַך וואָס מען האָט גערופן מיט אַ מאָדנעם נאָמען: — „ה י ג י ע נ ע". אין וואָס איז באַשטאַנען די היגיענע? פּשוט, מען דאַרף די קינדער האַלטן ריין און ער האָט טאַקע אײַנגעפירט, אַז יעדן נאָכמיטיק, נאָך אַ שעה קנעלן, האָט ער געמאַכט אַ פּויזע און דער־נאָך האָט דער בעלפער געבראַכט אַ שיסל וואַסער מיט אַ גרויסן האַנטוך, אײַנגענעצט דאָס האַנטוך אין וואַסער און אָרומגעוואַשן די פּנימלעך פון די קינדער און מיט דער טרוקענער זײַט פון זעלבן האַנטוך, האָט ער באַלד אָרומגעווישט די נאַסע פּנימלעך און די קינדערשע פּנימלעך האָבן ממש אָנגעהויבן שײַנען.

מיט דעם זעלבן האַנטוך געוואַשן און געווישט אַלע קינדער און דאָך האָט ר' משה רייז געהאַט אַ שם מיט זיין בעסטן חדר, ווייל ער האָט אײַנ־געפירט ה י ג י ע נ ע!...

ר' י צ ח ק א ה ר ן — מיר האָבן אים גערופן „צ י ג אַ ר ן". ער איז געווען אַ ייִד אַ זקן, געלערנט מיט אונדז גמרא מיט רש"י און אין דער כתה פון גרעסערע — אויך ת ו ס פ ו ת.

ער איז געווען אַ מוראַדיקער הוסטער און אַז ער האָט זיך צעהוסט, האָט מען געמיינט אַז שוין. ער עקט זיך. אָבער דאָס גוטע ווײַב זײַנס, די רביצן, האָט שנעל אַרײַנגעבראַכט פון קיך דאָס טעלערל מיט צעדריוולטע ספּעציעלע ציגאַרן, זיי אָנגעצונדן און אים אונטערגעטראָגן ער זאָל אײַנ־אָטעמען דעם רויך און אַזוי האָט ער ערשט צוריקבאַקומען דעם אָטעם און איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַן קנעלן און לערנען תורה..

און טאַקע צוליב די צעדריוולטע ציגאַרן וואָס האָבן אים כסדר גע־ראַטעוועט, און צוליב דער ענלעכקייט צו זײַן נאָמען, האָט מען אים גערופן „צ י ג אַ ר ן"...

פון ר' יצחק-אהרן בין איך אַריבער צו ר' שמואל הערצל. דאָס איז געווען אַ ייִד מיט אַן אויסערגעוויינלעכן הדרת-פּנים, ביי אים האָבן מיר געלערנט גמרא מיט תוספות,נדרים מיט ר"ן אַ שטיקל חושן משפּט, אַ ספּע־ציעלן שיעור פון יורה-דעה, בקיצור, שוין אַזעלכע לימודים, נאָך וועלכע מען האָט לײַכט געקאָנט אַריבערגיין צו די ישיבות פון ר' מרדכילע ראָזנער, אָדער צום „אָסטראָווצער" אָדער גאָר גלײַך ווערן אַ בית-המדרש בחור און אָנהייבן לערנען „פאַר זיך"...

נאָך צוויי זמנים ישיבה ביי ר' מרדכילע ראָזנער און נאָך אויסהערן עטלעכע שיעורים פון דעם באַרימטן ראש-ישיבה ר' יוסף ענגעל וואָס איז

געוועז צו גאַסט אין קראָקע, בין איך אוועק לערנען „פאַר זיך", דאָס הייסט, איך בין געוואָרן אַ בית־המדרש בחור.

אָבער, אין בית־המדרש, האָב איך שוין אַ חוץ גמרא און פוסקים און פאַרשידענע אַנדערע ספרים און ספרימלעך פון פלפול און מוסר, אויך אָנגעהויבן לייענען און לערנען ספרים חיצונים.

דאָס האָט דער שמש פון ראַדאָמסקער בית־המדרש (ווו איך האָב געדאַוונט און געלערנט), מענדל קאַלבושאָווער, מיר געליפערט די ביכער און איך האָב זיי ממש אויפגעגעסן מיט די שער־בלעטער. הערנדיק אַז איך קען צוביסלעך פויליש און דײַטש, האָט ער מיר געבראַכט די דײַטשע קלאַסיקער: היינע, געטהע און שילער, דערנאָך אויך ה ע ר ד ע ר און גרילפּאַרצער און איך האָב געלייענט און געלערנט ביז ייִדן האָבן עפּעס באַמערקט און אַ גרופּע „קעסט־אייִדימלעך" וואָס האָבן געוואָלט באַווײַזן פאַר די באַלעבאַטים זייער פרומקייט און יראת־שמים, האָבן אָנגעהויבן טשאַטעווען און מיך געפּאַקט אין אַ דאַנערשטיק אין מיטן דער נאַכט מיט מײַן גאַנצן „אַרסענאַל" פון טרפה־פּסולע ביכער, נו־נו, — מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט מײַן בית־המדרש־בחורדיקע קאַריערע...

מײַנע ערשטע פּרווון:

שוין אין בית המדרש האָב איך אָנגעהויבן אונטערזינדיקן מיט שרײַבערישע אָנהויבן. אָנגעהויבן מיט „חידות" אויף שער־בלעטער פון גמראָ׳ס און קורצע מליצהדיקע אַפאָריזמען אויף די טאָוולען פון ספרים, בין איך אַריבער צו שרײַבן לידלעך, אָבער, איך האָב זיך שנעל געכאַפּט, אַז מײַנע לידלעך קאָנען זיך בשום אופן נישט גלײַכן צו די לידלעך וואָס איך האָב שוין געהאַט איבערגעלייענט אין דײַטש און אין פויליש, און דאָס וואָס האָט שוין אויסגעזען אַביסל בעסער, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז בלויז אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פון די קלאַסישע לידער וואָס זענען מיר וואויל־געפעלן...

צום גליק, האָב איך פאַר קיינעם נישט געהאַט געלייענט די אַלע שרײַבעכצן און דאָס ערשטע לידל וואָס איך האָב יאָ געוואַגט פאַרצולייענען פאַר אַ גרופּע מיידלעך, (מײַנע שוועסטערס חברטעס), איז געווען אַ שילדערונג פון מײַן שוועסטערס חתונה:

„די חתונה איז געווען אָנגענעם,
די סאַלעס שיין דעקאָרירט,
די מיידלעך האָבן געטאַנצט באַקוועם,
די קעפּלעך געשמאַק פּערפומירט..."

די שילדערונג האָט זיך פאַרצויגן אויף 23 סטראָפן, וואָס יעדער פון זיי האָט באַזינגען אַן אַנדער בילד פון דער חתונה, ווי מחותנים, קלעזמער, בדחן, חתן, כלה און מיידלעך, מיידלעך און מיידלעך...

און די מיידלעך האָבן טאַקע פון דער „פּאָעמע" אַנגעקוואָלן און מיך פאַר איר געקרוינט מיט דעם טיטל „פּאָעט" און מיך געמוטיקט, אַז איך זאָל אָנהויבן שרייַבן אויף פּויליש, וועט זיכער פון מיר עפּעס ווערן...

אָבער, איך האָב דערוויַיל געהאַט אַנדערע זאָרג. מענדל קאַלבושאָ-ווער, דער שמש וואָס מען האָט אים פאַרטריבן פון בית-המדרש, האָט זיך פאַרדונגען „אויף דער לער" צו אַן אויבערטייל-מאַכער (זאַגאַטאָוואַטשיק) פאַר קעסט און קוואַרטיר, אָבער איך האָב דאָס נישט געקאָנט, וויַיל אין אונדזער גאַנצער משפּחה איז ניט געווען קיין איין בעל-מלאכה און מיַין פאַנאַטיש פרומער טאַטע וואָלט דאָס נישט אויסגעהאַלטן און איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מיַין היים, פאָרן ווו דאָס מזל וועט מיך פירן און זוכן צו געפינען אַ ציל אין לעבן.

בין איך קודם געווען אין דעם צווילינגס-שטעטל ביליץ-ביאַלע, וואָס איינס, ביליץ, איז געווען אויבער-שלעזיען און מען האָט דאָרט גערעדט נאָר דיַיטש און דאָס צווייטע, ביאַלע, איז געווען גאַליציע און מען האָט גערעדט פּויליש און אַ מין „וואַסער-פּויליש" וואָס איז געווען געמישט מיט דיַיטש. די גרעניץ צווישן דעם צווילינג איז געווען אַ שמאָל לויפנדיק וואַסערל, די „ביאַלקאַ" און דאָס שמאָלע וואַסערל האָט מיט אומזעבאַרע כחות אויפגעהאַלטן דעם גרויסן קאָנטראַסט צווישן די צוויי שטעטלעך וואָס זענען געווען ווי אַ סיאַמער צווילינג.

אַ האַנדלס אָנגעשטעלטער:

עס האָט זיך מיר באַלד איַינגעגעבן צו געפינען אַ פּאָסטן אַלס אָנ-געשטעלטער אין אַ שניט-געשעפט וואָס איז געשטאַנען אויף דער ביאַלער זיַיט, אָבער, האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע צאָל קונים דווקא פון ביליץ, און דווקא רײַכע קונים, בעסער געזאָגט ק ו נ ה ט ע ס, וואָס זענען געקו-מען מיט זייערע „פּיאַקערס" קויפן מציאות ביי דעם אַלט-יודע...

אין שניט-בראַנזשע בין איך געווען נישט פרעמד, וויַיל מיַין מאַמע האָט אָנגעפירט מיט אַזאַ געשעפט און איך האָב איר אַ סך מאָל געמוזט אַרויסהעלפן, אָבער די אַרבעט אויף מיַין ערשטן פּאָסטן איז פאַר מיר גע-ווען צו שווער, נישט געווען קיין באַשטימטע אַרבעטס-שעהן און איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן זוכן אין אַ וויַיטערדיקער שטאָט מיַין גליק.

איך בין אַוועק קיין ווין און דאָרט האָב איך צופעליק געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ רײַך געקליידעטן מענטש, וואָס האָט נאָך אַ

קורצן שמועס מיט מיר, מיר פאַרגעלייגט איך זאָל פאָרן מיט אים קיין צוריך ווו ער האָט געשעפטן ווו עס ווערן פאַרקויפט די אויסאַרבעטונגען פון זיין פאַבריק אין סאַנטגאַליען. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון זיידן־שפיצן.

דאָרט איז מיר שוין דווקא געווען זייער גוט. אַכט שעה אין געשעפט, און אין די פרייע שעהן האָב איך שוין געהאַט אַ שיין שטיבל מיט אַ פענצטער צו די בערג, ווו איך האָב געקאָנט לייענען און חלומען און פרווון עפּעס אויפשרייבן.

אויף מיינע בריוו, האָט די מאַמע מיר געענטפערט, אַז מען טראָגט זיי פון איינעם צום אַנדערן און אַלע לייענען און קוועלן אָן פון זיי...

אין צוריך האָב איך געהאַט גליקלעכע עטלעכע חדשים, איך האָב אויך געמאַכט עקסקורסיעס אויף די בערג, איך בין גאַנץ אָפט געווען אין טעאַטער און איינמאָל געזען די ריזן־אויפירונג פון לעסינגס „נאַטאַן דער וויזע" לויט ריינהאַרדס רעזשי, אָבער פּלוצלינג איז געקומען אַן איבערברוך און דאָס גאַנצע לעבן האָט אָנגעהויבן פאַרלירן יעדע גלייכגעוויכט.

דער קייזער־מאָרד אין סאַראַיעוואָ האָט אויסגעשפּריט אַ ווולקאַנישן וואָלקן איבער דעם אייראָפּעאישן הימל און מיט אומגעוויינלעכן כח אַרויסגעשלעפּט די מענטשן אין די גאַסן, קאָנצענטרירט זיי אין מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס און יוגנט האָט געיובלט מיט געזאַנג „מיט הערץ און האַנט פירס פאַטערלאַנד!"... און איך, דאָס קראָקעווער יינגל, בין אויך געווען איינער פון די מאַניפעסטאַנטן און כסדר מיטגערופן דעם רעפריין: — האָך לעבע זיין מאַיעסטעט קייזער פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, ה־אַ־אָך!...

מ ל ח מ ה:

עס איז דאָך עפּעס געווען קעגן טיראַניש־אַנטיסעמיטישן רוסלאַנד, און כאָטש קיינער וואָלט מיך נישט געצווונגען צו פאַרלאָזן די שווייץ, האָב איך טאַקע נישט געוואַרט לאַנג נאָר זיך אומגעקערט אַהיים, צוגעשטעלט צו די מיליטערישע באַהערדן, איך בין נאָך געווען צו יונג און מען האָט מיך פאַרצייכנט און געהייסן קומען זעקס חדשים שפּעטער.

די מאַמע האָט זיך געפרייט: — אויב זעקס חדשים, וועט שוין דערווייל זיין לאַנג נאָך דער מלחמה...

די מלחמה האָט זיך אָבער נישט פאַרענדיקט און דעם 6־טן יוני 1915 האָב איך אין דער „רודאָלף־קאַסערן" (די קאַזאַרמע פון קראָקעווער דרייצנטן אינפאַנטעריע־רעגימענט) באַקומען מיין זעלנערישן אוניפאָרם און דריי חדשים שפּעטער, האָט מען מיך אַרויסגעשיקט אויפן פראָנט.

דאָ בלייב איך שטיין. איך האָב אין עטלעכע דרייסיק קאַפּיטלען זכרו־

נות געשילדערט מײַנע איבערלעבענישן אויפֿן מלחמה-פֿראָנט אין דער
ערשטער וועלט-מלחמה, זיי זענען געווען געדרוקט אין פֿאַרשידענע זשור-
נאַלן און מערסטנס אין דער „מאָרגנצײַטונג" און אין „די אידישע צײַטונג"
און איך הויב אָן פֿון 1917, ווען איך בין אַלס פֿאַרוווּנדעטער סאָלדאַט
איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן פֿון אַ מיליטער-שפּיטאָל אין א ו נ ג -
ו אַ ר (אונגאַרן) קיין קראָקע, אין פֿעסטונגס-שפּיטאָל נ' 2, וואָס איז אָנ-
געפֿירט געוואָרן פֿון דעם ייִדישן קאָמענדאַנט דעם באַרימטן כירורג
ד"ר וואַכטל.

פֿאַרוווּנדעט אויף אַ פֿוס, האָט געדויערט חדשים ביז איך האָב גע-
קאָנט אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל. אָבער, כאָטש אויף ק ו ל י ע ס, האָב
איך אַרומגעשפּאַנט איבער מיינע קראָקעווער גאַסן, געזען זיך מיט חברים,
חברטעס, און דעמלט אָנגעהויבן באַזוכן דעם פֿאַרײַן „י ו ג ע נ ד" וואָס
איז געווען דערלויבט נאָר פֿאַר יוגנטלעכע ביז 15 יאָר, אָבער, אָנגעפֿירט
איז ער געוואָרן פֿון אַ גרופּע עלטערע חברים פּועלי-ציוניסטן.

און אַבי איך האָב זיך באַקענט מיט די פֿאַריינס-מיטגלידער, האָב איך
אָנגעהויבן אויספּאַקן פֿאַר זיי מײַנע לידלעך וואָס איך האָב אָנגעהויבן
שרײַבן נאָך אין שפּיטאָל אין אונגאַרן און איך האָב שוין באַוויזן אויפֿצו-
שרײַבן נאָך אַ פּאָר אַקטועלע לידלעך און הויפּטזאַך האָב איך דערציילט
וועגן טעאַטער וואָס איך האָב געזען אין צוריך און אַזוי האָט זיך געמאַכט,
אַז מען האָט מיר אָנגעטרויט איך זאָל צוגרייטן אַ קינסטלערישן פּראָגראַם
פֿאַר אַן אונטערנעמונג.

איך האָב צונויפֿגענומען עטלעכע ייִנגלעך און אַ מיידעלע און גענו-
מען אײַנשטודירן „דאָס אייביקע ליד" פֿון מאַרק אַרנשטיין און אַ צווייטע
אונטערנעמונג האָב איך דורכגעפֿירט שלום-עליכמס „פֿיר אַגענטן" און
אַליין מיטגעשפּילט אַלס „טערקלטויב" און ביי די אונטערנעמונגען, בין
איך שוין אויך אַרויסגעטראָטן מיט מײַנע ערשטע לידלעך.

די בריק צום ברייטן שליאַך:

מיט דעם האָב איך עס אָנגעהויבן. מײַנע ערשטע אַרויסטריטן אַלס
רעזשיסאָר און מיט מײַנע אויפֿטריטן מיט מײַנע אייגענע שאַפֿונגען, בין
איך אַרויף אויף דער בריק (וואָס האָט געפֿירט צום ברייטן שליאַך) וווּ
עס באַוועגן זיך און זענען טעטיק שרײַבער פֿון איין זײַט און אַרטיסטן
פֿון דער צווייטער זײַט און איך האָב זיך אָנגעהויבן באַוועגן א י נ-
ד ע ר מ י ט צווישן די שרייבער און אַרטיסטן.

און אַזוי האָב איך שוין דעמלט אָנגעצייכנט מײַן לעבן אויף דער
ליניע צווישן ליטעראַטור און טעאַטער און אויף דעם מיט-וועג בין איך
געבליבן ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

באַלד נאָך מײַנע ערשטע אױפטריטן מיט מײַנע אײגענע געשאַפענע לידלעך, האָב איך באַקומען אַ פאַרבעטונג פון אײנעם אַ יונגן שרײַבער יוסף פערלבערגער (יוסף בעל־סוד) װאָס האָט אַרױסגעגעבן אַ הומאָרים־טיש בלעטל „דער לוסטיקער יוד", איך זאָל אים געבן עפּעס פאַר זײַן זשורנאַל און אין „לוסטיקן יוד" איז דערשינען מײַן ערשטער געגראַמטער פעליעטאָן אין בלױז דרײַ סטראָפן.

דעמלט האָב איך אױך אָנגעשריבן אַן אײנאַקטער, מיט אַ שאַרפער סאַטירע „דער הילפס־קאָמיטעט" און איך האָב דאָס אױפגעפירט צוזאַמען מיט אַ לידער־סעריע א. נ. „בײם רבין" און איך האָב דערפאַר באַקומען אַ בײַסיקע רעצענזיע און האָב דערפאַר אָנגעשריבן אַ נײַעם סאַטירישן אײנאַקטער „דער רעצענזענט". און אַ צײַט שפּעטער האָב איך אױפגעפירט אױף פּױליש די דרײַ אײנאַקטערס א. נ. 1) „קאָמיטעט פּאָמאָצי", 2) „או רעבעגאָ", 3) „רעצענזענט". די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין גרױסן טעאַטער „נאָװאָשטשי", און דער עולם האָט אָנגעקװאָלן און אַ זײער גוטע רעצענזיע האָט דערנאָך געשריבן נישט ד"ר פאַלעק, נאָר דער ד"ר מאַקסימיליאַן קאָרענרײַך, דער רעדאַקציע־מיטגליד פון „נאָװי דזשענניק", װו ער האָט יעדן טאָג פאַרעפנטלעכט אַ קורצן געגראַמטן פעליעטאָן אונטער דעם טיטל „זגזשיטי" (ציין־קריצעניש)...

יאָ. איך בין שױן געגאַנגען פעסט און זיכער אױף דער בריק צװישן שרײַבער און אַרטיסטן און אָט האָב איך זיך דערנענטערט צו די שרײַבער, אַדאַנק מײַן אױפירן אַ פאָלקסטימלעך ליד פון מרדכי געבירטיק: — „זאָג מיר לבנה". דאָס איז געװען אַ מלחמה־ליד אין װעלכן אַ כלה רעדט צו דער לבנה און פרעגט זיך בײ איר װאָס מיט איר געליבטן איז געשען דאָרט ערגיץ אױפן מלחמה־פראָנט.

דאָס ליד האָב איך געהערט זינגען פון אַ פרײַלין שטײנבערג און עס האָט מיך אַזױ פאַרכאַפּט, אַז איך האָב עס סצעניזירט און די שטײנבערג האָט טאַקע דורכגעפירט דעם געזאַנגס־נומער און די לירישע סצענע האָט אין דער „שטשעכאַ ראַבאָטניטשאַ" אַזױ שטאַרק אױסגענומען, אַז װען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן און מען האָט מיך אַרױסגעפאָדערט אױף דער בינע, איז אינמיטן רױש פון די אָװאַציעס פאַר דער זינגערן און פאַר מיר, צוגעקומען צו מיר אַן עלטערער מענטש און מיך אַרומגעכאַפּט קושן. ער האָט זיך מיר דאַן פאָרגעשטעלט: — מײַן נאָמען איז מרדכי געבירטיק, דער פאַרפאַסער פון דעם ליד...

מײַן שרײַבערישער קרײַז:

נאָכן באַקאַנט װערן מיט דעם האַרציקן פאָלקסטימלעכן פּאָעט מרדכי געבירטיק, האָבן זיך אָנגעהױבן די װײַטערע באַקאַנטשאַפטן. עס האָט זיך

געשאַפן אַן אינטימער שרײַבער־קרײַז וואָס האָט זיך צונויפגעטראָפן יעדן שבת נאָכמיטיק אין הויז פון דעם שרײַבער און מיטאַרבעטער פון אַמעריקאַנער „פאָרווערטס" משה ערליך (געשריבן אונטער פסעוודאָנים — „יושר").

שפּעטער, ווען איך האָב שוין געהאַט מײַנס אַן אייגענע וואוינונג, אַ שיינע סאַלע, זענען זיך די שרײַבער צונויפגעקומען אויך ביי מיר, אין מײַן שטוב יעדן פרײַטיק־צו־נאַכט. עס איז שוין געוואָרן ווי אַן אָפּגערעדטע זאַך: — פרײַטיק־צו־נאַכט ביי מיר, אויף מאַסטאָווע־גאַס נ' 10 און שבת נאָכמיטיק — ביי חבר ערליך, קאַלעטעק נ' 15.

אין קרײַז פון דער־אַ שרײַבער־גרופּע האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן ווי איינער פון זיי, הגם, אַן אָנפאַנגער.

שרײַבעריש האָב איך שוין מיטגעאַרבעט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" און ד"ר אנזעלם קליינמאַן האָט געבעטן ביי מיר דעם איינאַקטער „הילפסקאָמיטעט" פאַר זײַן „ליטעראַרישן קאַלענדאַר" וואָס האָט זיך שוין דעמלט געהאַט קונה שם געווען אין דער יִדיש־ליטעראַרישער וועלט.

און אָט האָט זיך געמאַכט אַז איך האָב אָנגעשריבן אַ דראַמע פון יִדישן לעבן (טאַקע אין קראָקע): „דער קרבן פון פאַנאַטיזם" און נאָך מײַנס אַן עפנטלעכער פאָרלעזונג, האָט דער דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין קראָקע פּראָפעסאָר מאָזעס יאַקאָבי (אָדער ווי אַקטיאָרן האָבן אים גערופן: — משה יאַנקל) מיך פאַרבעטן אין טעאַטער צו אַ „לעזעפּראָבע" און צום ערשטן מאָל האָב איך אויף זיך דערפילט די שפּאָטישע בליקן פון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן די בליקן און זיי געענטפערט אויפן זעלבן אופן און אָנגעהויבן לייענען. נו, איך האָב די פיעסע געשריבן מיט אַ סך האַרץ און איך האָב זי דעריבער אויך אַזוי געלייענט און איך האָב געזען ווי די בליקן ווערן צו מיר מילדער און אויפמערקזאַמער און נײַגעריקער און איך לייען ווײַטער ביז עס קומט צום פינאַל און אַלע שפּרינגען אויף און גראַטולירן מיר און עס איז שמחה וששון . . .

און גרויס איז געווען די סענסאַציע אין אונדזער יידישן קראָקע, ווען אויף די ווענט פון די הײַזער אין די יידישע גאַסן האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן גרויסע אַפישן, אַז עס ווערט אויפגעפירט די גרויסע פּרעמיערע פון דעם יונגן דראַמאַטורג נחמיה צוקער, די פיר־אַקטיקע דראַמע „דער קרבן פון פאַנאַטיזם"! מיט אַדעלאַ לערעסקאָ אין דער הויפּט־ראָלע.

איך בענטש די געטער פאַר דעם גרויסן נחת־רוח וואָס איך האָב דעמלט געהאַט און איך בעט טויזנט מאָל מחילה ביים אָנדענק פון מײַנע פרומע טאַטע־מאַמע, פאַר דעם צער וואָס איך האָב זיי מיט מײַן פיעסע פאַרשאַפט . . .

מײַן חתונה־בילד:

אײן עדות וואָס געפֿינט זיך דאָ הי, האָט מיך אַזוי געזען אויף מײַן חתונה, דאָס איז דער אַקטיאָר נתן קלינגער.

געציילטע טעג נאָך דער אויפֿפֿירונג פֿון מײַן פּיעסע „דער קרבן פֿון פֿאַנאַטיזם" בין איך, דער אויטאָר אַזוי געגאַנגען צו דער חופּה און דערמיט פֿאַרגיטיקט מײַנע עלטערן פֿאַר זייער עגמת נפֿש פֿון מײַנע ליטעראַרישע טעאַטראַלע אַרויסטריטן...

דאָס איז געווען אין קראָקע,

יאַנואַר 1921.

און אַט ווער איך צוגעצויגן צו אַקטיווער טעטיקייט אין דער „שטשעכאַ ראַבאַטניטשאַ", שכנא זאַגאַן האָט פֿאַרטראַכט דורכצופֿירן אַ גרויסע פּאָליטישע סאַטירע קעגן דער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג און ער נעמט מיך פֿאַר אַ שותּף צו דער אַרבעט פֿון צוגרייטן אַ סצענאַר, דעמלט קומט קיין קראָקע צוגאַסט משה בראָדערזאָן און אין דרײַען שאַפֿן מיר און מיר שטעלן צונויף לידלעך און איך רעזשיסיר און פֿיר אויף די פּאָליטישע סאַטירע אַלס פּאַראָדיע אויף „קעניג אַחשורוש" און אויף מיר פֿאַלט נאָך דערצו אויס דער גורל אַליין צו שפּילן דעם „שטערנזעער" וועמענס געגראַמטע רעפּליקן איך האָב געשריבן.

און נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט מיט דעם דראַמקרײַז פֿון דער „שטשעכאַ". איך האָב אויפֿגעפֿירט פּיעסן מיט אַ זייער פֿעיִקן אַמאַטאָר ישעיה באָסאַק און דעמלט האָב איך אויסגעפּלאַנט צו שאַפֿן אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער, וואָס די מאַריאָנעטן האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרשידענע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין קראָקע און זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען הומאָריסטיש־סאַטירישע לידלעך. די מאַריאָנעטן־פֿאָרשטעלונגען האָבן גאָר שטאַרק אויסגענומען (דער שרײַבער א. ל. שוסהיים

האָט דערמאָנט מײַן מאַריאָנעטן טעאַטער אין אַן אַרטיקל צום יובילײַ פון מײַנע 25 יאָר שרײַבערישע און טעאַטראַלע אַרבעט) און דורך די מאָג ריאָנעטן פאָרשטעלונגען האָב איך זיך באַקענט מיט די פּערזענלעכקייטן ד"ר יהושע טהאָן און די דאָקטוירים וואַרהאַפטיק הילפשטיין, פעלדבלום און בולוואַ). אויך מיט די עטלעכע פועלי-ציון חברים לאַנדאַו, גינציק, יעקב קענער, שלמה ווילנער און אַנדערע, וועלכע זענען געקומען זען די פאָרשטעלונגען.

זייענדיק אַרײַנגעטון אין דער טעאַטראַלער און יידישער קולטור-אַרבעט, האָב איך פונדעסטוועגן נישט פאַרפעלט קיין איין מאָל צו זײַן ביי די חברלעכע מסיבות אין הויז פון חבר ערליך און אויך די פּריוואַטיק-צונאַכטסן האָבן אַרײַנגעבראַכט אין מײַן שטוב גײַסטיקע דערהויבנקייט דורך די חשובע שרײַבער-געסט ערליך, נחמן מיפעלעוו, סאַלאָמאָן מאַנדערער, אבי קוויטנער ,יואל יאָעלאָן (דעמביצער) וו. מעצגער, שפּעטער אויך נפּתלי ווייניק און ביי זיי האָב איך אַ סך געלערנט, זייערע קריטישע באַמערקונגען האָב איך גוט אין אַכט גענומען און אָט בין איך אַרויס מיט מײַנס אַ נײַער דראַמע, — „ח ל י צ ה", וואָס איך האָב זי פאַרגעלייענט אין סאַלאָן פון דער קהלה, און סאַלאָמאָן מאַנדערער, דער אָנפירער פון פאַרלאַג „דאָס ביכל" (וואָס האָט אַרויסגעגעבן געבירטיקס ערשטע ביכל „פאָלקסטימלעכע לידער" און נ. מיפעלעווס דערציילונג „יחוס" און משה ערליכס „טאָג און נאַכט" און מעצגערס „מעזאַליאַנס" און „זוכנדיקע אידעאַלן") — האָט מיר פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן די „חליצה" אין בוך-פאָרם.

מיט דעם, האָב איך געפילט, אַז איך האָב שוין דערגרייכט גאָר גאָר הויך, דערצו, ווען גראָד איז אָנגעקומען די ווילנער טרופּע קיין קראָקע, איך האָב שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן קראָקע, אָבער איך האָב נאָך געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו זען עטלעכע פאָרשטעלונגען און ווען איך בין שוין געווען אין אַרגענטינע, האָב איך באַקומען די ידיעה, אַז די ווילנער מאַכן פּראָבן פון מײַן „חליצה" און זיי ווילן גרייטן גאָר אַ גרויסע אויפירונג. עס איז אָבער נישט געקומען דערצו. אַ וואָך פאַר דער פּרעמיערע, האָבן פּוילישע סטודענטן געוואָרפן אַ באָמבע אויף דעם טעאַטער „באַגאַטעלאַ" ווו די ווילנער האָבן געשפּילט, דאָס טעאַטער איז כמעט צעשטערט געוואָרן און די ווילנער זענען באַלד צומאָרגנס אַוועק פון קראָקע.

אין אַרגענטינע:

יאָ. איך בין שוין געווען אין אַרגענטינע.

איך מוז אָבער דערמאָנען, אַז אָנהויב 1921, נאָך דער אויפירונג פון „מײַן קרבן פון פאַנאַטיזם", האָב איך חתונה געהאַט כדת משה וישראל

און דוקא, מײַנע עלטערן צוליב, געטראָגן אַ שטרײַמל מיט אַ זײַדענע קאַפּאָטע, נאָר דאָס אַלץ איז שוין געשילדערט אין יובילײ־נומער פון זשורנאַל „טעאַטער", וואָס איז דערשינען 1942, צו די 25־יאָר פון מײַן ליטעראַרישער און טעאַטראַלער טעטיקייט.

מײַן לעבן אין אַרגענטינע איז שוין ווי אַן אָפן בוך אין וועלכן יעדער קאָן אַרײַנקוקן.

אויב איך האָב פראַגמענטאַריש געשילדערט מײַנע אויטאָביאָגראַפּישע דאַטעס וועגן מײַנע טואונגען און איבערלעבענישן אין דער אַלטער היים, וועל איך דאָ זײַן נאָך מער בצמצומדיק, נאָך מער קאָנצענטרירט און קאָנדענסירט אָנגעבן זאַכן און ציפערן וועגן מײַן לעבן און שאַפן אין אַרגענטינע.

געקומען קיין אַרגענטינע מיט דער שיף „אַטלאַנטאַ" דעם 14־טן יוני 1923, מיט אַ סטאַזש פון קנאַפּע זעקס יאָר אַקטיוויטעטן אַלס שריפטשטעלער, דראַמאַטורג און קולטור־טוער. איך האָב געהאַט באַגלייט־בריוו פון ד"ר יהושע טהאָן צום היגן ציוניסטישן פירער ד"ר נחמן גרזאַנג, וואָס איז אגב געווען מײַנס אַ בן עיר פון קראָקע און אונדזערע פאַמיליעס זײַנען געווען זייער באַפרײַנדעט. אויך אַ בריוו פון שמואל פריינט און די ברידער בעץ צו דער היגער פועלי־ציון פּאַרטיי, ווו מען האָט מיך רעקאָמענדירט אַלס קולטור־טוער און גוטן אָרגאַניזאַטאָר.

אָבער, איך האָב די ביידע רעקאָמענדאַציע־בריוו נישט פאַרברויכט, איך האָב זיי ביזן הײַנטיקן טאָג אין מײַן אַרכיוו. איך האָב נישט געוואָלט אָנקומען מיט יחוס־בריוו, נאָר מיט יחוס עצמי און אַזוי ווי איך האָב זיך דאָס ערשטע געוואָלט באַקענען מיט דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, בין איך באַלד געפאָרן קיין ענטרע־ריאָס, ווו דער דראַמקרײַז פון דעם קאָלאָניסטישן שטעטל האָמבים, האָט זיך געגרייט אויפצופירן מײַן דראַמע „חליצה".

אַ דעלעגאַציע איז צו מיר געקומען קיין דאָמינגעז און מיך פאַרבעטן קומען צו דער פאָרשטעלונג, אָבער ווען איך האָב געהערט אַז דאָרט איז נישטאָ אַפילו קיין עלעקטריש ליכט, האָב איך נישט געהאַט קיין האַרץ צו זען ווי מען מאַכט אַ תל פון מײַן פּיעסע, וועלכע האָט געמוזט האָבן אַ גרויסע טעכנישע און דעקאָראַטיווע אויסשטאַטונג און איך האָב זייער איידל געפונען אַ תירוץ אויף נישט צו זײַן ביי דער פאָרשטעלונג.

איך האָב דערנאָך געלייענט אין „די אידישע צייטונג" אַ נאָטיץ וועגן דער געלונגענער טעאַטראַלער אויפירונג פון נחמיה צוקערס קינסטלעריש ווערק „די חליצה", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון דראַמאַטישן קרײַז אין „האָמביז", דעם 3־טן נאָוועמבער 1923.

אָפּגעווען אַריבער צוויי חדשים אין ענטרע־ריאָס, ווו איך האָב זיך

באַקענט מיט אַן אַרטיסטן־פּאָרל מאָרים און פאַני אייזענבערג (ע״ה). אייזענבערג וואָס איז געהאַט געקומען מיט אַ טרופּע שפּילן טעאַטער, האָט נישט געהאַט אויף הוצאות צוריקצופאָרן קיין ב. איירעס, איז ער מיטן ווײַב געבליבן שטעקן אין באַסאָווילבאַסע און דאָרט זיך אײַנגעאָרדנט אַלס זייגערמאַכער, נישט קענענדיק אפילו דאָס פאַך. אָבער די קאָלאָניסטישע זייגערס האָבן אים אויסגעלערנט און ער איז סוף כל סוף געבליבן אַ תושב אין באַסעווילבאַסע מיט אַ געשעפט פון זייגערס און פאַנטאַזיע־אַרטיקלען.

דאָס פאַרפאַלק האָט מיך פאַרבעטן צו זיך, זיי האָבן בכלל פאַרבעטן יעדן אַקטיאָר און שרײַבער וואָס איז געקומען אין דעם שטעטל און מיר איז דאָרט געווען זייער גוט און אנגענעם און דאָרט, האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן, געשיקט מײַנע קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער קאָלאָניזאַציע צום לעמבערגער „טאָגבלאַט״, צום „נאָווי דזשענניק״ און אויך צום „מאָמענט״ קיין וואַרשע.

אָבער דאָס שרײַבן רעפּאָרטאַזשן האָט מיך נישט באַפרידיקט. איך האָב זיך דאָרט צוגעקוקט צום לעבן פון די קאָלאָניסטן און דאָס געזעענע האָט זיך אין מײַן מוח פאַרוואַנדלט אין אַ בינע מיט דיאַלאָגן און אַזוי האָב איך אָנגעשריבן מײַנע ערשטע צוויי איינאַקטערס פון קאָלאָניסטיש־יידישן לעבן אין אַרגענטינע.

צוריקגעקומען פון „קאַמף״ האָב איך אין ב. איירעס ערשט אָנגעהויבן פילן אַז איך בין אַן אימיגראַנט. אמת, די „צייטונג״ און „די פּרעסע״ האָבן מיך וואַרים אויפגענומען, פאַרעפנטלעכט נאָטיצן וועגן מײַן צוריקקומען פון ענטרע ריאָס, אָבער צו קיין מעמד איז עס ניט געקומען.

צום גליק, האָב איך נאָך פאַר מײַן אַרויספאָר קיין ענטרע ריאָס אָפּגעמאַכט מיט די שפּאַניש־יידישע שרײַבער שכנא רעזניק (ע״ה) און לעאָן קיבריק, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ שפּאַנישע וואָכן אויסגאַבע „מונדאָ איזראַעליטאַ״ און זיי האָבן ביי מיר געהאַט באַשטעלט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם מצב פון די יידן אין פוילן, און אַ דאַנק די אָפּגענומענע האָנאָראַרן פאַר די אַרטיקלען, האָב איך דערווייל געהאַט אויף אַ דירה און אויף אַן אָרים לעבן.

דעמלט האָב איך זיך באַקענט מיט איזאַק, (הײַנט רופט ער זיך משה) און עדיאַ טאַבאַקשניידער. ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס טעאַטראַל און זי — אַ געשולטע זינגערן, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין שניאורס „הזמיר״ אין וואַרשע.

און ווידער האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן מײַן וועג אינדערמיט, צווישן ליטעראַטור און טעאַטער. אַט האָט דער פּאָעט לייב מלאך מיט דעם דראַמאַטורג און לערער שמואל גלאַזערמאַן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „גרוים און קליין״ מיך פאַרבעטן מיטצואַרבעטן און דערווײַל

האָט מען מיך שוין אָנאָנסירט מיט אַן אויפטריט אין קינסטלערישן פּראָ־גראַם וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט לטובת דעם זשורנאַל און מיט דעם האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן מיין טאָפּלטע טעטיקייט, סיי אַלס שרייבער און סיי אַלס טעאַטראַל.

אין פּראָגראַם פון דעם קונסט־אָוונט האָבן זיך אויך באַטייליקט עדיאַ און איזאַק טאַבאַקשניידער. טאַבאַקשניידער האָט סצענירט עטלעכע לידער און די פרוי האָט די לידער וווּנדערבאַר שיין אויסגעזונגען און איך האָב גע־לייענט עטלעכע פּאַראָדיעס און געוויזן אַ סאַטירישן נומער פון אַ „מוזע־אום פון אַלטע אַנטיקן”...

די צוזאַמענאַרבעט פאַר דעם פּראָגראַם, האָבן אונדז שטאַרק באַפריי־דיקט און נאָך עטלעכע באַראַטונגען האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז „אַרטיסטיש ווינקל” און נאָך אַ קליינעם נאָ־טיץ אין די צייטונגען, האָבן זיך אָנגעהובן מעלדן יוגנטלעכע וואָס זענען ממש אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך אַ ביסל קולטור־טעטיקייט און אָט אַ פאַרזאַמלונג און עס איז געבוירן געוואָרן דאָס „אַרטיסטישע ווינ־קעלע”.

אין מיינע שפּעטערדיקע פאָרש־אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַרגענטינע, דערמאָן איך אַלעמאָל דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע” הגם עס איז נישט געווען דער ערשטער דראַמקרייז אין בוע־נאָס איירעס. עס איז אָבער געווען דער ערשטער דראַמקרייז מיט די יו־גנטלעכע כחות, וואָס זענען דאָ געקומען מיט אַ קולטור־סטאַזש פון די אַלטע היימען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיי האָבן אַרויס־געוויזן די געהעריקע אידעאַלע ליבשאַפט צו טעאַטער און דווקא צו ב ע־ס ע ר טעאַטער.

וועגן „אַרטיסטישן ווינקעלע” וואָס האָט זיך שפּעטער געשפּאָלטן און געוואָרן „פרייהייט” און „מוזע” און די וויטערדיקע שפּאַלטונגען פון „מוזע” אויף „וואַרשעווער קולטור־קלוב” און „יונג אַרגענטינע” און פון „פרייהייט” וואָס איז געוואָרן „אַוואַנגאַרד” און „קלוב־אין צענטער”, האָב האָב איך שוין דערמאָנט אין פאַרשידענע אַרטיקלען וועגן היגן טעאַטער, איך וויל דאָ בלויז מאַכן בקיצור, נישט צו שרייבן די געשיכטע פון די אינסטיטוציעס, נאָר כאָטש אַ טייל פון די זאַכן וואָס איך האָב באַוויזן אויפ־צוטון אין זיי.

דער דראַמקרייז פון „אַרטיסטיש ווינקעלע” האָט דורכגעפירט אַ ריי קונסט אונטערנעמונגען מיט קליינקונסט־פּראָגראַמען וואָס זענען באַשטאַ־נען פון טאַבאַקשניידערס און מיינע קונסט־נומערן וואָס אַ גרופּע טאַלאַנ־טירטע מיטגלידער מיט עדיאַ טאַבאַקשניידער אַלס זינגערן, האָבן דורכ־געפירט מיט גרויס דערפאָלג.

ענדלעך האָבן מיר זיך גענומען גרייטן צו אַ גרויסן טעאַטער־אָוונט. איך האָב מיט אַ טייל דראַמקרייזלער איינשטודירט מײַנע צוויי קאָלאָניס־טישע איינאַקטער 1) „ווען די נאַכט פֿאַלט צו" און 2) „אויפֿן קאַמפּ"; און טאַבאַקשניידער האָט אויפֿגעפֿירט זײַנס אַן איבערזעצונג פֿון מאַרק טווענס אַ קאָמעדיע — „אַקאַזע" („די טויב שטימע").

די פֿאָרשטעלונג האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם פֿון די נײַ־אָנגעקו־מענע אימיגראַנטן און דאָס האָט אונדז געשטאַרקט ווייטער אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט.

די חברים פֿון „אַרטיסטישן ווינקעלע" האָבן אַזוי אָנגעקוואָלן שפּילנ־דיק מײַנע צוויי איינאַקטערס, און די צייטונגען האָבן זיך אַזוי וואַרים אָפּגערופֿן וועגן זיי, אַז זיי האָבן באַשלאָסן די צוויי איינאַקטערס אָפּצו־דרוקן און פֿאַרעפֿנטלעכן אין בוך־פֿאָרם. און דאָס איז טאַקע געווען דאָס ערשטע ביכל פֿון מײַנע שאַפֿונגען אין אַרגענטינע.

מײַנע ביכער:

און האַלט איך שוין ביי ביכער, פֿיל איך זיך שוין אויף דער זײַט פֿון די חברים שרייבער, מיט וועלכע איך האָב שוין אַקטואירט צוזאַמען אין רעאָרגאַניזירטן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פֿאַריין ה. ד. נאָמבערג. איך בין שוין געווען אַ פּערמאַנענטער מיטאַרבעטער פֿון דעם וואָכנזשור־נאַל „פֿנימער און פֿנימלעך" אין וועלכן איך האָב וואָך־אײַן וואָך־אויס פֿאַרעפֿנטלעכט צו צוויי אַרבעטן, איינע — אַ געגראַמטן פֿעליעטאָן מיט דעם טיטל „דורך קלאָרע ברילן" און אונטערגעשריבן „סאַכאַרינקום". (אַ פּסעוודאָנים וואָס איך האָב נאָך אָנגענומען אין קראָקע, פֿאַר מיינע גע־גראַמטע פֿעליעטאָנען אין „דער לוסטיקער יוד") און אַ צווייטע רובריק: „אויפֿן צימבל" אונטער פֿאַרשידענע פּסעוודאָנימען.

דער רעדאַקטאָר - אַרויסגעבער פֿון פֿ. און פֿ. איז געווען משה שפּרינבערג.

איך האָב דעמלט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט מײַנע געגראַמטע פֿעליעטאָנען אין „ראָזאַריער לעבן" וואָס מ. שענדעריי האָט דעמלט אַרויסגעגעבן און גלײַכצײַטיק געהאַט מײַנע סאַטירישע פּאַראָדיעס אין „אימיגראַנט" און אַנדערע קורצטערמיניקע אויסגאַבעס.

אין מיין שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכטן צוויי־בענדיקן ראָמאַן „שיף אַטלאַנ־טאַ", (דערשינען 1952-54) דערמאָן איך מיט נחת־רוח מיין באַקאַנט־שאַפֿט מיט דעם פּאָעט און באַזינגער פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן אברהם מאָשקאָוויטש און אין אַנדערע שאַפֿונגען מײַנע געפֿינען זיך איבעראַל צעוואָרפֿן פֿראַגמענטן פֿון צוזאַמענטרעפֿן, איבערלעבענישן אין דער סביבה פֿון שרייבער און געזעלשאַפֿטלעך יידישע קולטור־טוער און דאָ וויל איך קורץ דערמאָנען די אויסגאַבעס ווו איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט מײַנע אַר־

בעטן און וועלכע אויסגאַבעס איך האָב געשאַפן אָדער געהאָלפן שאַפן און אַרויסגעבן.

נאָך די פריער דערמאָנטע זשורנאַלן, בין איך סוף 1928 צוגעצויגן געוואָרן אַלס מיטרעדאַקטאָר פאַר אַ נײַ־געשאַפענער טאָג־צייטונג „דער אַרגענטינער טאָג״. די צײַטונג האָט אויסגעהאַלטן 15 חדשים און דערנאָך האָב איך אין משך פון זעקס חדשים רעדאַקטירט י. ל. גרוזמאַנס וואָכן־זשורנאַל „דער שפּיגל״ און דאָרט געהאַט אַ ספּעציעלע הומאָריסטישע זײַט „שפּיגלערייען״; אין 1930, שלים איך אַן אָפּמאַך מיט דעם הומאָריסט ש. פריילעך (מיטרעדאַקטאָר און פיינער פעליעטאָניסט פון „די פּרעסע״) אַרויסגעבן צוזאַמען אַ הומאָריסטיש וואָכנבלאַט א. ט. „כ י כ ע ט ל י־ ל ע״. צ ע ן זייער אינטערעסאַנטע נומערן האָבן מיר צוזאַמען אַרויס־געגעבן, אָבער ווייזט אויס, אַז ער האָט דעמלט געהאַט אין „די פּרעסע״ (וווּ ער איז שוין געוואָרן אַ מיטגליד אין קאָלעקטיוו) געוויסע שוועריקייטן און ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון „כיכעטלילע״ און איך האָב אַליין ווײַטער אָנגעפירט מיט דעם זשורנאַל אונטער אַ געענדערטן נאָמען — „דער קונ־דאַס״. דער זשורנאַל האָט געהאַט אַ זייער גוטע פאַרשפּרייטונג, איך האָב געהאַט צו אים אַלס שותף אַ זייער ערנהאַפטן חבר און פרײַנט ר׳ שמואל ביאַלי, אַלס אַדמיניסטראַטאָר און אַזוי ביז 1935, ווען שמואל ביאַלי האָט זיך אָנגעהויבן פילן נישט געזונט און נישט געקאָנט אַרבעטן האָט ער זיך צוריקגעצויגן און פאַקטיש דעמלט האָט „דער קונדאַס״ אויפגע־הערט דערשײַנען.

אינצווישן, זענען אין 1933 דערשינען מײַנע צוויי ביכער „שפּאַס און ערנסט״ און „פאַר דראַמקרייזן״. דאָס ערשטע בוך מיט פּאָעמען און לידער מיט פּאַראָדיעס און אין צווייטן — צ ע ן איינאַקטערס, וועלכע זענען שוין מערסטנטייל פריער געהאַט אויפגעפירט געוואָרן און זיי זענען שוין געווען באַקאַנט ווי נאָר אַ דראַמקרײַז.

נאָך אַ שמועס מיט אַ יונגן זייער פעיִקן ייִדישן בחור, בערל וויינשטאָק און מיט דעם אויסגעצייכנטן לינאָטיפּיסט יעקב שטאָטלאַנד, האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאָלעקטיוו אַרויסצוגעבן אַ נײַע „טאָג צייטונג״.

מיר האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך און איינגעצאָלט די סומעס אַלס גאַ־ראַנטיע, אַז קיינער פון אונדז וועט נישט חרטה טענהן... מיר זענען געוואָרן אַ קאָלעקטיוו פון צ ע ן חברים. פיר פאַר דער רעדאַקציע, (הערץ ברוסילאָווסקי, בערל וויינשטאָק, וואָלף ברעסלער און איך; פיר פאַר דער דרוקערײַ, דאָס הייסט די לינאָטיפּיסטן און דרוקער אונטער דער לייטונג פון יעקב שטאָטלאַנד און משה ווינער און משה שפּרינבערג און טביה בערעלעכים פאַר דער אַדמיניסטראַציע.

אויסלאָזנדיק די אַלע איבערלעבענישן אין דער דאָזיקער זייער אינ־

H. LEIVICK

En compañía del redactor del "MORGNZAITUNG", señor N. ZUCKER, en el momento de desembarcar en tierra argentina en el año 1936.

(פון דער שפּאַנישער זײַט פון דער נאָכמיטיק־אויסגאַבע פון „מאָרגנצײַטונג").

נחמיה צוקער באַגריסט דעם גרויסן קינסטלער־גאַסט ה. לייוויק, צו זײַן אָנקומען קיין אַרגענטינע אַלס דעלעגאַט פון ייִדישן „פּען־קלוב" צום אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס וואָס איז אין 1936 פֿאָרגעקומען אין ב. איירעס

טערעסאַנטער טאָג־צײַטונג וואָס איז דערשינען אינדערפרי אַלס „מאָרגנ־צײַטונג" און שפּעטער אויך נאָך מיטיק, אַלס „אָונטצײַטונג", וויל איך דאָ בלויז דערמאָנען, אַז מיר האָבן שפּעטער צוגעצויגן די שרייבער קהת קליגער, משה קויפמאַן, יוסף האָרן, פּאַלעק לערנער אַלס פּערמאַנענטע מיט־רעדאַקטאָרן, אָבער צוליב די נײַע באַלעבאַטים וואָס האָבן די צײַטונג איבערגענומען און געוואָלט זי אויסנוצן פאַר געזעלשאַפטלעכע פּאָליטי־קערײַען, און אויך צוליב אינטריגעס און מחלוקתן צווישן די רעדאַקטאָרן, איז די צײַטונג אונטערגעגאַנגען אין אָנהויב 1941.

אינצווישן האָב איך אויך מיטגעאַרבעט אין „אַרגענטינער מאַגאַזין" וואָס וועלוול טשערנאָוועצקי האָט אין 1935 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַלס חודש־זשורנאַל פאַר פאַמיליע אינטערעסן און אין 1943 האָב איך אָנגע־הויבן פאַרעפנטלעכן אין „די אידישע צייטונג" מײַן וועכנטלעכן געגראַמטן

פעליעטאָן „עונג שבת" און עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך אויך פאַר־עפנטלעכט אין „די אידישע צייטונג" צענדלינגער נײַע דערציילונגען מער־סטנס פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע און אַ סך פון זיי זענען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם.

אין „די אידישע צייטונג" האָב איך מיטגעאַרבעט ביז צו מײַן כובי־לירן זיך און אויך דערנאָך פאַרעפנטלעכט געלעגנהייטלעך פאַרשידענע שאַ־פונגען אין ליד און אין פּראָזע.

פאַרטיק מיט מײַנע צײַטונגס־אַרבעטן, וויל איך דאָ פאַרצייכענען קודם, די קאָמפּלעטע רשימה פון מײַנע דערשינענע ביכער און דערנאָך אויך די רשימה פון די ביכער וואָס איך האָב רעדאַקטירט.

1) „ח ל י צ ה", דראַמע אין דרײַ אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, אַרויסגע־געבן פון פאַרלאַג „דאָס ביכל אין קראָקע 1922.

2) „א יי נ אַ ק ט ע ר ס" א) „ווען די נאַכט פאַלט צו"... און ב) „אויפן קאַמפּ", ביידע איינאַקטערס פון קאָלאָניסטיש־יידישן לעבן אין ענטרע ריאָס, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אַרטיסטיש ווינקעלע", בוענאָס איירעס, 1924.

3) „ש פּ אַ ס א ו ן ע ר נ ס ט", פּאָעמעס, לידער און פּאַראָדיעס — פאַרלאַג „דער קונדאס", בוענאָס איירעס, 1933.

4) „פאַר דראַמקרײַזן" צ ע ן איינאַקטערס: 1) „אין רעדאַקציע"; 2) „אַן עצה" (פּאַראָדיע לויט שלום־עליכמס „עצה"); 3) „דער רעצענזענט"; 4) „ווען די נאַכט פאַלט צו"; 5) „אויפן קאַמפּ"; 6) „אין פעלד־שפּי־טאָל"; 7) „די קליאַטשע" (סצענירט ספּעציעל פאַר אַן אָנדענק־פאַרשטע־לונג צום 10טן יאָרצײַט נאָך מענדעלע מוכר ספרים. דער איינאַקטער צו־זאַמען מיט נאָך דרײַ אַנדערע, זענען דערשינען אין אַ ספּעציעל ביכל „פון זיידנס קוואַל"), אַרויסגעגעבן פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין ה.ד. נאָמבערג, ב. איירעס, 1927); 8) „מקובלים" (סצענירט אין צוויי בילדער און אַ סך מאָל אויפגעפירט); 9) „דער קונסט מאָלער" (סצענירט לויט דוד עדעלשטאַטס דראַמאַטישן עטיוד); 10) „ברידער" (סצענירט אַלס אָפּערע־ליברעטאָ אין צוויי בילדער, לויט דער שילדערונג פון י.ל. פּרץ אין זײַן „ביים פּרעמדן חופּה־קלייד", דערשינען אין ב. איירעס, 1933.

5) „פון אַלץ צו ביסלעך" — 22 סקיצן און דערציילונגען, פאַרלאַג „דער קונדאס", ב. איירעס, 1935.

6) „אין נאָמען פון גערעכטיקייט", טראַגעדיע אין זיבן בילדער, (דריי אַקטן) מיט אַ פּראָלאָג, אויפגעפירט אין 1928 און 1929, דערשינען אין בוך־פאָרם 1935.

7) „פאַבריקאַנטן", איינאַקטער אויפגעפירט און אַרויסגעגעבן, ב. איי־רעס 1936.

8) „איינאַקטערס" — צווייטע אויפלאַגע, 1937.

9) „פיר דורות יידיש טעאַטער" ראָמאַן אין צוויי טיילן, 512 זייטן, וועגן לעבן און שאַפן פון דער יידישער אַקטריסע זינאַ ראַפּעל, בוענאָס איירעס, 1944.

10) „צווישן נעכטן און מאָרגן" — 7 גרעסערע דערציילונגען און אַ דראַמאַטישער מלחמה־רעפּאָרטאַזש „אין בלוטיקן גערענגל" אין אַכט בילדער מיט אַ פּראָלאָג (208 זײַטן) ב. איירעס, 1946.

11) „מוטער און קינד", ראָמאַן פון די אימיגראַנטישע יאָרן, ב. איירעס 1946. („מוטער און קינד" איז צוערשט געווען געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „הײַנטיקע נײַעס" און אין „פאָלקסבלאַט" — מאָנטעווידעאָ).

די לעצטע צוויי ביכער זענען דערשינען צו מײַן ווערן אַ בן־חמשים, אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן באַערונגס־קאָמיטעט.

12-13) „שיף אַטלאַנטאַ", אַ צוויי־בענדיקער ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע, אַריבער 500 זײַטן, ערשטער באַנד דערשינען 1952 און 2־טער — 1954. (אויך געווען געדרוקט אין המשכים אין „פאָלקסבלאַט" — מאָנטעווידעאָ).

14) : אויף נײַע רעלסן" — 17 גרעסערע דערציילונגען אין צוויי קורצע ראָמאַנען פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע, אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט צו מײַן ווערן אַ בן־ששים, אין בוענאָס איירעס, 1956.

15) אַ צווייטע אויפלאַגע פון זעלבן בוך, דערשינען ב. איירעס, 1957.

ביכער וואָס איך האָב רעדאַקטירט:

(אַ חוץ פאַרשידענע אַלמאַנאַכן פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד, פון אַמבולאַנטן פאַריין און אַנדערע צופעליקע רעדאַקציע־אַרבעטן):

1) **„ערשטער יאָרבוך פון אַרגענטינער יידישן ישוב"**, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „יידיש" געגרינדעט און אָנגעפירט פון יעקב באַטאַשאַנסקי, אברהם מיטעלבערג און וואָלף ברעסלער. דער ערשטער אַרגענטינער יידישער יאָרבוך האָט 9 אָפּטיילונגען : — 1) פּובליציסטיק; 2) לידער; 3) דערציילונגען; 4) אָפּהאַנדלונגען; 5) יידישע כראָנאָלאָגיע; 6) קאָמענטאַרן; 7) באַריכטן; 8) אינדוסטריע; 9) האַנדל. אין דעם בוך האָבן זיך באַטייליקט מיט ווערטפולע אַרבעטן ביי די פּערציק היגע יידישע שרייבער און איך וויל זיך אין איצטיקן מאָמענט נישט פוילן, נאָר טאַקע דערמאָנען די נעמען פון די באַטייליקטע, לויט דער ריי ווי זיי זענען געדרוקט געוואָרן אין יאָרבוך:

יצחק קאַפּלאַן; מ. רעגאַלסקי; פּ. וואַלד; מ. שענדעריי; דוד גאָלד־

מאַן; אליהו טראַצקי; מיכל הכהן סיני; ב. רעזניק; ברוך הויכמאַן; נ. קריטשמאַר; מאיר בורסוק; ל. חדקל; קהת קליגער; צאַלעל בליך; בערל גרינבערג; יוסף ראַבינאָוויטש; מ. ד. גיסער; פנחס ביזבערג; נחמיה צוקער; אביגדור שפּריצער; נח וויטאַל; פאַליק לערנער; שמואל צעסלער; חנן איאַלטי; א. א. פישער; שניאור וואַסערמאַן; חיים בראַקאַזש; מנשה קאָנסטאַנטינאָווסקי; עליע ווערבלון; שלום סטאַראָשעווסקי; משה קאָנסטאַנטינאָווסקי; א. ל. שוסהיים; אַבסערוואַטאָר; ל. קלאָצמאַן; י. פּאַלאַטיצקי; באַלעסלאַוו לעווין, און ד״ר א רינסקי.

לויט דער רשימה פון די באַטייליקטע שרײַבער, איז לײַכט זיך פאָרצושטעלן די וואָגיקייט פון דעם אינהאַלט פון ערשטן יידישן יאָרבוך אין אַרגענטינע, וואָס איז דערשינען לויט מײַן פּלאַן און אונטער מײַן רעדאַקציע מיט דער מיטהילף פון וואָלף ברעסלער, אין ב. איירעס, 46–1945.

2) „פּ נ ק ס ג אַ ל י צ י ע״ 640 זײַטן גרויסן פאָרמאַט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן אין אַרגענטינע, צום 20־טן אַניווערסאַר זײַט זײַן גרינדונג, ב. איירעס 1945.

3) „זכרונות פון אַ האַלבן יאָרהונדערט יידיש טעאַטער״ פון דעם אַרטיסט בנציון פּ אַ ל ע פּ אַ ד ע. די זכרונות האָבן זיך מיט יאָרן צוריק געדרוקט אין „די פּרעסע״, פאַלעפאַדע האָט דערנאָך אַ סך צוגעשריבן און נישט וויניק אַראָפּגענומען און איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן דאָס טעאַטראַלע געשיכטע־בוך צו רעדאַקטירן און אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם אין קנאַפּע 500 זײַטן. ב. איירעס 1946.

4) „80 י אָ ר „אָ ר ט״ — זאַמלבוך וועגן 80 יאָר „אָרט״־טעטיקייט, מיט אַ רײַכן גראַפישן מאַטעריאַל, אַרויסגעגעבן אַלס יובילייאויסגאַבע פון אָרט״ אין אַרגענטינע, 1960. רעדאַקטירט פון נחמיה צוקער און יעקב מושקאַט.

5) „ג ע ד ע נ ק ב ו ך־ג אַ ל י צ י ע״ — אַרויסגעגעבן פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד לויט מײַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן צום אָנדענק נאָך די אומגעקומענע קדושים פון די אַלטע גאַליציאַנער היימען, מיט־רעדאַקטאָר — נחום לינדמאַן. ב. איירעס, 1960.

6) „צווייטער געדענקבוך״, אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינט, חברים און לאַנדסלײַט פון מעקסיקאָ, פאַראייניקטע שטאַטן און בוענאָס איירעס, פאַרלאַג „זכרונות״, ב. איירעס, 1964.

7) „ז אַ מ ל ב ו ך״ אַרויסגעגעבן פון שרייבער פאַריין ה. ד. נאָמבערג; צו דער פײַערונג פון פ ע ר צ י ק יאָר עקזיסטענץ פון פאַריין (1922-62), באַטייליקט אַ כ צ י ק אַרגענטינער יידישע שרײַבער, רע־

דאַקטירט פון יוסף מענדעלסאָן, אברהם זאַק און נחמיה צוקער אַלס רע־דאַקציע־סעקרעטאַר. ב. איירעס, 1962.

צו דער רשימה מעג איך אויך דערמאָנען אַ חוץ די צײַטונגען ווו איך בין געווען רעדאַקציאָנעל באַטייליקט, די ספּעציעלע אויסגאַבעס וואָס איך האָב אַליין רעדאַקטירט און אַליין געווען דער אַרויסגעבער פון זיי:

„כיכעטלילע״, (הומאָריסטיש וואָכנבלאַט) אַרויסגעגעבן 10 נומערן צו־זאַמען מיט דעם הומאָריסט ש. פריילעך.

„דער קונדאס״, אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט אַליין, אַלס פאָרזעצונג נאָך „כיכעטלילע״ פון 1930 ביז 1935. פון אָנהויב פינקטלעך יעדע וואָך און שפּעטער — צוויי וועכנטלעך און צום סוף חודשלעך. צוזאַמען 162 נומערן.

„ט ע אַ ט ע ר״ — חודש־אויסגאַבע ביים יידישן אַקטיאָרן פאַריין, 25 נומערן אין גרויסן פאָרמאַט „טאַבלאָיד״ און דערנאָך 16 נומערן פון זשורנאַל־פאָרמאַט. דערשינען פון 1933 ביז 1943.

פון די פריער אויסגערעכנטע אַלמאַנאַכן וואָס איך האָב רעדאַקטירט, ווילט זיך מיר בלויז דערמאָנען, דעם אַלמאַנאַך פון „אַמבולאַנטן פאַריין״. פאַר וועלכן איך האָב געשריבן אַ ספּעציעלע פּאָעמע „דאָס פאַרשווונדענע פּעקל״ וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן קאַפּיטל געשיכטע פון יידי־שן לעבן אין אַרגענטינע אין די יאָרן 30־1920 און מיט וועלכער איך האָב פּאַקטיש געשילדערט דעם אויטענטישן העלד פון דער דאָזיקער געשעע־ניש, דאָס איז געווען דער דיכטער און דראַמאַטורג ל יי ב מ ל א ך.

די פּאָעמע, וואָס איך האָב באַצייכנט ווי „כמעט אַ באַלאַדע״, האָב איך ווי אַ הייליקע דערמאָנונג אַרײַנגענומען צווישן די „קרישקעלעך גליק״ וואָס ווערן דאָ פאַראייביקט אין מײַן יובל־בוך. אַ צאָל סטראָפן פון דער פּאָעמע זענען ציטירט געוואָרן פון צענדליגער יידישע שרײַבער וואָס האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געשריבן וועגן יידישן לעבן אין אַר־גענטינע.

כדי צו פאַרענדיקן מיט מײַן שרײַבערישן טייל, האַלט איך פאַר פּאַ־סיק דאָ אויסצורעכענען די אַלע פּסעוודאָנימען, בעסער געזאָגט — פּ י ק־ט י וו ע נעמען וועלכע איך האָב אַלץ באַנוצט ביי פאַרשידענע געלעגנ־הייטן און אויך גאַנץ אָפט אין די פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן פאַר וועלכע איך האָב געשריבן.

אָט זענען די סך־הכלן נישט בלויז יתרו׳ס זיבן נעמען, נאָר אַריבער צוואַנציק, דורך וועלכע איך האָב צומאָל געזינדיקט מיט דער פּען:

די באַקאַנטע זענען געווען „ס אַ כ אַ ר י נ ק ו ס״, „קאַראַמעלאַ״, „שאָקאָלאַטקע״, האָמונקולוס״, „נאָטעלע קאַפּהאָן״, „בן־מנחם״, „נ. צ.״, „נון־צדיק״ און „נ צ ר״. „דער צימבלער״ (אַ ספּעציעלע רובריק אין „פּני־

מער און פנימלעך"), „אסתר פלוים" (אַ סעריע ווײַבערישע פעליעטאָנען") אין „אַרגענטינער טאָג"), „קיביצער", „גיצייסגעלט", „איקס איפסעלאָן", „אַבסערוואַטאָר", „רואה ואינו נראה", „ט ע אַ ט ר אַ ל", „ד"ר אַלמאַ-סאַדאָ" (הונדערטער טעאַטער-רעצענזיעס געדרוקט אונטער דעם נאָמען פון א. גאָלדפאַדנס אַ היסטאָרישע פּיעסע), „סצענאַריום", „ע נ ז ע ט", „קאַמיוואָיאַזשאָר" (באַארבעטע ידיעות פון פּראָווינץ-לעבן, פאַרעפנטלעכט אַלס קאָרעספּאָנדענצן), ש ל מ ה פ ע ל ד מ אַ ן (באַארבעטע ידיעות פון פּוילן, געדרוקט אין „מאָרגנצײַטונג" אַלס קאָרעספּאָנדענצן פון פּוילן...), „נ ח מ ן ק ר אַ ק אָ וו ס ק י", קורצע ראָמאַנען געדרוקט אין „אַרגענטינער מאַגאַזין" — „צ ו ה"ר" (מײַן ערשטער פּסעוודאָנים אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „לעמבערגער טאָגבלאַט" 1919-22) און „נ. ז אַ-נ ע נ ש ײַ ן" (מײַן מאַמעס (ע"ה) פאַמיליע-נאָמען פון דער היים) בלויז איינמאָל אונטער אַ גרעסערן אַרטיקל אין „פאָרווערטס".

טעאַטער און קולטור-טעטיקייט:

אויב איך האָב פון אָנהויב נאָך מײַן אָנקומען קיין אַרגענטינע צונויפּגעמישט מײַן צווייענדיקע טעטיקייט אַלס טעאַטראַל און שרײַבער, וויל איך דאָ בלויז אָנגיין מיט די ווײַטערדיקע טעטיקייטן מײַנע אויסשליסלעך אַלס דראַמאַטורג און יידישער קולטור-טוער.

פון ערשטן טאָג, ווען איך בין נאָך אין קראָקע 1917 אַרוים אויף דער געזעלשאַפטלעך-יידישער קולטור-אַרענע, האָב איך דאָס יידישע טעאַטער אָנגעהויבן באַטראַכטן אַלס זייער וויכטיקן יידישן קולטור-פאַקטאָר. די פּאָזיטיווע אויפטוען פון יידישן טעאַטער פאַר דער דערהויבונג פון יידישן בעל-מלאכה און קליינהענדלער, האָבן אָפט געהייסן פאַרקוקן זיינע שונדיסטיש-דעמאָראַליזירנדיקע פעלערן און שטייענדיק אין כסדרדיקן קאַמף פאַר דער פאַרבעסערונג פון יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר, וועלכן מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט אימפּאָנירן אויף דעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער מיט די אָרימע אַקטיאָרן, וואָס האָבן באַדאַרפט מאַכן אַ לעבן, האָבן מיר, יידישע קולטור-טוער געזוכט די פעלערן גוטצומאַכן דורך שאַפן דראַמאַטישע קרײַזן מיט אידעאַלע יוגנטלעכע יידישע טעאַטער-ליבהאָבער און אָט צו ד ע ר אַרבעט האָב איך זיך געהייליקט נאָך אין מײַן אַלטער היים אין קראָקע און אָט אָ די ליבשאַפט צום יידישן טעאַטער-וועזן האָב איך מיט זיך מיטגעבראַכט קיין אַרגענטינע און טאַקע באַלד, ווי נאָר איך האָב באַשלאָסן צו פאַרבלײַבן אין אַרגענטינע, האָב איך זיך אָנגעהויבן ווידמען פאַר דער אַרבעט.

יאָ, דאָ וויל איך דערמאָנען, אַז איך בין נישט געקומען קיין אַרגענ-

טינע ווי אַן אימיגראַנט, נאָר ווי אַ שרײַבער וואָס איז געקומען זיך באַקענען מיט דעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע און הויפּטזאַך, ווי אַזוי עס לעבן די יידישע קאָלאָניסטן. מײַן נסיעה, האָט עס געהייסן, איז בלויז אויף עטלעכע חדשים. אָבער, דורך די עטלעכע חדשים פון מײַן דאָ זײַן, האָט זיך דער מצב פון יידישן לעבן אין מיין אַלטער היים שטאַרק פאַרערגערט, די בריוו וואָס איך האָב באַקומען פון דער היים האָבן מיר כסדר געבראַכט נײַע איוב-בשורות, צוערשט וועגן די גרויסע נײַע שטײַערן און ספּעציעל לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און דערנאָך, מיט גראַבסקים טרויעריק-באַרימטער „עגלה”, וואָס האָט ענדלעך אויך אויסגעלייזדיקט אונדזער שניט-געשעפט וואָס די מאַמע האָט אָנגעפירט און אין דער צײַט, האָב איך געזען אַז קיין אַרגענטינע קומען כסדר יונגע יידישע אימיגראַנטן און זיי בענקען, זיי זוכן סביבה און מען דאַרף זיי אָרגאַניזירן און ווי איך האָב שוין דערמאָנט, מיט מיין באַקענען זיך מיט איזאַק און עדיאַ טאַבאַקשניידער און איר ברודער, האָבן מיר זיך צוזאַמען גענומען צו דער אַרבעט און געשאַפן דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע”.

אָנהויבנדיק ציען מײַן קאַרגע פּרנסה אַלס שרײַבער און מיטאַרבעטער (וויאַזוי איך האָב שוין דערמאָנט), צוערשט אין „מונדאָ איזראַעליטאַ” און שפּעטער פּערמאַנענט אין מ. שפּרינגבערגס „פּנימער און פּנימלעך”, האָב איך — כדי צו קענען אָנזאַמלען אויף הוצאות אַריבערצובריינגען מײַן פרוי — אויך אָנגעהויבן פירן מסחר עטלעכע שעה אין טאָג, און איך האָב נאָך געהאַט גענוג צײַט צו ווידמען זיך פאַר דער אָרגאַניזירונג פון קולטור-קרײַזלעך, אחוץ „אַרטיסטיש ווינקעלע”; אויך ביי דער רעאָרגאַניזירונג פון ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַריין וואָס ה. ד. נאָמבערג האָט אים געהאַט געגרינדעט און נאָך נאָמבערגס צוריקפאָרן קיין וואַרשע, איז דער פאַריין געוואָרן אויס... און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך זיך באַקענט מיט לאַנדסלײַט, יונגטלעכע נאָר-וואָס געקומענע וואָס האָבן דאָ מיטגעמאַכט קאַלט און וואָרים און פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט פון עלטערע שוין לאַנג-געקומענע וואָס זענען שוין תושבים, נאָר זיי האָבן זיך נאָך אַלץ גערופן „עסטרײַכער” און געשעענישן האָבן זיך געקײַקלט, און די גאַליציאַנער תושבים האָבן דערפילט אַז זיי דאַרפן העלפן לינדערן די נויטן פון די נײַ-געקומענע לאַנדסלײַט און אַזוי בין איך געווען איינער פון די ערשטע פינף, וואָס האָבן באַשלאָסן אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ גאַליציאַנער לאַנדסלײַט פאַריין וואָס זאָל האָבן די אויפגאַבע צו העלפן די נויט-לײַדנדיקע לאַנדסלײַט סײַ מאָראַליש ווי מאַטעריעל.

די מאָראַלישע הילף, האָט נאָר געקאָנט געגעבן ווערן, דורך שאַפן אַ סביבה וואָס זאָל זיך צונויפקומען אויף אָפטע קולטור-מסיבות און צום ערשטן יאָרטאָג נאָך דער גרינדונג פון פאַרבאַנד, האָט שוין אַקטואירט

אַ דראַמקרײַז וואָס האָט געפײַערט דעם יאָר-יום-טוב מיט אַ גרויסער טעאַטער אונטערנעמונג אונטער מײַן אָנפירונג, און עס איז געדרוקט געוואָרן אַן אַלמאַנאַך.

און אַזוי איז שוין געגאַנגען מײַן וועג פון איין זײַט אַלס שרייבער, פון דער צווייטער — טעאַטער און קולטור-אַרבעט.

נאָך די אויפירונגען פון „אַרטיסטיש ווינקעלע" און אין גאַליציאַנער פאַרבאַנד, האָב איך דורכגעפירט פאַרשטעלונגען מיט די דראַמקרייזלער פון וואַרשעווער קולטור-קלוב, פון דראַמקרייז „מוזע", ביז עס איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט יעקב באָטאשאַנסקי צו ווערבירן די בעסטע אַמאַטאָרן פון די אַלע שוין עקזיסטירנדיקע דראַמקרייזן, צווישן די זענען אויך צוגעצויגן געוואָרן אויסגעצייכנטע כחות פון אַ פריערדיקן „יעקב גאָרדין-פאַריין", דאָס זענען געווען מערי פאָרטנוי מיט איר מאַן, פּעשע זייד, גיטלמאַן און פּרוי און נאָך, און מיט די אַלע אויסגעקליבענע אַרטיסטישע (נישט פּראָפעסיאָנעלע) כחות, האָבן מיר דורכגעפירט אַ גאַר גרויסע טעאַטראַלע אימפּרעזע א. נ. „די רייזינאַדע", צו אברהם רייזינס ווערן אַ בן-חמישים.

די „ר י י ז י נ אַ ד ע":

די טעקסטן און סצענאַרן פאַר דער „רייזינאַדע" האָבן מיר אויסגעאַרבעט אין דרײַען, באָטאשאַנסקי, משה-דוד גיסער און איך. גיסער האָט אָנגעשריבן עטלעכע זייער טרעפלעכע לויב-לידער פאַר אברהם רייזין דעם יובילאַר; באָטאשאַנסקי האָט געשריבן עטלעכע סצענקעס וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף אַ באַנקעט אין ניו-יאָרק לכבוד דעם יובילאַר און אין די סצענקעס האָבן זיך באַדאַרפט באַטייליקן אַ סך שרייבער פון ניו-יאָרק מיט משה נאַדיר און דער „לעבעדיקער" אַלס קאָנפעראַנסיערן.

מיר האָבן געהאַט אַ סך אַמאַטאָרן און מיר האָבן פאַרטיילט ראָלן לויט אונדזער אײַנזען, אָבער די צוויי הויפּט-מחותנים, די קאָנפעראַנסיערן נאַדיר און לעבעדיקער, האָבן מיר אַליין גענומען פאַר זיך. באָטאָשאַנסקי, משה נאַדיר און איך — דער לעבעדיקער. איך — כאַראַקטעריזירט און גרימירט אַלס „אָרלעקין" און באָטאשאַנסקי — אַלס פּאַיאַץ.

מיר האָבן אַלע גוט אויסגענומען אין די ראָלן און דאָס יידיש-קולטוררעלע בוענאָס איירעס, האָט לאַנג גערעדט וועגן דער דאָזיקער ליטעראַריש-קינסטלערישער יובילײ-פײַערונג, וואָס איז דורכגעפירט אין דעם גרויסן סאַלאָן „גאַריבאַלדי" וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף סאַרמיענטאָ 2419, אין וועלכער די צוויי שרייבער באָטאשאַנסקי און צוקער, זענען אויפגעטראָטן און געשפּילט ווי אַקטיאָרן.

„טיפּן-גאַלעריע פון צוויי קוואַלן"

דאָס איז געווען מיין ערשטע צוזאַמענאַרבעט מיט דער גאַנצער פּראָ-פעסיאָנעלער אַרטיסטן-משפּחה; בלויז עטלעכע חדשים נאָך דער „רייזי-נאַדע", האָט דער ליטעראַטן פאַריין געוואָלט דורכפירן אַ גרויסע פּרץ און שלום עליכם פייערונג אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַ סך שרייַ-בער מיט זייערע קורצע טרעפלעכע אַפּאָריזם-אַרטיקע אָפּשאַצונגען און חוץ דעם איז אויף מייַן חלק אויסגעפאַלן צוצושטעלן דעם טעאַטראַלן טייל.

מיט אַ הייליקן געפיל האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט און גע-שאַפן אַ סצענאַר פאַר אַ גרויסער טיפּן-גאַלעריע ווו עס זאָלן דערשייַנען די וויכטיקסטע העלדן פון די שאַפונגען פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם.

כדי דאָס צו קענען דורכפירן, האָט מען געמוזט האָבן געשולטע אַר-טיסטן און אויף אַ רוף פון ליטעראַטן פאַריין זענען געקומען אַלע אַק-טיאָרן און איך האָב פאַר זיי פאַרגעלייענט די ליברעטאָ. די אַקטיאָרן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן און איינער האָט געוואָגט אַ פרעג צו טון: — און ווו זענען די ראָלן פאַר אונדז?

— דאָס זענען זיי. איר דאַרפט שפּילן ביים אויפטריט אַלס די פּער-סאָנאַזשן וואָס פּרץ און שלום עליכם האָבן געשילדערט, איר שפּילט ווי איר וואָלט פאַרענדיקט אַ רעפּליק פון אייַער ראָל און נאָך עטלעכע טריט ווען איר קומט נעענטער צום גבול פון אייער באַשאַפער (פּרץ אָדער ש. עליכם), ווערט איר מ ו מ י פ י צ י ר ט און איר גייט שוין מיט ריט-מישע טריט לויט די קלאַנגען און ריטם פון דער מוזיק ביז צו אייער פּלאַץ אויף דער קאָנסטרוקציע, וואָס וועט דערנאָך בילדן די פּיראַמידע און ליכט מיט מוזיקאַלישע באַגלייטונג וועט שאַפן די גרויסע עמאָציע פאַר דעם אַ פּ אָ ט עָ אָ ז ביז צום פאַמעלעכדיקן פאַלן פון פאָרהאַנג.

נישט אַלע אַקטיאָרן האָבן עס געגנוי פאַרשטאַנען. דאָס איז באמת גע-ווען עפּעס נייַעס, אָבער דער אינטעליגענטער אַרטיסט לעאָ האַלפּערן, (ער האָט געהאַט די ראָל פון צדיק פון פּרצנס „אויב נישט נאָך העכער") האָט מיר אַ סך געהאָלפן אַז די אַקטיאָרן זאָלן זיך אונטערוואַרפן מייַן רעזשי און צום גליק האָב איך דעמלט געהאַט דעם פרייַען פּיאַנאָ-קינסטלער און קאָמ-פּאָזיטאָר י אַ ש אַ פ י ש ע ר מ אַ ן, וועלכער האָט לויט מייַנע אָנ-ווייַזונגען געשאַפן די מוזיקאַלישע אילוסטראַציע און הלמאי לייקענען? איך האָב אין מייַן גאַנצן לעבן, נישט פריער און נישט שפּעטער געהאַט אַזאַ נחת רוח פון מייַנם אַ קינסטלערישן דערפאָלג, ווי דעמלט, פון דער אויפירונג „פון די צוויי קוואַלן".

אַ האַלבע שעה האָט דער עולם אין טעאַטער „אַמבו" נישט אויפגע-הערט צו אַפּלאָדירן, כדי דער פאָרהאַנג זאָל זיך ווידער און אָבער אויפהויבן

און מען זאָל קענען נאָכאַמאָל זען די אויסגעשטעלטע מומיפיצירטע פּיראַ־מידע פון פּרץ און שלום עליכמס העלדן און הערן די פינאַלן פון יאַשאַ פּישערמאַנס מוזיקאַלישער אילוסטראַציע.

אַ וויכטיקן שותּף צום דערפאָלג, האָב איך געהאַט אין דעם קונסט־מאָלער און צייכנער מ י ש אַ ש וו אַ ר ץ, וועלכער האָט צוויי וואָכן געאַרבעט ביים צוגרייטן די קאָנסטרוקציע פאַר דער פּיראַמידע און ער האָט געמאָלן און געצייכנט די טיפּן, קאָסטיומען און מאַסקעס פאַר דער דאָזיקער ליטעראַריש־טעאַטראַלער פאַרשטעלונג.

די אַקטיאָרן האָבן שפּעטער נאָך צוויי מאָל דורכגעפירט די זעלבע טיפּן־גאַלעריע אַלס בענעפיטן לטובת דעם פאַריין וואָס זיי האָבן דעמלט אָרגאַניזירט און ער האָט עקסיסטירט ביי די צוויי יאָר און געוואָרן אויס.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט מיך דער ליטעראַטן פאַריין ווידער מזכּה געווען מיט אַן אַרבעט.

דער דיכטער לייב מלאך, נאָך דעם גאַנצן טאַראַראַם מיט דער אויפפי־רונג פון זיין פּיעסע „איבערגוס" מיטן גאַנצן טעאַטער־סקאַנדאַל, האָט אין דער אמתן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין פּרנסה. ער האָט געפּרוּווט זיך נעמען צום האַנדל (אַלס „קלאַפּער"), אָבער אַ דורכפאַל האָט אים באַלד געמאַכט פאַר אוים קאַפּעליוש־מאַכער...

„די מויד פון לודמיר":

איז דאָך לייב מלאך געווען ביי מיר אַן אָפּטער בן־בית, געקומען צו אונדז אויף גאַזשעגאַס (ער האָט געוווינט דאָרט נישט ווייט) אָפט אַליין און אַמאָל אויך מיט זיין ווייב און דריי קינדער, עס איז געווען אַ צער צוצוזען זייער נויט און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער האָט געלט אויף הוצאות, וואָלט ער אַרויסגעפאָרן אויף דער וועלט און ער וואָלט זי־כער פאַרדינט פון פאַרלעזונגען, ער זאָל קענען שיקן פּרנסה פאַר ווייב און קינדער.

האָט מען אין שרייבער פאַריין באַשלאָסן דורכצופירן אַ גרויסע געזעגן פאַרשטעלונג לכבוד לייב מלאך. מלאך וועט פאַרלייענען פון זיינע שאַפונגען, און איך האָב זיך אונטערגענומען צו סצענירן זיין פיר־אַקטיקע דראַמע „אין גאָרן־שטיבל". באַאַרבעטן זי אַזוי, אַז עס זאָל זיין בלויז איין אַקט און וויזנדיק מלאכן דעם באַאַרבעטן טעקסט, וואָס איך האָב איצט באַטי־טלט „די מויד פון לודמיר", האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע צופרידנ־הייט און מיר געדאַנקט. און אָט די באַאַרבעטונג האָב איך אויפגעפירט מיט דער אידעאַלער אַמאַטאָרן־גרופּע, וואָס האָט אַמאָל אַקטואירט אין „יעקב גאָרדין־פאַריין", מערי פאַרטנוי, אַן אויסערגעוויינלעך־טאַלאַנטיר־

טע אַקטריסע, האָט געשפּילט די טיטל ראָל אַלס „די מויד פון לודמיר״ וואָס איז געוואָרן אַ רבי (די פּיעסע איז אויף אַ היסטאָרישן פּאַן) און די פאָרשטעלונג האָט זיך דעמלט זייער גוט אײַנגעגעבן.

„אין די נעגל פון שטן״

נאָך מײַן נענטער באַקענען זיך מיט די אַקטיאָרן, אַ דאַנק דער אויפֿירונג פון „די צוויי קוואַלן״, האָט מיך דער טעאַטער דירעקטאָר י ע ק ב מ אַ ר י נ אָ וו (פון טעאַטער „עקסעלסיאָר״) פאַרבעטן און באַשטעלט ביי מיר אַ פּיעסע, וואָס זאָל זײַן אויף דער טעמע פון אַ דעמלט זייער אַקטועלן סענסאַציאָנעלן פּראָצעס מיט אַ „זלאַטע די רביצין״. ער האָט מיר געוואָלט געבן אַ טעקסט וואָס ער האָט באַקומען פון פּאַריז, נאָר דער טעקסט געפעלט אים נישט און אַזוי ווי דער נאָמען איז שוין אַנאָנסירט, וויל ער האָבן אַן אַנדער פּיעסע אויף דער טעמע.

איך האָב זײַן טעקסט נישט געוואָלט און איך האָב אויך צוריקגעוויזן זײַן אָנבאָט פון באַצאָלן מיר פאַר דער אַרבעט צי עס וועט יאָ אָדער נישט געפעלן דער טעקסט, נאָר איך האָב געזאָגט: — איך נעם אונטער און אויב עס וועט אײַך נישט געפעלן, דאַרפט איר מיר גאָרנישט באַצאָלן.

דאָס איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטיק, איך בין גלײַך אַוועק אין רעדאַקציע „די פּרעסע״ געבעטן די נומערן „פּרעסע״ ווו עס זענען געווען געדרוקט די באַריכטן פון דעם סענסאַציאָנעלן פּראָצעס, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געלייענט און געמאַכט פאַרצייכענונגען און אויף צומאָרגנס, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן די פּלענער ווי אַזוי צו באַאַרבעטן דעם רוי־מאַטעריאַל, אַז עס זאָל נישט זײַן קיין סתם רעאַליסטיש־שונדיסטישע מעשה און עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער ראַדימנער רבי (דער הויפּט־העלד פון דעם פּראָצעס) איז טאַקע אַ צדיק, נאָר דער שטן באַקומט רשות פון רבונו של עולם, ער זאָל אים דערפירן צום גרויסן נ ס י ו ן.

בקיצור, איך האָב באַשלאָסן אָנצוהויבן די פּיעסע מיט אַ פּראָלאָג וואָס שפּילט זיך אָפּ אין הימל ווו צווישן די געזאַנגען פון מלאכים און אַ באַלעט פון מלאכי־חבלה, דערשײַנט דער ש ט ן און האָט טענות צום נישט־זעבאָרן גאָט.

נו, אָנגעהויבן מיט דעם פּראָלאָג, האָב איך שוין געמוזט צוטראַכטן אויך דעם עפּילאָג, לויט וועלכן דער געוועט צווישן גאָט און שטן, בלײַבט ר ע מ י.

דאָנערשטיק אָוונט האָב איך געבראַכט מײַן פּיעסע אין טעאַטער „עקסעלסיאָר״. אַז דער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר מרדכילע האָכבערג האָט געהערט אַז עס איז דאָ אַ מוזיקאַלישער פּראָלאָג, האָט ער אָנגעהויבן

פּאַטשן מיט די הענט פון פרייד און ער האָט געבעטן איך זאָל אים געבן בלויז דעם פּראָלאָג.

האָכבערג האָט געהאַט מיט זיך דעם פּראָלאָג און צומאָרגנס נאָכמיטיק איז געווען באַשטימט די לייען-פּראָבע.

אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" האָבן דעמלט גאַסטראָלירט מינאַ און מאָרים אַ ק ס ל ר א ד און דאָס אויסגעצייכנטע אָפּערעטן-פּאָרל זיידעמאַן – לערנער, מיט אַ היפּשער טרופּע און מיט אַ גרויסן כאָר און אָרקעסטער און אַן ערשט-קלאַסיקן באַלעט.

ווען איך בין געקומען צו דער פּאָרלעזונג, בין איך איבעראַשט געוואָרן פון אַ פּרעכטיקן קאָנצערט-נומער וואָס האָכבערג האָט אויסגעשפּילט אויף דער פּיאַנאָ און נאָכן פאַרענדיקן איז ער צו מיר צוגעקומען און מיט טרערן אין די אויגן מיך אַרומגעכאַפּט: — צוקער, דאָס אז דאָך אײַער פּראָלאָג!...

יאָ, אין איין טאָג האָט דער פײַנער מוזיק-קינסטלער געשאַפן די מוזיק פאַר אַ מלאכים-כאָר און אויך פאַר דעם טאַנץ פון די מלאכי חבלה.

צען טעג פּראָבע, און די פּיעסע גייט.

אָבער, מאַרינאָוו האָט נישט געקאָנט אָפּטרעטן פון דעם נאָמען וואָס ער האָט געהאַט אַנאָנסירט און אפשר האָט ער גערעכנט אַז דער נאָמען „זלאַטע די רביצין" וועט קלינגען מער סענסאַציאָנעל און וועט ברענגען בעסערע געשעפטן, האָט ער צו מײַן נאָמען וואָס איך האָב געגעבן דער פּיעסע, „אין די נעגל פון שטן", צוגעשטעלט אַ גרויסן אונטער-קאָפּ: — זלאַטע די רביצין" און אָט צוליב דעם אונטערקאָפּ, האָב איך נישט געוואָלט שטעלן מײַן נאָמען נחמיה צוקער אַלס אויטאָר, נאָר געחתמעט — סאַכאַרינקום, און ס'האָט מיך געגוג פאַרדראָסן, פאַרוואָס באַטאַשאַנסקי האָט אין זײַן רעצענזיע (געדרוקט אין „די פּרעסע" אויסגעזאָגט דעם סוד כאָטש דאָס איז שוין געווען געגוג באַקאַנט) אַז סאַכאַרינקום איז דער פּסעוודאָנים פון נחמיה צוקער...

די פּיעסע איז דאַן געגאַנגען דרײַ וואָכן, אַכט פאָרשטעלונגען וועכנטלעך, און דעמאָלט שפּילן דרײַ וואָכן אַ פּיעסע, האָט געהייסן אַ רעקאָרד.

„אין נאָמען פון גערעכטיקייט"

פון דער אויפפירונג אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" האָב איך זייער פײַן פאַרדינט (לויט דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן), אָבער עפּעס האָב איך זיך געפילט נישט צופרידן מיט זיך, וואָס איך האָב געמוזט לאָזן שטעלן דעם נאָמען „זלאַטע די רביצין" און איך האָב זיך געוואָלט קינסטלעריש רעהאַבּיליטירן און דעמלט איז גראָד געווען זייער אַקטועל די טראַגישע געשיכ-

טע מיט ס אַ ק אָ און וואַנצעטי וואָס האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט און איך האָב באַשלאָסן צו שרײַבן אַ פּיעסע אויף דער טעמע.

איך האָב דעמלט געשריבן פאַר „פנימער און פנימלעך” צוויי אַר־בעטן יעדע וואָך און איך האָב אָנגעפירט מיט דער קולטור־קאָמיסיע פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד און פרנסה האָב איך דאָך אויך באַדאַרפט האָבן. האָב איך געהאַנדלט אין די פרימאָרגן שעהן און פונדעסטוועגן, איך האָב ניט גערוט, די טעמע האָט געמאָנט ביי מיר און איך האָב פאַרטיק געהאַט די פיעסע „סאַקאָ און וואַנצעטי” מיט אַ פּראָלאָג, זיבן אויפצוגן און אַן עפּילאָג.

איך האָב נאָך נישט געקאָנט באַצייכענען צי איז עס אַ דראַמע, אָדער אַ טראַגעדיע און דעם עפּילאָג האָב איך אויך נישט געקאָנט פאַרענדיקן, ווײַל דער פּראָצעס האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן. שוין עטלעכע מאָל האָט מען די צוויי מאַרטירער אַרויסגענומען פון טויטן־צעל און זיי באַלד ווי־דער אַרײַנגעזעצט און איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט, אַז די פּיעסע וועט זיך אין עפּילאָג קענען פאַרענדיקן מיט אַ „העפּי־ענד” און עס וועט קע־נען הייסן דראַמע.

אָבער, דער סוף איז שנעל געקומען. אָט זיצן זיי ווידער אין טויטן־קאַמער און אין איינעם אַ פאַרטאָג איז אויסגעפירט געוואָרן דער טויט־אור־טייל און ביידע זענען אומגעקומען אויפן עלעקטרישן שטול.

„סאַקאָ און וואַנצעטי” איז געוואָרן אַ טראַגעדיע.

אין סאַלאָן פון דער „פּרייער ביבליאָטעק” האָב איך געהאַט די ערשטע פאָרלעזונג פון דער פּיעסע. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם און ד״ר זשיט־ניצקי האָט דעמאָלט געשריבן אַ גרויסע רעצענזיע מיט אַ סך קריטישע באַ־מערקונגען, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט, אַז אַ גרופּע פון דעמאָלט־דיקן דראַמאַטישן קרײַז ביים קלוב „אַוואַנגאַרד” זאָל מיך פאַרבעטן איך זאָל מיט זיי אויפפירן די פּיעסע און זײַן זייער רעזשיסאָר.

די אַמאַטאָרישע כוחות דאָרט, זענען געווען אויסגעצייכנטע און עס איז געווען אַ נחת צו אַרבעטן מיט זיי. אַ חוץ די 26 ראָליסטן וואָס האָבן זיך באַדאַרפט באַטייליקן אין דער אויפפירונג אויף דער בינע, האָבן זיי מיר צוגעשטעלט אַ גאַנצן שטאַב מיט מאָלער, צייכנער, סטאָליאַרעס און עלעק־טריציסטן, וואָס האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן מאָלן און צייכענען מאַקעטן פאַר די דעקאָראַציעס און צוויי סטאָליאַרעס האָבן אויפגעשטעלט דעם הויכן פעלזן־באַרג ווו עס דאַרף שטיין די געטין פון גערעכטיקייט (אין פּראָלאָג) און די קאָנסטרוקציע איז אַזוי קינסטלעריש באַמאָלן געוואָרן, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער באַרג־פעלז.

די איינמאָליקע פאָרשטעלונג, האָט געגעבן פולע סאַטיספאַקציע פאַר

דער קאַלאָסאַלער אָנשטרענגונג און איך האָב אַ צײַט שפּעטער אויפגעפירט מיט די זעלבע פײַנע נישט אַמאַטאָרן, נאָר טאַקע אמתע אידעאַלע שוישפּילער, עטלעכע איינאַקטערס און אַ גאַר גרויסן ספּעקטאַקל „קעניג הונגער" וואָס איך האָב פאַר זיי סצענירט פון אַנדרעיעווס שאַפונגען.

„קעניג הונגער"

האָט מיר אויך געגעבן פולע מאָראַליש-קינסטלערישע סאַטיספאַקציע.

אַ יאָר שפּעטער, ווען די פּיעסע (געמוזט צוליב צענזור-טעמים ענדערן דעם נאָמען פון „סאַקאָ און וואַנצעטי", אויף) „אין נאָמען פון גערעכטיקייט" איז געדרוקט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן נומער פון דער טאָג-צײַטונג „אַרגענטינער טאָג", האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין טעאַטער „אַרגענטינע" דער סטאַר-גאַסט יאָזעף שיינגאָלד, און מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט אויפפירן די פּיעסע, נאָר איך זאָל אים העלפן שאַפן די טעכנישע מעגלעכקייטן וואָס ער האָט מורא, אַז די חברים טרופּע וועט אים דאָס נישט קענען צושטעלן.

נאָך אַ קורצער פאַרהאַנדלונג מיט דעם „אַוואַנגאַרד", האָבן חברה יאָטן געבראַכט אַלע דעקאָראַציעס אפילו מיטן גרויסן בילד פון וואַשינגטאָן און די פּיעסע איז געגאַנגען אין טעאַטער „אַרגענטינע" מיט אַ פיינעם דערפאָלג, אַזוי, אַז אפילו פאַר מיר, איז צוגעטיילט געוואָרן אַ שיינע סומע אַלס האָנאָראַר.

אַן אָפּערעטע מיט 22 נומערן געזאַנג:

צווישן אַקטיאָרן און טעאַטער דירעקטאָרן בין איך שוין געוואָרן אַ שם דבר און אין איינעם אַ טאָג, קומט צו מיר דער טעאַטער דירעקטאָר י צ ח ק נ ו ג ע ר און פרעגט מיך, צי איך וואָלט אונטערגענומען פאַרוואַנדלען אַ מעלאָדראַמע אין אַן „אָפּערעטע־„ליברעטאָ".

אָפּגעמאַכט.

אַ שוידערלעכע מעלאָדראַמע פון אַ טאַטן אַן אַלמן וואָס גייט חתונה האָבן. נו, אַזוי ווי דער טאַטע האָט אַ שניידעריי פאַבריק האָב איך קודם פאַרטראַכט, אַז מען דאַרף עפענען דעם פאָרהאַנג מיט אַ כאָראַלן געזאַנג פון די שנײַדער-יונגן מיט די שנײַדערנס וואָס ציען פאַסטריגעס...

בקיצור, פון דער מעלאָדראַמע וואָס האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך נישט פון מעלאָ און נישט פון דראַמע, האָב איך באַשאַפן אַן אָפּערעטע־ליברעטאָ מיט 22 געזאַנג-נומערן.

נוגער האָט אָנגעפירט מיט זײַן יידישן טעאַטער (דעמלט) אין דעם צענטער-טעאַטער „נ אַ צ י אָ נ אַ ל" און די הויפּט פון זײַנע גאַסט-שווי-

שפּילער זענען געווען די פאַמיליעס שטראַמער און פעלדבוים מיט מאַדאַם ראַבינאָוויטש.

אין דער אָפּערעטע האָב איך געהאַט אַ ליד פאַר אַ קינטעט, וואָס איז געווען אַזאַ דערפאָלג, אַז מען האָט דעם רעפריין געמוזט ביסירן אַ צענדלינג מאָל.

דער רעפריין האָט געלויטעט:

„לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן, לאָמיר זאָגן, נאָך אים שבחים!
לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן, לאָמיר זאָגן נאָך אים שבחים!
וואָס דער פעטער מיט זײַן שטאַרבן האָט געטוען ווי אַ חכם!
לאָמיר וויינען...״

אַ צווייט ליד, אַ דועט „די ליבע איז די קרוין פון לעבן״, וואָס סאַלאָמאָן שטראַמער און פרוי האָבן אינטערפּרעטירט און צוליבן דערפאָלג, האָט ער דאָס ליד דערנאָך אָפּגעדרוקט מיט די נאָטן און עס איז אָנגעקומען אין אַ סך יידישע שטיבער ווו מען האָט דאָס ליד גערן געשפּילט (ווו עס איז געווען אַ פּיאַנע) און געזונגען.

דאָס וויכטיקסטע: — די מוזיק צו דער אָפּערעטע, האָט געשאַפן דער הײַנט אַזוי באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר י ע ק ב פּ י כ ע ר.

דעמלט האָט יעקב פּיכער אַקטוירט אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין יידישן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון יצחק נוגער.

נאָך דעם דערפאָלג פון דער אָפּערעטע, האָט מיך פּיבער סוגערירט, אַז איך זאָל שרײַבן אַ צווייטע אָפּערעטע לויט מײַן גוסט, וואָס וועט זיכער זיין בעסער ווי דעם „טאַטנס חתונה״...

און עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָב איך אים פאָרגעלייגט אַ נײַע ליברעטאָ א. ט. „אַ ק ט י אָ ר ן א ו י ף ד ע ר פּ ר אָ ו י נ ץ״, דאָס איז שוין געווען אַ דרײַ־אַקטיקע אָפּערעטע מיט 24 נומערן געזאַנג און געשאַפן לויט די כללים און לויטן מוסטער פון די אייראָפּעאישע אָפּערעטעס וואָס זענען מיר נישט געווען פרעמד.

יעקב פּיכער האָט צו דער אָפּערעטע געשאַפן אַ וווּנדערלעכע מוזיק וואָס איז געווען אַ פײַנע מוזיקאַלישע אינטערפּרעטאַציע פון דער פרייד און טרויער וואָס די העלדן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט.

אָבער, יצחק נוגער האָט געהאַט מאַטעריעלע שוועריקייטן צום נײַעם סעזאָן און יעקב פּיכער איז אַוועק פון יידישן טעאַטער און איז געוואָרן באַרימט אַלס קינסטלער פון גרויסן פאַרנעם.

נאָך אַ צײַט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון פאַרביטערונג לגבי דעם יידישן טעאַטער פון וועלכן ער האָט ג ע מ ו ז ט אַוועק אין אַ מאָמענט ווען ר'האָט ניט געהאַט קיין אַנדער אויסזיכט אויף פּרנסה, האָט ער דער־

נאָך פאַרניכטעט אַלע זײַנע אַרבעטן און נאָטן וואָס ער האָט געהאַט פון יידישן טעאַטער און פון דעם שטרענגן פסק-דין, איז אויך די מוזיק צו מײַן אָפּערעטע-ליברעטאָ „אַקטיאָרן אויף דער פּראָווינץ" געפאַלן אַ קרבן.

ווידער ליטעראַטור און טעאַטער:

יאָ. אינגאַנצן זײַן טעטיק אויף איין זײַט, איז מיר נישט געווען מעג-לעך. איך בין אין פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן פאַריין און דאָס איז מיך מתחייב צו אַרבעט, עס פעלט אַלעמאָל צו קענען באַצאָלן דירה-געלט פאַר דעם שטיבל ווו עס איז דער סעקרעטאַריאַט און מען דאַרף מאַכן אַן אונ-טערנעמונג. די פאַרוואַלטונג באַשליסט אַז עטלעכע חברים זאָלן אינסצעני-זירן שאַפונגען פון מענדעלע מוכר-ספרים, וועט מען קענען דורכפירן אַ טעאַ-טראַלע פײַערונג צום צענטן יאָרצײַט נאָכן זיידן פון דער יידישער ליטע-ראַטור.

פיר חברים האָבן צוגעשטעלט סצעניזירונגען וואָס זענען רעדאַקטירט געוואָרן און אָפּגעדרוקט אין אַ ביכל א. ט. „פון זיידנס קוואַל". די פיר סצע-ניזירונגען זענען געווען: פיניע וואַלד — „בנימין השלישי"; ש. פריילעך — „פישקע דער קרומער"; יצחק טאַבאַקשניידער — „דאָס ווינטש פינגערל" און איך: — — —

„ישראליק דער משוגענער".

אויף מײַן חלק איז אויסגעפאַלן צו סצענירן מענדעלעס „די קליאַטשע" און איך האָב באַלד געשאַפן אַ טעאַטראַלע קאָמפּאָזיציע אין צוויי בילדער א. ט. — „ישראליק דער משוגענער" און איך האָב דאָס אויפגעשריבן ווי אַ טעאַטראַלע אַרבעט מיט אַלע פּיטשעווקעס און צו הילף האָב איך ווידער צוגעצויגן מײַן טײַערן חבר, דעם קינסטלער מ י ש אַ ש וו אַ ר ץ און ער האָט באַלד גענומען צייכענען די דעקאָראַציעס (לויט מײַן אָנווײַז) און דערנאָך די מאַסקעס און קאָסטיומען און איך האָב אויסגעקליבן די אַק-טיאָרן פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און פאַרטיילט די ראָלן און אָנגעהויבן מיט די פּראָבן.

נו-יאָ. אויך פון דער אויפירונג האָב איך געהאַט אַ סך נחת-רוח. און איך בין זיך מודה ומתודה, אַז מישאַ שוואַרץ האָט פאַר דעם דערפאָלג אַ סך מער געלייסטעט פון מיר. סײַ זײַנע געצייכנטע מאַסקעס און קאָס-טיומען און סײַ די דעקאָראַציע, דער פאָרהאַנג וואָס שטעלט פאַר די אויס-געדאַרטע קליאַטשע אויף וועלכער עס רײַטן פיר גראָב-בײַכיקע תקיפים, האָבן ממש באַגײַסטערט דעם עולם.

און עס מעג דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די אַלע מאַטעריאַלן וועגן דער

טעאטראַלער מענדעלע - יאָרצײַט - פּײַערונג, די געצייכנטע מאַסקעס, קאָס-טיומען און דעקאָראַציעס פון „ישראליק דעם משוגענעם" זענען אויסגע-שטעלט געוואָרן אין „מענדעלע מוזיי" ביים וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין קיעוו.

דעמלט האָט עס אויסגעשטעלט דער אָנפירער, מײַן יוגנט-פרײַנט און לערער מאַקס עריק; נאָר וואָס איז דאָרט ביז הײַנט געוואָרן פון מוזיי? ...

יאָ, עס פאַרדינט דאָ אויך דערמאָנט צו ווערן, אַז דאָס ביכל „פון זיי-דנס קוואַל" וואָס איז דעמלט דערשינען, האָב איך נעבעך אליין זיך געמוזט פאַרגרימירן מיט דעם גרויען בערדל און ברילן און אין באַגלייטונג פון אַ וווּנדער שיין „אייניקל" בין איך, דער „זיידע" ארומגעגאַנגען צווישן די רייען אין טעאַטער און פאַרקויפט אַריבער פיר הונדערט ביכלעך. דער ליטעראַטן פאַריין האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט אַזויפיל געלט...

דערווײַל האָט זיך געמאַכט אַז מען האָט מיך פאַרבעטן אין טעאַטער „נאַציאָנאַל" ווו עס האָט געשפּילט אַ שפּאַנישע טרופּע, מען האָט מיך דאָרט געבעטן, איך זאָל אָנשרײַבן אַ יידיש לידל צו דער פּיעסע „אַווע מאַריאַ פּוריסימאַ", אין וועלכער די הויפּט-העלדן וואָס איז אַ יידישע קאָלאָניסטי-שע טאָכטער, דאַרף זינגען אַ ליד.

אויב אַ טאָכטער פון יידישע קאָלאָניסטן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך דאַרף שרײַבן אַ בענק-ליד נאָך דער אַלטער היים אין רוסלאַנד.

מײַן אידיי איז דעם מוזיק-מאַעסטראָ ל אָ ס אַ זייער געפעלן, און ער האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט שוין די מוזיק, נאָר עס פעלן אים די ווער-טער...

פאַרפאַלן. איך האָב זיך אונטערגענומען, מוז איך באַווײַזן. זיץ איך און ער זיך צו ווי מאַעסטראָ לאָסאַ שפּילט מיר פאַר אויף דער פּיאַנע איינמאָל און נאָכאמאָל און עס הויבן זיך אָן וועבן די ווערטער וואָס פּאַסן זיך צום ריטם פון דער מוזיק און אָט האָב איך דעם רעפריין:

„די טרויקע-גלעקלעך האָבן שוין געקלונגען
און אַלע האָבן פריילעך מיטגעזונגען... — — — —

פאַר דעם נאַרישן לידל האָב איך באַקומען עפּעס אַ גאַנצן מטמון מיט געלט!...

„אין קאַפע־הויז דער דרום־ווינט":

יאָ, אין יענער צײַט האָב איך אָפט געשריבן „ליריקס" פאַר אַ צאָל גאַסטראָליאָרן און מאַנכע פון זיי האָבן מיר גאַנץ גוט באַצאָלט. סקולניק, מאָרים שוואַרץ (דווקא!) און יוליוש נאַטאַנזאָן, זענען געווען די בעסטע צאָלער, אַבי די לידלעך זענען זיי נאָר געפעלן.

און אַט האָב איך ווידער אַ טעאַטראַלע אַרבעט וואָס דער ליטעראַטן פאַריין האָט מיר צוגעטיילט.

מען האָט באַדאַרפט דורכפירן אַ יובליי-פייערונג פאַר דריי שרייבער, די דריי זענען געווען פיניע כ״ץ, פיניע וואַלד און ישראל העלפמאַן.

האָט דער ליטעראַטן-פאַריין באַשטימט, אַז מען זאָל סצענירן דריי שאַפונגען פון די דריי שרייבער און מאַכן אַ פאָרשטעלונג.

פיניע וואַלד האָט זיך אַליין סצענירט. פיניע כ״ץ, דוכט מיר, אַז יעקב באָטאָשאַנסקי האָט געמאַכט און פאַר מיר איז געבליבן ישראל העלפמאַן.

די דערציילונגען פון ישראל העלפמאַן זענען געווען זייער פיינע, נאָר אין זיי איז געווען טראַכטעניש, נאָר אַן דיאַלאָג און גאָר ווייניק אַקציע. אָבער, אַז מען מוז מ ו ז מען! האָב איך דאָרט אויסגעקליבן פון זיינע שאַפונגען אַ דערציילונג „אין קאַפע-הויז — דער דרום-ווינט״.

האָב איך פאַרבעטן אַ פיין באַלעט-פּאָרל וואָס האָט דעמלט גאַסטראָלירט אין בוענאָס איירעס. פאַרן ליטעראַטן-פאַריין האָב איך אַלעמאָל באַוויזן צו באַקומען באַטייליקונג ג ר אַ ט י ס און אויך דאָס טענצער-פּאָרל „דורדאַ-זשאַבאַ״ האָבן מיין פאַרבעטונג אָנגענומען און איך האָב טאַקע אָנגעהויבן דעם אַקט מיט אַן אַפּאַשן-טאַנץ אין קאַפע-הויז „דער דרום-ווינט״ און דערנאָך איז שוין געווען לייכט אַריינצופירן האַנדלונג און קורצע דיאַלאָגן וואָס ווערן פאַרענטפערט מיט נייע טענץ. די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג און מען האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז מען האָט גאָרנישט געוווסט, אַז העלפמאַן האָט אַזאַ שיינע דערציילונג...

די גרינדונג פון אַקטיאָרן פאַריין:

וועגן דער גרינדונג פון אַקטיאָרן-פאַריין איז אַ סך געשריבן געוואָרן סיי פון מיר און סיי וועגן מיר און מיין אויפטו, וואָס אין מיין שטוב איז דער פאַריין געגרינדעט געוואָרן.

אגב, האָב איך פאַרטיק די געשיכטע פון יידישן אַקטיאָרן פאַריין אין אַרגענטינע און איך האָב זי פאַרגעלייגט אין יאָר 1962 אַז דער פאַריין זאָל די געשיכטע אַרויסגעבן צו די דרייסיק יאָר פון זיין עקזיסטענץ, אָבער, עס האָבן געפעלט די נויטיקע ענטוזיאַסטן דורכצופירן אַזאַ פּלאַן און איך בין צופרידן פון די „קרישקעלעך גליק״ וואָס זענען מיר פאַרבליבן אין דעם ספּעציעלן יובליי נומער „טעאַטער״ וואָס איז דערשינען צו מיין יובליי פון 25 יאָר שרייבערישע טעטיקייט, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען ווי אַ סיאַמער צווילינג מיט מיין טעאַטראַלער און געזעלשאַפטלעכער קולטור-טעטיקייט.

די „קרישקעלעך גליק״ אין דעם יובליי נומער „טעאַטער״, זענען די מיטאַרבעטונגען און ספּעציעלע אַפּשאַצונגען וועגן מיין לעבן און שאַפן פון

אַזעלכע שרײַבער און אַרטיסטן ווי מ אַ ר ק ש וו יי ד, שלום פּערל־מוטער, יעקב באָטאָשאַנסקי, משה קאָנסטאַנטינאָװסקי, א. ל. שוסהיים. מישאַ שוואַרץ, ש. פּריילעך, יעקב קאַנע, נחמה מלמד, זלמן הירשפעלד; שמואל אירים, בנציון בערדיטשעווסקי, נתן קלינגער, שמחה באַדער, בנציון פּאַלעפּאַדע, יוסף זילבערבערג און אויך די אַלע קלישעען פון מײַן אַמאָליקן איך, פון אַפישן וועגן אויפירונגען פון מײַנע טעאַטראַלע שאַפונגען אַנהויבנדיק פון די אַפישן אין קראָקע ביז אַ ריי פאָרשטעלונגען אין ב. איירעס.

נאָכן גרינדן דעם אַקטיאָרן פאַריין, האָב איך נאָך בלויז אויפגעפירט מײַנע זאַכן צו ספּעציעלע געלעגנהייטן. די אַפישן פון די דאָזיקע יום־טוב־פאָרשטעלונגען, געהערן אויך צו די הייליקע „קרישקעלעך גליק, וואָס זענען מיר געבליבן ווי וואָרים־פלאַשן צו וואַרימען מיך אויף דער עלטער...

ווי אַזוי די גרעסטע זאַכן ווערן אײַנגעשרומפּן פון דער צײַט, ביז צו ווערן בלויז קליינע קרישקעלעך... — — —

דאָס זענען דאָך געווען ריזן טעאַטער־אונטערנעמונגען!

צי איז דען געווען נאָך אַזאַ טעאַטראַלער ספּעקטאַקל ווי דער וואָס דער אַקטיאָרן־פאַריין האָט דורכגעפירט בשותפות מיט די שלום־עליכם־שילן אין דער גרויסער סטאַדיע פון „לונאַ־פּאַרק", וווּ זיבעציק יידישע בינע־קינסטלער האָבן זיך באַטייליקט אויפירנדיק די ספּעציעלע מאָנטאַזש־ליברעטאָ וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט און דוד ליכט האָט זי רעזשיסירט?

דאָס איז געווען אַ באמת ווירדיקע טעאַטראַלע פײַערונג לכבוד 40 יאָר עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער אין אַרגענטינע (1901 - 41) און חוץ די זיבעציק היגע אַרטיסטן, האָבן זיך אויך באַטייליקט צ ע ן פון די באַרימטסטע יידישע וועלט־קינסטלער, וואָס זענען דעמלט געווען צו גאַסט אין ב. איירעס.

און די קאָלאָסאַלע פײַערונג פון די 70 יאָר יידיש טעאַטער (1946) וואָס דער אַקטיאָרן־פאַריין האָט דורכגעפירט אין טעאַטער „נאַציאָנאַל", אויך נאָך מיט זיבעציק בינע־קינסטלער, וואָס האָבן דורכגעפירט די אינטערעסאַנטסטע ראָלן פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר אַנהויבנדיק פון די „בראָדער זינגער", ביז אַנסקים „דיבוק", שלום עליכמס „שימעלע סאָראָקער", אַ מאָנטאַזש איבער וועלכן איך האָב אַ סך געאַרבעט, עס איז אָבער ווערט געווען די מי. דאָס איז געווען אַ טעאַטראַליזירטער רעפעראַט איבער דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, וועמענס טעקסט איך האָב געשאַפן, דער אַרטיסט מאַקס קלאָס האָט אים רעזשיסירט און 70 קינסטלער האָבן די ראָלן אינטערפּרעטירט און דעראָבערט אַ סך אַ סך אַפּלאָזן פון דעם גרויסן באַגײַסטערטן עולם וואָס האָט דעמלט אָנגעפילט דאָס טעאַטער ביז צום לעצטן פּלאַץ.

נו, דאָס אַלץ איז אַוועק. די אַלע גרויסע אויפטוען, זענען פון דער צײַט צעקרישלט געוואָרן אויף קליינע זכרונות־קרישקעלעך...

יאָ, געהאַט נאָך עטלעכע טעאַטראַלע דערפאָלגן מיט אויפירונגען פון מײַנע זאַכן, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דאָס וואָס אַמאָל. דאָס זענען שוין געווען יום־טוב־אונטערנעמונגען, וואָס מען האָט געמוזט פריִער פאַר־שפרייטן די בילעטן, און דאָס קאָן בשום אופן נישט פאַרשאַפן די גרויסע פרייד, וואָס אַ מחבר האָט ווען דער עולם קומט אַליין צו דער קאַסע און שלאָגט זיך איבער אַ בילעט.

די צײַטן זענען שוין לײַדער לאַנג אַריבער און אויך געלאָזן נישט מער ווי קרישקעלעך...

מיט דעם האָט זיך פּאַקטיש געענדיקט מײַן אַקטיווע אַרבעט נישט פאַרן אַקטיאָרן־פאַריין, נאָר אַלס דראַמאַטורג פאַר דעם יידישן טעאַטער.

מײַן אומרו האָט מיך ווידער אַריבערגעוואָרפן אויפן געביט פון שרײַ־בערײַ, איך האָב געהאַט אַ סטאַבילע מיטאַרבעטערשאַפט אין „די אידישע צײַטונג" און אין אַ ריי זשורנאַלן און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דערציילונגען און ראָמאַנען און טאָקע אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער, ביז 1956, ווען איך האָב זיך כובילירט און זיך צוריקגעצויגן (אָפיציעל) פון די אַלע סטאַבילע פּאָסטנס, בלויז נאָך געאַרבעט צוביסלעך בײַם רעדאַקטירן און אַרויסגעבן זאַמלביכער אויף צו קענען דעקן די הצטרכותן. און... דער פּ אָ ד ע ם לאָזט זיך אויס... עס איז מיר בלויז געבליבן איך זאָל זיך נעמען אויפקלויבן די צעשאָטענע „קרישקעלעך גליק" און זיך וואַרימען מיט דעם נחת פון זיי...

מײַן פּריוואַט־לעבן:

עס מאַכט זיך, אַז מען שרײַבט אַלץ אַרום און דער עיקר ווערט ווי פאַרגעסן.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, כאָטש מײַן אומרו האָט מיך כסדר אַוועקגעשלעפּט פון איין אַקטיוויטעט צו דער אַנדערער און איך בין זעל־טן געווען אין דער היים, בין איך פונדעסטוועגן אויך געווען אַ פּ ר י־וו אַ ט־ מענטש, אפשר בלויז טיילווייז, אָבער אין די טיילווייזע צײַטן בין איך עס געווען אויף פולע הונדערט פּראָצענט.

אַרומגעלאָפן, אַרומגעפלויגן, געהאַוועט דאָ און געשמייעט דאָרט, אָבער די היים, די היים איז געווען די הייליקע נעסט וואָס האָט מיך אין אַלע בלאָנדזשענישן דערמאָנט: — נחמיה, דו האָסט אַ ליבע היים און פאַמיליע...

נישט לאַנג נאָך מײַן אָנקומען קיין אַרגענטינע האָב איך באַוויזן צו שיקן אַ שיפקאַרטע און אַריבערגעבראַכט מײַן פרוי, און מײַן צוגערייטע

וווינונג אויף דעם קליינעם געסל „גאַזשעגאַס” אין געגנט פון באַעדאַ, איז געוואָרן ווי אַ זאַמל-פּלאַץ פאַר יידישע שרייבער און אַרטיסטן.

דאָרט האָט משה-דוד גיסער זיך פאַרמאָסטן מיט מיר אין אימפּראָוויזירן און שאַפן לידער עקספּראָמט „שטיי-גרייף” און אַז באָטאָשאַנסקי איז געקומען האָט ער דווקא געוואָלט אונדז ביידע איבערשטייגן און די פאַרמעסטונגען האָבן אָנגענומען אַ פאָרם פון אַ ליטעראַריש-קינסטלערישן אַזאַרד-שפּיל און מיין פרוי האָט זיך באַמיט אונדז צו באַרואיקן מיט דערלאַנגען כיבוד.

אָרעם איז געווען דער כיבוד, ווייל קיינער פון אונדז איז דעמאָלט נישט געווען רייך, אָבער ליב איז געווען, דער כיבוד. דאָס היימיש געבאַקענע מארפּ-קיכעלע האָט געהאַט טויזנט טעמען און די טיי אין די גלעזלעך, האָט שימערירט (לויט גיסערס אויסדרוק) ווי צעשמאָלצענער בורשטין...

דאָרט אויף גאַזשעגאַס איז אויך געקומען שמואל ראָזשאַנסקי, דעמאָלט אַ לערער, אָבער ער האָט געפילט אַז ער דאַרף זיין אַ שרייבער און ער האָט טאַקע פאַר מיר פאַרגעלייענט אַ דערציילונג „אויגן” וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן און ער האָט הנאה געהאַט פון מיינע לויב-ווערטער.

ווען „די שבת-יום-טובדיקע טעג אין צוקערס היים” האָט געשריבן יעקב קאַנע און דאָס געדרוקט אין ספּעציעלן נומער „טעאַטער” וואָס איז דערשינען צו מיין יובליי אין 1942 און דאָס איז אויך אַ קרישקעלע גליק וואָס דערמאָנט מיך אָן אַזויפל נחתדיקע טעג וואָס האָבן געמאַכט פאַרגעסן אַלע פּרנסה-שווערקייטן פון יענער שווערער, אָבער שיינער צייט.

יאָ, אין יענער סאַלע אויף גאַזשעגאַס איז געבוירן געוואָרן מיין איינציקער זון, מענדעלע, און דאָרט איז געפּראַוועט געוואָרן דער ברית. די סאַלע און דער הויף (פּאַטיאָ) איז געווען פול מיט געסט שרייבער און אַרטיסטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען יעקב באָטאָשאַנסקי און מרים לערער (זי איז געווען מעוברת אין די הויכע חדשים.) דער מוהל זאַלצמאַן האָט דורכגעפירט די מילה-אָפּעראַציע און דערנאָך האָט זיך געצויגן אַ סעודה מיט געזאַנגען פון אימפּראָוויזירטע קיביץ-לידער ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אַלס שרייבער האָב איך דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרדינען גענוג אויף צו קענען אויסהאַלטן אַ היים און פאַמיליע, האָב איך זיך מפרנס געווען פון אַ געשעפטל וואָס איך האָב געהאַט דאָרט בשכנות אין אַ מערקאַדע אויף דער גאַס אינקלאַן, איך האָב געאַרבעט בלויז אין די פרימאָרגן שעה'ן און נישט איינמאָל זענען צו מיר געקומען חברים שרייבער און מיר געהאָלפן פאַרקויפן אָדער זיך צוגעקוקט ווי אַזוי איך טויג זיך אוים אַלס סוחר...

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך שוין געוואוינט אין צענטער, אין יידישן געגנט. אין מיין שטוב איז שוין געהאַט געגרינדעט געוואָרן דער יידישער אַקטיאָרן-פאַריין און אין דערזעלבער וואוינונג האָט מיך אויך מיין פרוי

מזכה געווען מיט אַ שיין טעכטערל, וואָס זי האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך איר באבע — רייזעלע.

נו? שרײַבן וועגן צער גידול בנים? שרײַבן וועגן זאַכן וואָס יעדער פאַמיליען־מענטש האָט אַליין מיטגעמאַכט אויף פאַרשידענע אופנים? ניין. דאָס איז איבעריק. עס איז גענוג צו דערמאָנען די פאַקטן, אַז מיר האָבן באַוויזן צו דערציען אונדזערע קינדערלעך מענדעלע און רייזעלע, אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן אַלס מענטשן — ווי מען זאָגט עס — צו גאָט און צו לײַט. מענדעלע איז דיפּלאָמירט אַלס דאָקטאָר פון יוריספּרודענץ און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. צוערשט האָט ער דאָ אַקטואירט, אַלס אַדוואָקאַט, און אין 1958 האָט ער באַזוכט מדינת ישראל, דאָרט געאַרבעט אין קיבוצים און אַלס שטיינער־האַקער אויף די בערג אַרום ירושלים, נאָך אַ יאָר איז ער צוריקגעקומען און דאָ באַקומען אַ ריכטער־פּאָסטן אין פאָרמאָסאַ וואו ער האָט דערגרייכט צוגעצויגן צו ווערן אַלס דריטער אין „סופרים־קאָורט”, אָבער פונקט ווי זײַן זיידן און ווי מיך, האָט אים אויך נישט געקאָנט באַ־פרידיקן די בלויזע עקאָנאָמישע פּאָזיציע און ער רענונסירט פון זיין ריכ־טער־פּאָסטן און פאָרט נאָכאַמאָל און טאַקע אויף סטאַביל קיין ישראל.

אָט אַזוי, איז מײַן מענדעלע, דעם זיידן ר׳ מענדעלעס אייניקל, געוואָרן אַ ריכטער אין ישראל אין „משרד העבודה” אין באר שבע און איך האָף, אַז איך וועל זיך מיט אים אינגיכן זען טאַקע דאָרט, אין ישראל.

און רייזעלע? זי האָט שטודירט, אָבער נאָכן „באַטשיזשעראַט”, איז זי אָנשטאָט גיין אין אוניווערסיטעט, אַוועק אין דער „אַקאַדעמיע פון סצעני־שער קונסט” און שטודירט עטלעכע יאָר און אַרום פון דאָרט מיט אַ דיפּלאָם אַלס אַרגענטינער נאַציאָנאַלע אַקטריסע.

טאַקע אויסשטודירט אַלס אַקטריסע אין שפּאַניש, אָבער געבוירן און דערצויגן ביים יידישן טעאַטער אין סביבה פון יידישע אַקטיאָרן, האָט זי ביי יעדער געלעגנהייט, ווען עס איז געקומען אַ גאַסטראָליאָר מיט בע־סערן רעפּערטואַר, שטיין געלאָזט די שפּאַנישע טעאַטערס און בעסער גע־שפּילט אויף יידיש

זי האָט זיך באַטייליקט אין שיינע ספּעקטאַקלען וואָס דוד ליכט האָט רעזשיסירט מיט דער „קונסט־בינע” און געהאַט גאָר גרויסן דערפאָלג אַלס „נופריט” אין „שלמה המלך און דער שוסטער”, זי האָט אויך געשפּילט מיט בן־עמי, מיט יוסף בולאָוו און שמעון פינקעל, אָבער איבערגיין צום געמישטן רעפּערטואַר פון מאַכערייקעס האָט זי נישט געוואָלט און זי האָט ווידער געשפּילט אויף שפּאַניש, סײַ טעאַטער און סײַ באַטייליקט אין עטלעכע פיל־מען ביז עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, זי האָט באַקומען אַ פאַרבע־מונג צום פילם־פעסטיוואַל אין האָליווּד, זי איז געפאָרן און זיך דאָרט באַ־קענט מיט אַ יונגן אַדוואָקאַט פון אַ גאָר פיינער יידישער משפחה, אַמעריקאַ־

נער שוין פון דריטן דור און — פאַ אַמעריקאַנסקו: — אַ ליבע מיט אַ שנעלע חתונה און הלמאי לייקענען? ווען זי איז דאָ געקומען צוזאַמען מיט איר מאַן אויף דער חתונה-רייזע מיט אַ וויזיט צו טאַטע-מאַמע און דער אַקטיאָרן-פּאַרײן האָט אײַנגעאָרדנט אַ קבלת-פּנים-באַנקעט לכבוד דעם יונגן פּאָרל, האָבן מיר, מײַן פרוי און איך, געהאַט אַזויפיל נחת, אַזויפיל נחת-רוח, אַז כאָטש איך האָב טאַקע, נישט געמאַכט קיין מאַטעריעלן פאַרמעגן אין אַר-גענטינע, איז אָט אַ די פרייד געווען די בעסטע פאַרגעלטונג פאַר אַלע יאָרן פון מי און מאַטער און דעם נחת פון מײַנע קינדער שטעל איך אַוועק פונאַוי-בנאָן נעבן דער גרויסער טאַץ מיט די אויפגעזאַמלטע הייליקע קרישקעלעך גליק!...

און וואָס ווײַטער? — — —

אַריבער די זיבעציק, אַריבער דער יובל פון מײַנע 50 יאָר ליטעראַריש-טעאַטראַלע טעטיקייט און וואָס?

איך האָב צענדליקער יאָר פאַרעפנטלעכט מײַנע געגראַמטע פעליעטאָנען אונטער דעם טיטל „דורך קלאָרע ברילן", טאָ וואָס איז עפּעס געשען וואָס די קלאָרע ברילן האָבן אָנגעהויבן ווײַזן טונקל?

איך דריי זיך אַרום אין מײַן שרײַב און ביבליאָטעק-צימער און מעדיטיר:

— איך זע זיך ווידער אויף דער בריק פון שרײַבער און אַרטיסטן, נאָר די באַריערעס פון ביידע זײַטן זענען אײַנגעבראָכן און כסדר פאַלט אַראָפּ עמי-צער פון די שרײַבער און אַרטיסטן און קיין נײַער קומט נישט אַרויף מער אויף דער בריק און עס ווערט שיטערער... פאַרוואָס ווײַזן מיר עפּעס די קלאָרע ברילן אַזוי טונקל? איז עס דערפאַר, ווײַל איך האָב דערלאָזט אַז עס זאָל קומען צו אַזאַ מצב, אָדער אפשר איז נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט, נאָר די עלטער, די זיקנה ווירקט און זויגט אַרײַן אין זיך דעם פּעסימיזם וואָס מאַכט אַלץ טונקעלער...

הלוואי זאָל עס זײַן אַזוי. מײַן עלטער איז דאָך פּאָרט אַ נאַטירלעכע, אָבער די געשעענישן, די אָפּגעשוואַכטקייט און דער בלבול-המוחות אַרום אונדזער מאַמע-לשון יידיש און די מוראדיקע ירידה פון יידישן טעאַטער, וואָס איז נאָך אַלץ געבליבן ווי די וויכטיקסטע פעסטונג פון אונדזער שפּראַך און קולטור — דאָס איז שוין גאָרנישט קיין נאַטירלעכער אונטערגאַנג.

און מאָמענטנווײַז ווערט מיר פלוצלינג ליכטיק. איך דערמאָן זיך אַ שמועס מיט דעם גרויסן ה. לייוויק, ווען ער איז דאָ געווען אויפן פּען-קאָנ-גרעס האָט ער אַ זאָג געטון: — ווען מען פאַלט אום, דאַרף מען אָנשטרענ-גען אַלע אברים און זיך אויפהויבן, שפּאַנען און שפּאַנען ווײַטער און ווײַטער...

ה. לייוויק האָט דערנאָך אָנגעשריבן אַ ליד אויף דער טעמע און דאָס

ליד האָט מיך אַלעמאָל אין שווערע מאָמענטן געמוטיקט און אויך איצט, בעת מײַנע מעדיטאַציעס, טראַכט איך וועגן לייוויקס ליד און איך וויל זיך מוטיקן, נאָר אָט זע איך זיך ווידער אויף דער אַמאָליקער בריק וואָס פון איין זײַט שרײַבער און פון דער צווייטער — אַרטיסטן, יידישע בינע-קינסט-לער און ווי מיך ציט עס כסדר אָט אויף דער זײַט און אָט אויף דער צווייטער... און ווידער זע איך אַז די בריק איז בויפעליק! די באַריערעס זענען דאָך אײַנגעבראָכן און די פילאַרעס קרישלען זיך און אָט פאַלט אַראָפּ אַ שרײַבער און אָט — אַן אַקטיאָר, מיר ווערן אויף דער בריק ווייניקער און ווייניקער און קיין נײַע קומען נישט אַרויף אויף דער בריק און מיר זענען שוין אַלט און מיד... איז מעגלעך, אַז מײַן פאַנאַטיש-פרומער טאַטע, דער צדיק תמים וואָס האָט נישט געקענט קיין צורת מטבעה, איז געווען גערעכט ווען ער האָט מיך געוואָרנט:

נחמיה, זון מײַנער, האָסט אַ סך געלערנט, נאָר דו ביסט אַראָפּ פון דרך הישר... נחמיה, דו בלאָנדזשעסט. די תורה און די הייליקע ספרים באַ-לײַכטן אונדזער לעבנס-וועג און דײַנע אַלע שרײַבענישן און די אַלע ספרים-חצונים וואָס כאָטש זיי זענען אויף יידיש, זענען זיי נישט מער ווי געצן-דינסט! אַ הײַנט-צײַטיקער געצנדינסט!...

— אַ געצן-דינסט? ניין! בשום אופן נישט קיין געצן-דינסט! ייִדישע שרײַבער און אַרטיסטן האָבן מיט מאַמע-לשון געוועקט און געמוטיקט די ייִדישע מאַסן צו זעלבסט-באַוווסטזײַן אַלס מענטשן און ייִדן; איז דאָס נישט מער ווי געצן-דינסט?... — — —

אַ באַרואיקטער אַביסל וואָס איך האָב אַ פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין, מעדיטיר איך אויפסנײַ און איך דערמאָן זיך אַ זאַך פון מײַן קינדהייט: —

אין אַ ספרל האָב איך אַמאָל געזען, אַז מען קאָן באַלד אינדערפרי זיך דערוויסן די וויכטיקסטע געשעענישן וואָס דער אָנקומענדיקער טאָג וועט ברענגען. מען דאַרף בלויז מיט פאַרמאַכטע אויגן אַרויסנעמען אַ ספר פון ספרים-שאַפע, אויפמישן אַ בלאַט און זען מיט וואָס פאַר אַ ווערטער דאָס בלאַט הויבט זיך אָן...

נו, פאַר אַ „באַ בימימניק" פאַסט אַלץ...

איך פיל אַ קינדישן שמייכל אויף מײַן פנים און איך רוק זיך פאַמעלעך צו צו די פאָליצעס פון מײַנע ביכער, פאַרמאַך די אויגן און שלעפּ אַרויס אַ דיקן נידעריקן בוך. איך גיב אַ קוק, דאָס איז מײַן הייליקער באַבעס „קרבן מינחה"-סידור וועלכן איך האַלט צווישן מײַנע ספרים ווי אַ רעליקוויע.

האָב איך ווידער פאַרמאַכט די אויגן און אַ צעעפן געטון דעם סידור, איך גיב אַ קוק, די אָנצייכענונג אינדערהויך זאָגט: — „סליחות לעשרת ימי תשובה" און די ערשטע שורה פון אויבן שײַנט אַרויס און די ווערטער, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשריגן פון סידור מיטן נוסח און מיטן סקאַרבאָוון ניגון:

„אַל תשליכנו לעת זיקנה, ככלות כוחנו אל ת ע ז ב נ ו!..."

ערשטע פּרוּװן

„ווער קאָן מיר זאָגן
אין וואָס גליק באַשטייט,
וואָס לייַכט און גלאַנצט
און נישט פאַרגייט ?...״
(וויטהאָלד אוערבאַך)

דער בית־המדרש־בחור

כ'בין געווען אַ בית־המדרש־בחור,
געלערנט האָב איך דאַן זייער פיל;
ביז איך האָב אָנגעהויבן לעזן ביכער
און בין געוואָרן צו גמרא זייער קיל...

(פראַגמענט — 1914)

מלחמה־מאַרש

(פרייע איבערזעצונג פון פויליש)

אוי, ס'איז גוט אַ זעלנער צו זײַן!
אוי, ס'איז גוט אַ זעלנער צו זײַן,
גייט מען אין מלחמה אַרײַן; גייט מען אין מלחמה אַרײַן!

נישט קיין פלייש און אויך נישט קיין ברויט,
נישט קיין פלייש און אויך נישט קיין ברויט,
בלויז איין שאָס און ס'קומט שוין דער טויט;
בלויז איין שאָס און ס'קומט שוין דער טויט!...

און פאַר דײַנע יונגענקע יאָר:
און פאַר דײַנע יונגענקע יאָר,
לאָזט דײַן כלה טרערן אַ פּאָר, לאָזט דײַן כלה טרערן אַ פּאָר!

צי לוינט?

אַזוי האָט דער הימל די ליבע באַלוינט,
מיט ווייטיק פון בענקשאַפט און לייד,
צי האָט זיך איינגנאַצן די ליבע געלוינט,
פאַר קורצע מינוטן פון פרייד?...

(פראַגמענט — זאַקאָפּאַנע 1917)

מלחמה־פראָנט
(פראַגמענט)

ס'איז אַ וויסט און פינסטער לעבן,
ווו געטאָגט איז נישט געגעכטיקט,
אויסגעזעצט דעם שונאס קוילן,
אייביק פילן זיך פאַרקנעכטיקט;
אויסגעזעצט דעם שונאס קוילן,
אייביק פילן זיך פאַרקנעכטיקט!...

(1917)

(די צוויי פראַגמענטן „מלחמה־מאַרש" און „מלחמה־פראָנט" זענען שפּעטער מוזיצירט פון קאָמפּאָזיטאָר ברוך שפּער־בער (הי"ד) האָב איך זיי אַרײַנגענומען אין מײַן דראַמע „ח ל י צ ה", דערשינען אין בוך־פאָרם פון פאַרלאַג 'דאָס ביכל", קראָקע' 1922. — נ. צ.)

דרײַ שוועסטער

דרײַ שוועסטער האָב איך געהאַט
דרײַ שוועסטער שיינע;
„גלויבן", „האָפענונג", „ליבע":
הײַנט האָב איך בלויז איינע...

דער גלויבן און די האָפענונג
זענען מיר געשטאָרבן,
נאָר צוזאַם מיט ליבע
וועט מען מיך באַגראָבן...

(פראַגמענט 1917)

„וואָס איז גליק?"
(פרײַ נאָך וויטהאָלד אויערבאַך)

ווער קאָן מיר זאָגן אין וואָס גליק באַשטייט,
וואָס לײַכט און גלאַנצט און נישט פאַרגייט?
צי איז דען דער מענטש צופרידן אין לעבן,
צי הערט ער דען אויף צו האָפן און שטרעבן?
איינעם לאַנגווײַלט דאָס גוטע, דעם צווייטן מאַטערט
די נויט...

(פראַגמענט 1917)

אויף די „טאטרעס" אין זאַקאָפּאַנע

צווישן הויכע פעלזן־בערג
בלאָנדזשע איך גאַנץ מיד אַרום,
כ'זוך אַ ביימל, כ'זוך אַ צווייַגל,
כ'זוך אַ גרעזל, כ'זוך אַ בלום...

— — — — — — — — — — — — —

אויף די הויכע בערגער שטייג איך
געדאַנקען האָב איך טריבע,
וואָס איך קום אַלץ העכער, העכער,
עס שטייגט אַלץ מיט די ליבע...

(פראַגמענט — זאַקאָפּאַנע 1917)

די אַרורה

אויגן האָט זי שיינינקע, אירע ליפּלעך — רויטינקע
דאָך לויפט פון איר דער מאַן!
ער שרעקט פאַר איר שטימעלע, ווייַל זי האָט אַ פּיסקעלע
— אַ שפּייַענדן ווולקאַן!...

(פראַגמענט — 1917)

זאָג געליבטע...

זאָג, געליבטע, וואָס וויינסטו? וואָס וויינסטו?
— עס קוועלן מיך געדאַנקען טריבע
ווייַל איך צווייפל אין דייַן ליבע,
יאָ, איך וויין...

זאָג, מייַן ווייַבל, וואָס לאַכסטו? וואָס לאַכסטו?
— האָסט געגעבן מיר דייַן נאָמען
און כ'בין גליקלעך מיט דיר צוזאַמען,
יאָ, איך לאַך...

זאָג, מאַמעשי, וואָס זינגסטו, וואָס זינגסטו?
— כ'זינג אַ לידל בייַם קינדס וויגל
אונדזער ליבע האָט אַ זיגל
יאָ, איך זינג...

זאָג מיר, שווינגער, וואָס טרויערסטו? וואָס טרויערסטו?
אַ טיפער ווייטיק ברענט אין האַרצן
פון דער שנור האָב איך דאָך שמאַרצן
יאָ, כ'טרויער...

זאָג, באָבעשי, וואָס טראַכסטו? וואָס טראַכסטו?
— כ'טראַכט אַרײַן אין מענטשנס לעבן,
אָט, נישט לאַנג, און איך וועל שטאַרבן...
יאָ, איך טראַכט...

(קראָקע, 1918)

צו דעם ליד האָט געשאַפן מוזיק דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר ברוך שפּערבער הי"ד און ער האָט עס אויפגעפירט מיט זײַן כאָר אין „אַרבעטער היים" אין קראָקע (1918-19)

עס דערמאָנען...

עס דערמאָנען מיך די פייגל
אַז איך האָב געלעבט
און דאָס רוישנדיקע טײַכל —
אַז איך האָב געשטרעבט.

עס דערמאָנען מיך דיביימער
מיט דעם ווײַסן צוויט,
און די פריש-צעבליטע בלומען —
אַז איך האָב געבליט...

(זאַקאָפּאַנע, פראַגמענט 1918)

בערד־רײַסעניש אין פּוילן

יודל, דו האָסט געליטן פיל
כאַ-כאַ! לאַך זיך אויס!
יודל, דאָס איז אַ קינדער-שפּיל,
כאַ-כאַ! לאַך זיך אויס!

געפּײַניקט האָט מען אונדז אויף שריט און טריט,
אין יעדער צײַט, פאַרגאָסן אונדזער בלוט...
יודל, לאַך זיך אויס!...

(פראַגמענט, קראָקע 1919)

איך בענק...

ווי דאָס גרעזל בענקט נאָך רעגן,
בענקט אַזוי מײַן האַרץ צו דיר,
כ'קאָן נישט זײַן אַליין אָן דיר,
ס'טרוקענען נישט מײַנע טרערן.

(פראַגמענט, קראָקע 1919)

בײַם טײַכל

(פרײַ נאָך שילער)

ביי דעם טײַכל נעבן בריקל
ליג איך טעגלעך שעהן לאַנג,
און געדאַנקען מיך פאַרוויגן,
נאָך מײַן יוגנט טוט מיר באַנג...

שנעל פאַרפלאָסן ווי דאָס וואַסער
איז מײַן שיינע יוגנט צײַט,
נאָר אין טײַכל, פליסט צו פרישעס
און ביי מיר איז אַלץ העט - ווײַט...

(זאַקאָפּאַנע 1919)

וויל איך זײַן...

וויל איך טון אַן אַרבעט, האָב איך נישט קיין כוח;
וויל איך שרײַבן לידער, דינט מיר נישט דער מוח;

וויל איך זײַן אַ דיכטער, לײַד איך נישט קיין קריטיק;
ווי־זוי זײַן בוכהאַלטער, אַז כ'קען קיין מאַטעמאַטיק!

וויל איך זײַן אַ לערער, האָב איך שוואַכע לונגען;
ווי־זוי זײַן אַ זינגער, אַז איך קאָן נישט זינגען?

(אַליין געזונגען אויף אָוונטן אין „אַרבעטער־היים" אין קראָקע — 1918-19 — פראַגמענט)

אָפּטימיזם:

אויף אייביק, אויף אייביק, אויף אייביק ביסטו מײַן!
איך ליב דיך, איך ליב דיך, און כ׳בלײַב אויף אייביק דײַן!

מיר וועלן, מיר וועלן, צוזאַמען גליקלעך זײַן;
אַ לעבן, אַ לעבן וועלן מיר פירן פײַן!

אַ שטיבל, אַ שטיבל, אַ קליינטשיקס נאָר אַ שיינס;
אַ שמייכל, אַ שמייכל, אַ גליקלעכס און אַ פײַנס;

מיט ליבשאַפט, מיט ליבשאַפט, וועט אונדזער צוקונפט זײַן;
אין פריידן, אין ווילטאָג וועט אונדז די צײַט פאַרגיין!...

(אַ דועט, אויפגעפירט אין „אַרבעטערהיים" קראָקע
— 1919 — פראַגמענט).

ווען דו וויסט...

מיידל, ווען דו וויסט ווי שטאַרק
איך דיך סימפּאַטיזיר,
וואָלסט זיך באַלד באַשטעלט מיט מיר
צו גיין אויף אַ שפּאַציר...

(פראַגמענט. קראָקע 1919)

נישט געקויפט...

(פּאַראָדיע, אַליין אויפגעטראָטן אין „אַרבעטערהיים"
— 1919 — פראַגמענט).

אויפגעוואַכט האָט אין מײַן האַרצן
ליבע און באַגערן
איך פאַרצער זיך אין די שמאַרצן
ס׳פליסן מיר די טרערן...
געליבטע, האָב אויף מיר רחמנות,
איך ליב דאָך דיך מיט סכנות;
גיב מיר דײַן וואָרט יאָ, אוי יאָ!
גיב מיר דײַן וואָרט יאָ!

די געליבטע זיצט דערנעבן,
מאַנוקירט די פֿינגער;
זי וויל אים קיין ענטפֿער געבן,
לאָזט אים אין זײַן הונגער:

— וואָס האָט איר זיך אָן מיר באַטראָפֿלט?
— די ליבע מײַן האַרץ האָט פֿאַרצאַפּלט!
גיב מיר דײַן וואָרט יאָ, אוי יאָ!
גיב מיר דײַן וואָרט יאָ!

(קראָקע 1920).

דער „מאָדערנער פּאַציעט"

(מאָטיוו: „אוי, געוואַלט, אַ גנבֿ...")

בין איך מיר אַ בחור, אַ לוסטיק לעבן־יינגל,
כ'וואָלט געקאָנט שוין זײַן אַ חתן, נאָר עס איז נאָך צײַט!
אוי, כ'האָב געקענט אַ זער שיין מיידל
פֿון אַ סאָדע־וואַסער־ביידל,
מיט דעם נאָמען יענטע־פֿריידל;
אוי איז דאָס אַ מיידל, איז דאָס געווען אַ מיידל!
לאַנגע צעפּ און שוואַרצע אויגן
נאָר... מיט ווייניק געלט...

אוי, כ'האָב געליבט אָן אַ שיעור,
כ'וואָלט מיך שיסן באַלד פֿאַר איר,
נאָר צי איז דען דאָס פֿאַר מיר...
אוי, איז דאָס אַ מיידל, איז דאָס געווען אַ מיידל,
כ'בין זיך מודה ומתודה — איינע אין דער וועלט.

אוי, מיידלעך פֿון דער גאַנצער וועלט,
אויב איר האָט נאָר אוצרות געלט,
כאַפּט מיך אויס, גענוג געוועלט;
ווײַל איך בין אַ בחור, אַ לוסטיק לעבע־יינגל,
אַ נס וואָס כ'בין נאָך נישט קיין חתן
כאַפּט ווי לאַנג ס'איז צײַט!...

(ערשטער און לעצטער סטראָף פֿון מיין פּאַראָדיע וואָס
איז אַ סך מאָל אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין קליין־קונסט
פּראָגראַמען אויף דער בינע אין „אַרבעטער־היים",
קראָקע 21–1920)

צוועק און ציל

כ'ליב דיך, מיידל, מעגסט מיר גלויבן,
כ'ליב דיך ממש אָן אַן עק;
נאָר כ'דערמאָן מיך דײַן טעאָריע,
„צו וואָס טויג עס, ס'האָט קיין צוועק"...

אַך די צילן און די צוועקן
רויבן צו בײַ מיר מײַן מוט,
ס'איז פאַר מיר אַ קאַלטער טוש
וואָס לעשט ברוטאַל מײַן ליבעס גלוט...

(פראַגמענט, קראָקע 1919)

זאָג מיר מיידל, אַז דו ליבסט מיך
און דו קויפסט מיך פאַר אַ קנעכט;
נאָר איך בעט דיך — אָן די צוועקן,
אָן די צילן — זײַ נישט שלעכט!...

(פראַגמענט פון אַ הומאָריסטישער פּאָעמע, אויפגעפירט
אין „אַרבעטער־היים" אין קראָקע, 21–1920)

אַ נײַ־יאָר־וואונטש צו מײַן ליבסטער

זאָלן אַלע שיין געטרוימטע
גליקן קומען אויף אַ וואָר
און דײַן לעבנס־וועג באַשײַנען —
ווינטש איך דיר צום נײַעם יאָר.

איך וויל דיר גאָרנישט שרײַבן פיל,
מיט טויזנט ברכות בענטשן!
ווײַל קורץ געפּאַסט און פיל געמיינט
פאַרשטייט מען אויך בײַ מענטשן!...

(קראָקע, סעפּט. 1919).

שלעכטע שטימונג

יעדן טאָג אויפסנײַ, קומען אַלטע צרות;
ס'גאַנצע לעבן טויג טאַקע אויף כפּרות...

(1919)

צו חנהלען די וואַליוטע־שיבערן

אַ גוטע נאַכט, איך גיי אַהיים, בלײַבזשע מיר געזונט!
חלום זיס פון דאָלערס פיל און ענגלישע פונט!
חלום זיס פון זילבער, גאָלד, פון איטאַליעס „ליר"
פאַרגעסזשע אָבער כ'בעט דיך נישט —
טרוימען אויך פון מיר...

(קראָקע, יאַנואַר 1920)

פילאַנטראָפיע

בריליאַנטן, זײַדנס, מאַרקיזעטן,
שוואַרצע פרעק און לאַק־שטיוועלעטן,
האָלדע מיידלעך, שיינע פּאַצעטן,
טאַנצן, אונטערהאַלטן זיך פײַן;

שאַמפּאַניער, שנאַפּסן, פרישע שינקען;
מיידלעך ליב צו די יינגלעך ווינקען,
— איר מעגט נאָך טרינקען, טרינקען, טרינקען!
און ס'גיסט זיך ווי וואַסער דער ווײַן...

מענטשן רײַכע הומאַניטאַרע
באַפלעקט פון ווײַן זײַדנפולאַרע,
וואָס האָבן זיי פון לאַרע — פּאַרע?
דער אָרימער ווערט קראַנקער און בלאַסער;

דאָ טרינקט מען צום וואוילטעטיקן צוועק,
קויפן זיך מצוות פולינקע זעק
און ווען ס'נעמט צום באַל שוין ענדלעך אַן עק,
קריגט קוים דער אָרימער אויף וואַסער...

(קראָקע, 1920).

פרילינג

פרילינג! פרילינג! אַלעס ווערט באַנײַט;
פעלדער האָבן גרין זיך אָנגעקליידט.

קינדער שפילן זיך שוין אין דער גאַס,
טאַנצן, שפרינגען, שלאָגן זיך צום שפאַס.

שפּילט אײַך, קינדער, טוליעט אײַך אין גראָז,
ווײַל די יוגנט, קינדער, האָט אַ מאָס...

ס'לויפן יאָרן, קינדער ווערן גרויס,
און די יוגנט - שווערמערײַ איז אויס...

פרילינג! פרילינג! אַלעס ווערט באַנײַט;
שפּילט אײַך קינדער, שפּילט ווי לאַנג ס'איז צײַט!...

(מוזיק ברוך שפּערבער, אָפט אויפגעפירט, קראָקע 1920
אויך אַ סך מאָל געדרוקט פאַר קינדער אין פאַרשידענע
אויסגאַבעס).

ווער זענען זיי?

(פאַרן פּאָעט)

צו דער ערשטער בינדט אים ליבע,
צו דער צווייטער — סימפּאַטיע
און די דריטע, גאָר אָן סיבה
פילט אים אָן די פאַנטאַזיע: — — —

ס'שטייט די ערשטע אין דער „פּראַלניע"
ביגלט העמדער גאָר אַ פּראַכט
און די צווייטע איז — — — — אַ בולקע
דאַן — — — — אַ חלום אין דער נאַכט...

(קראָקע 1920)

מאַריאָנעטן

(פראַגמענט פון אַ פּאַראָדיע)

אָ גרויסער גאָט, איך וויל דיך בעטן
דו זאָלסט מיך הערן מיט געפיל;
איך האָב צוויי ווײַבער ערשט געפּטרט,
דאָך צו אַ דריטער איז מײַן ציל...

(אַ קורצער פראַגמענט פון אַ גאַנצן פּראָגראַם פון פּאַראָ-
דיעס, אויפגעפירט אין „אַרבעטער-היים" אין דעם געשאַ-
פענעם „מאַריאָנעטן-טעאַטער", קראָקע 1920).

צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

(מעלאָדיע פון „הו־שאַ־שו־שאַ")

(אויפגעפירט פון מאַריאָנעטן־טעאַטער אין „אַרבעטער־היים" און אויך אַ סך מאָל אויף קאָנצערט־אָוונטן, קראָקע, 21—1920.

יענטע פריידל איז אַ מיידל
אין די יאָרן גאַנץ נישקשה;
זי האָט אַ האַס נאָר צו דעם שדכן
אויף דעם עוכר אויף דעם רשע;
געוועזן וואָלט זי פון לאַנג אַ כלה,
ווייל זי האָט אַ גרויסע מעלה
הו שאַ שאַ,
דער קריג געדויערט שוין פינף יאָר!
הו שאַ שאַ,
איך וועל באַלד האָבן גרויע האָר;
הו שאַ שאַ,
טאָ וועד פרעגט דען צי מען טאָר,
איך וויל לעבן און געניסן ווי לאַנג עס איז נאָך צייט!...

(דאָ איז בלויז דער ערשטער סטראָף, ווייל די אַנדערע דריי, דערמאָנען נעמען פון וויכטיקע אַקטיוויסטן אין די דעמאָלסדיקע קולטור־קרייזן פון קראָקע 1920).

פ ע ר ש פ ר י צ ן

נייע יאָרן, נייע שמערצן, דער טייוול שפּילט מיר און איך טאַנץ;
אָט אַ יובל, אָט אַ טרויער, דעם מענטשס גליק
איז קיינמאָל גאַנץ...

(זאַקאָפּאַנע 1920)

***

שטייגן שטייגט מען העכער, העכער,
הויך אַזש ביז צום הימל;
הויבט מען אָבער אָן צו פאַלן —
ליגט מען שוין אין שימל...

***

דאָס לעבן איז אַ קאָרטן־שפּיל
דער מענטש אין טריומף זעט צוועק און ציל,
און האָט ער טריומפן טויזנט שטיקלעך,
אינגאַנצן איז ער פאָרט נישט גליקלעך!...

***

אוי, ס׳בענקט זיך צו דעם „שטיבל"
צו דעם רבינס טיש,
צו כאַפּן דאָרט שיריים
אַ גרעט פון די פיש...

***

אַלעם, אַלעם, מעג דער מאַן
און דאָס מיידל — גאָרנישט!
האָט זי גאָט פאַרשאָלטן דען
וואָס דאָס מיידל טאָר־נישט?...

(דאָס זענען פראַגמענטן פון אַ גאַנצן העפט פון מיינס אַ טאַגבוך.
קראָקע־זאַקאָפּאַנע 1920).

דאָ ווייטער, קומען נאָך עטלעכע גאַנצע נומערן געשריבענע ספּעציעל פאַר דעם מאַריאָנעטן טעאַטער און פאַר דעם דראַמקרייז ביים „אַרבעטער־היים" אין קראָקע.

דאָס ליבעלע

(רעציטירט פון אויטאָר גופא און שפּעטער פון אַ סך אַנדערע דראַמקרייזלעך אין קראָקע און אין מעריב־גאַליציע אין די יאָרן 1920-25).

שטייט זיך אַ פייגעלע אויף אַ צווייגעלע פון אַביימעלע
און טרילערט אַ לידעלע, אַ פרייהייטס לידעלע...
גייט פאַרביי אַ מיידעלע אין אַ קורצינקע קליידעלע,
מיט אַ רויטינקע בלוזקעלע זוכן אַ בלימעלע.

און דאָס מיידעלע הערט דאָס לידעלע
פונעם פייגעלע אויפן צווייגעלע פונעם ביימעלע,
און עס פאַרקלעמט איר דאָס הערצעלע...

פונעם בערגעלע אַנטקעגן קומט אַ יינגעלע,
טראָגט אין האַנט אַ ביכעלע, אַ ליבעס ביכעלע
און זינגט אַרויס אַ לידעלע: — — —

דעם יינגעלע געפעלט דאָס מיידעלע
אין דעם קורצינקען קליידעלע; ער זינגט איר אַ לידעלע
פונעם ביכעלע און... פאַרדרייט איר דאָס קעפּעלע...

— „אָ, דו שיין מיידעלע, האָסט געזויבט מײַן הערצעלע
פונקט ווי אין דעם לידעלע פון דעם ביכעלע..
און — — — ס׳הויבט זיך אָן אַ ליבעלע...

און ס׳מיידעלע, הערט דאָס לידעלע פון יינגעלע
און ס׳באַגערט איר הערצעלע...

זי ווארפט אים צו הנדעלעך, ער לויבט אירע ציינדעלעך,
ס׳שליסן זיך די קעפּעלעך, פאַרמאַכט זענען די אייגעלעך,
מען קושט זיך אין די ליפּעלעך, ביז מען שוין שטערנדלעך...

אויף דעם בערגעלע, זעט יעדן טאָג דאָס מיידעלע
איר טײַער יינגעלע מיטן געקרײַזלטן קעפּעלע,
און ס׳צאַפּלט איר הערצעלע...

זי קושט אים די אייגעלעך, ער קושט איר די בעקעלעך,
ביידע זינגען לידעלעך, שיינע ליבעס־לידעלעך.

איינמאָל קומט דאָס מיידעלע אויפן בערגעלע צום יינגעלע,
און דערציילט אים אַ מעשהלע, אַ טרויעריק מעשהלע...
אַ זייער טרויעריק מעשהלע...

פונעם רעכטן אייגעלע, פאַלט אַראָפּ אַ פּערעלע,
פון ליבקן — שוין אַ טרערעלע,
— ס׳איז נישט גוט קיין ליבעלע... ס׳טוט דאָן ווי דאָס
הערצעלע...

זייט דעם מעשהלע, זעט דאָס בערגעלע
בלויז דאָס מיידעלע, אָן דעם יינגעלע;
און טרערעלעך ווי פּערעלעך פליסן פון די אייגעלעך
איבער אירע בעקעלעך, פאַלן אויף די גרעזעלעך,
אויף די גרינע גרעזעלעך...

און ס׳יינגעלע פאַרברענגט די צײַט אין וועלדעלע
מיט אַן אַנדער מיידעלע, זינגט אויך איר אַ לידעלע,
אַ ליבעס - לידעלע.

נאָר דאָס צווייטע מיידעלע איז שוין נישט קיין נאַרעלע,
זי שטעלט מיט אים אַ חופּהלע און איז גאַניץ שנעל זײַן ווײַבעלע...

און דאָס ערשטע מיידעלע בענקט נאָך נאָך דעם יינגעלע,
זי קושט פון אים ס׳פּרעזענטעלע, איר טײַער קינדעלע
און זינגט זיך שטיל דאָס לידעלע:
— — — אַמאָל איז געווען אַ יינגעלע!...

(„דאָס ליבעלע" איז געדרוקט געווארן אין אַ ערב־שבת־נומער פון „לעמבערגער טאגבלאט" 1920 און אין זשורנאל „גרויס און קליין" פון לייב מלאך און שמואל גלאזערמאן ב. איירעס, אין יאר 1923, באלד נאך דעם אויטאָרס אנקומען קיין ארגענטינע און שפּע־טער, אין בוך „שפּאס און ערנסט" 1933).

צום קאַמף

(אַ ליד פאַרן 1טן מאי 1920, מוזיק פון ברוך שפּערבער געזונגען פון כאָר פון „בונד" דיריזשירט פון קאָמפּאָזיטאָר שפּערבער אויף דער מאי־מאַניפעסטאַציע אין קראָקע 1921.

דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין אַ סך אויסגאבעס און אגב, האָב איך, אלס אויטאָר, געהאַט אַ סך נחת־רוח צו הערן זינגען דאָס ליד אין העברעאיש, צום ערשטן מאי יום־טוב אין אַ קיבוץ פון אחדות־עבודה אין ישראל, 1959).

צום קאַמף! וואַכט אויף! שטעלט אײַך אין די רייען,
זאַמלט נאָר דעם מוט;
צום קאַמף! וואַכט אויף! שטילט אײַך אײַערע ווייען,
קילט אין אײַך דאָס בלוט!...

— 1 —

אַרבעטער פאָלק, דו האָסט געגוג געליטן,
ס׳איז שוין די צײַט, דו זאָלסט זיך מאַכן פרײַ;
ס׳האָט שוין דער רײַכער געגוג אויף דיר געריטן,
צערײַס שוין די צוימען יובלענד מיט געשריי!
צום קאַמף און אַז״וו.

— 2 —

דאַרפסטו מלחמות קעגן דײַנע ברידער,
לאָזן זיך טרײַבן פון די גרויסע לײַט?
שטורעם די פעסטונג, נעם אין האַנט דעם רודער
ס׳שלאָגט שוין דער זייגער, ס׳איז די העכסטע צײַט!...
צום קאַמף! און אַז״וו.

יענטע זײַ נישט „טשענטע"

(פּאַראָדיע אויף דער פּוילישער „דאָנאַ מאַיאַ דאָנאַ")

אויף די פּלאַנטעס נעבן „שטשעכאַ" זיצן זיי צוזאַמען,
האַנט ביי האַנט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ און
זייערע בעקלעך פלאַמען;
יענטע ליבע יענטע, זײַ נישט אויף מיר טשענטע!...
יענטע ליבע יענטע, זײַ נישט אויף מיר טשענטע!...

זײַ מיר מוחל כ'האָב געזינדיקט, ס'וועט נישט מער פּאַסירן!
זע, ס'איז שפּעט, די נאַכט פאַלט צו
אַ שאָד די צײַט פאַרלירן!
יענטע ליבע יענטע!... און אַז"וו.

ס'האָט געטראָפן איינמאָל, נעכטן, ווײַל עס האָט גערעגנט;
בין איך נישט אַהערגעקומען,
כ'האָב דיך נישט באַגעגנט;
יענטע ליבע יענטע!... און אַז"וו.

(דאָ פעלן נאָך ווײַטערדיקע פיר סטראָפן וואָס זענען געווען אַקטועל אין דער „שטשעכאַ ראַבאַטניטשאַ" אין מאַריאַנעטן־טעאַטער 1920).

ב יי ם ר ב י ן

— 1 —

זיץ איך מיר ביים רבין, ביים רבין,
ראַם־באַם טי־די־רי־די ראַם־באַם,
ווײס איך פון אַ לעבן, אַ לעבן,
טי דע ראַם, טי דע ראַם!...

טרינק איך אַ לחיים, לחיים,
ראַם־באַם טי־די־רי־די ראַם־באַם,
און איך כאַפּ שיריים, שיריים,
טי דע ראַם, טי דע ראַם!...

זאָגט דער רבי תורה, אַך תורה,
ראַם־באַם טי־די־רי־די ראַם־באַם,
פאַלט אויף מיר אַ מורא, אַ מורא,
טי דע ראַם, טי דע ראַם!...

וואָס מיר ווײַב און קינדער, אוי קינדער...
ראַם־באַם טי ־ די ־ רי ־ די ראַם־באַם,
אַז דאָ זע איך ווּנדער, אַך ווּנדער,
טי דע ראַם, טי דע ראַם!...

זינגט דער רבי זמירות, אוי זמירות,
ראַם־באַם טי ־ די ־ רי ־ די ראַם־באַם,
איך פאַרגעס די צרות, אוי צרות...
טי דע ראַם, טי דע ראַם!...

דער חסיד

— 2 —

ווען איך פאָר צום רבין, צום רבין!
צום רבין!
לאַנג זאָל ער נאָר לעבן, נאָר לעבן!
נאָר לעבן!

איך פאַרזעץ אַ קישן, אַ קישן,
ס׳זאָל זײַן אויף אַ פּדיון, אַ פּדיון!
אַ פּדיון!

רבי לעבן בענטש מיך, אוי בענטש מיך,
כ׳זאָל קיין הונגער לײַדן, אוי לײַדן
אוי לײַדן...

און דער רבי מענטשט מיך, יאָ בענטשט מיך,
און פאַר הונגער שטאַרב איך, אוי שטאַרב איך,
אוי שטאַרב איך...

(צו די צוויי גומערירטע לידער, האט דער קאמפאזיטאר ברוך שפערבער געשאפן א פרעקטיקע מוזיק געטיילט אין פיר שטימען, די לידער זענען לויט דעם פצעגירט געווארן און אויפגעפירט אין יידיש און אין פויליש אין דעם גרויסן טעאטער „נאוואשטשי" אין קראקע 1919).

די לידער זענען אויך געזונגען געווארן פון שפערבערס געזאנג־פאריין „שיר" מיט א גרויסן דערפאלג.

אַנסקים „דער דיבוק"

(פראַגמענט)

ס'האָט געװעשט זיך דאָ אין שטעטל
קראָקע האָט דערוואַרט איר זיווג,
ענדלעך האָט איר גאָט באַשערט אים —
ס'איז געקומען אַנסקים „דיבוק".

און עס האָבן אָנגעהויבן
פאָרען זיך די מחותנים,
ליטעראַטן, רעצענזענטן,
שטאַרק געשוויצט האָט זייער פּנים...

דער „לוסטיקער יוד", קראָקע 1921

דאָס פאַרפיר־ליכטל

(לעגענדאַריש)

דערצייל מיר, מאַמעניו, נאָכאַמאָל די מעשה
וואָס האָט אַמאָל געטראָפן מיט מײַן ליבן זיידן...
— זײַן נשמה רוט שוין לאַנג אין גן־עדן;
נו, אַז דו ווילסט, וועל איך דיר דערציילן: —
אַ ווײַטער וועג געווען, אפשר עטלעכע מײַלן...
פאַרשטופּט דער זיידע אין קאָזשוך די באָרד די ווײַסע...

און ער פאָרט און פאָרט און דערקענט נישט דעם וועג.
די נאַכט, אײַנגעהילט אין פינצטערנישן טיפע
און ערגעצוווּ לויערט אַ לילית אַ חציפה
וואָס מיט ליכטעלעך צינדן וויל זי פאַרפירן
און דער זיידע באַשליסט זיך פון אָרט נישט צו רירן,
דאָס טײַכל צעשטורעמט, דער זיידע — בײַם ברעג...

און דאָך, ווי לאַנג קאָן אַ מענטש דען פאַרבלײַבן
פאַרשטעקט אין דער בלאָטע בײַם ברעג פונעם טײַכל?
עס איז דאָך בן־אדם געבענטשט מיט אַ שכל,
נעמט דער זיידע טראַכטן — אויב ליכט דאָרטן ברענען,
נו, איז דאָך אַ סימן, אַז מענטשן דאָרט זענען! —
אַ שמיץ מיט דער בײַטש, אַהין דאַרף מען טרײַבן...

טאָ פאָרט ער און פאָרט און דער וועג ווערט אַלץ ווײַטער,
ער קאָן אַלץ צום ליכט־שטראַל אַהין נישט דערגרייכן
און פינצטער ווערט פּלוצלינג און ס'קומט נאָר אַ צייכן,
אַ ליכט־שײַן באַווײַזט זיך גאָר פּונקט קעגנאיבער,
אַ סימן, אַז דאָרט איז אַ ישוב מיט שטיבער
און וויאָ, ס'איז ביטחון אַ גוטער באַגלייטער...

און אָט איז שוין ווידער די פינצטערניש טיפער,
דער זיידע פּרוּווט קריכן אַראָפּ פונעם וואָגן;
אויף מזרח־זײַט ווײַזט אַז עס הויבט שוין אָן טאָגן,
ער קוקט זיך אַרום, אוי, ער שטייט אדם־נאַקעט,
ער הערט עפּעס שטימען און איינע באַלאַקעט,
ס'איז זי טאַקע זי, אָ, די לילית די חציפה...

נו, וואַרפט זיך דער זיידע צוריק אינעם וואָגן,
פאַרדעקט מיטן פּעלץ זיך דעם קערפּער און ציטערט...
אַ בראַזג ווי פון שויבן וואָס ווערן צעשפּליטערט,
אַ לאַכן און קוויטשען, אַ קריצן פון ציינער,
דעם זיידן לויפט דורך אַזש אַ סקרוך דורך די ביינער,
ביז ענדלעך העלפט גאָט און ס'נעמט טאָגן.

די רעדער פון וואָגן — זיי זענען פאַרשוווּנדן;
דער זיידע זאָגט „קרישמע" און זוכט די תחתונים,
אַ נס כאָטש דער פּעלץ דאָ, אַ בראָך צו די שונאים,
ער היט זיך נישט מאַכן קיין טראָט כאָטש דערנעבן,
אַבי זיך דערשלעפּן אַהיים מיטן לעבן
און... גאָט וועט שוין היילן די ווונדן... — — —

— דערפאַר, דאַרף דער מענטש דעם וועג נישט פאַרלירן
און דאַרף זײַן געוואָרנט — נישט לאָזן זיך נאַרן
פון בלענדענדע ליכטלעך וואָס ברענגען געפאַרן... — —
פלעגט שפּעטער דער זיידע אונדז וואָרענען און זאָגן:
— אַ נס כ'האָב דערלעבט ביז גענומען האָט טאָגן
און פאַרלאָשן די ליכט וואָס פאַרפירן...

(קראָקע 1922)

אין מדינת אַרגענטינע

ערשטע אָבסערוואַציעס:

(צו זינגען מיטן מאָטיוו פון „אין לאַנד פון פּיראַמידן")

אין מדינת אַרגענטינע,
אין אַמעריקע פון זוד,
קאָן זיך קיינער נישט באַקלאָגן
אַז עס לעבט זיך אים נישט גוט

יעדער ווער ס'האָט נאָר אַ „פּעקל"
קאָן זיך לעבן דאָ אָן זאָרג;
אַלעם קויפט ער אויפן „ביכל"
און פאַרקויפט אַליין אויף באָרג...

(דאָ פעלן עטלעכע סטראָפן)

ס'דאַרפט דער מוח, דו האָסט חובות?
אויך אַן עסק, נישט געזאָרגט;
ס'טאָגט ביי דיר שוין באַלד אין „פּעקל"
האָסט עס שוין אַוועקגעבאָרגט;

דו האָסט זיבנהונדערט „טשוועקעס"
דו אַליין ביסט איינער בלויז,
נעם און צאָלזשע מיט „טאַרכעטלעך"
און עס קומט נאָך דיר אַרויס...

אין מדינת אַרגענטינע,
כאָטש עס איז אַ רעפּובליק,
הערשט אַן אמת עקאָנאָמיש
„קאָמוניסטיש" געלט-לאָז גליק...

און עס וואָלט געווען אַ לעבן,
אַ גן עדן אויף דער וועלט,
ווען מען דאַרף נישט יעדן חודש
צאָלן כאָטש קיין דירה געלט!...

(„גרויס און קליין" ב. איירעס, אויגוסט 1923)

קאַמיטעטן

(פּאַראָדיע צו זינגען לויט א. רייזינס „וואָסזשע קלאַנגסטו ביי דער גמרא").

וואָסזשע ווײנסטו, זאָגזשע „גרינער"
קומענדיק קיין בוענאָס איירעס?
דאַרפסט אודאי אָפּצוקומען
פאַר אַמאָליקע עברות.

עמיגראַנטן־קאָמיטעטן
זענען דאָ אַזש צוויי אין בוגעס,
דאָך פאַר הונגער קאָנסטו אויסגיין
וואַרטנדיק אויף זיי'ר רחמנות....

— „סוועט ערשט זונטיק זײַן אַ זיצונג,"
זאָגט דער פּרעזעס: — „האַסטאַ לונעס"!...
אָט דאָס זענען קאָמיטעטן
פאַר די גרינע דאָ אין בוגעס...

(פראגמענט, „דער אימיגראַנט" ב. איירעס 1923).

פון זען און שווײַגן

(געדרוקט אין „גרויס און קליין" 1924)

פראגמענטן:

— 1 —

זרח קריטיק דרוקט אַ מאמר
אין זײַן ליבלינגס־בלאַט „דער קאַטער"
— „די באַציִונג פון געזעלשאַפט
צו דעם יידישן טעאַטער".

און ער שרײַבט אויף זעכצן שפּאַלטן
„אוי און איי און אַך די יידן,
וואָס מען זאָל פאַר זיי נישט טוען
זענען זיי אַליק נישט צופרידן...."

אַ ה י מ ן

(מאָטיוו פון „יעשצשע פּאָלסקאַ”)

כאָטש מיר זענען אין בוענאָס איירעס,
זענען מיר נאָך מאַשקעס
און מיר זינגען נאָך דעם „יעשצשע פּאָלסקאַ”
מיט די יִדישע זאַשקעס;

מאַרש מאַרש מיט יִדיש,
ס׳שמעקט הומאָרידיש,
ברענט עס אויף קוילן,
לעבן זאָל פּוילן!...

כאָטש מיר זענען שוין אין אַרגענטינע
זינגען מיר מה יפית
און מיר דרייען זיך אַרום דעם קאָנסול
פּונקט ווי צו הקפות!...
מאַרש מאַרש מיט יִדיש... און אַז״וו.

(„גרויס און קליין” ב. איירעס 1924)

אַ ו ע נ ט פּ ע ר

(דער ווארשעווער „דווא גראָשע אויף אַ רוף צו די יִדן זיי זאָלן אויסוואַנדערן. צו זינגען: — „אַ טשעשטש וואָס פּאַנאָוויע מאַנגאַטשי”)

אַ גרוס אײַך, איר פּוילישע יִדן,
געזונט זאָלט איר זײַן פון דער ווײַט;
נאָר בלויז אונדזער לאַנד לאָזט צופרידן,
זײַט בעסער צעזייט און צעשפּרייט!

איר האָט דאָך באַצאָלט שוין „דאַנינאַ”,
וואָס ווילט איר ביי אונדז דען נאָך מער?
מיר ראַטן אײַך קיין פּאַלעסטינאַ,
ס׳זאָל זײַן אונדזער לאַנד יִדן־לער!

אַוועק גייט פון שולן און בילדונג,
דעם האַנדל מיר נעמען אין הענט;
ס׳איז בעסער דעם פּאָלאַקס פאַרווילדונג
פון יִדישן אינטעליגענט!...

(„גרויס און קליין 1924)

פראַגמענטן פון די פעליעטאָנען „הורך קלאָרע ברילן"

(געדרוקט אין „פנימער און פנימלער" — 1924-30)

אַ רבי אין ב. איירעס

...נאָר פאַרטרײַבט די מרה-שחורה,
ס'איז נישטאָ מער וואָס צו זאָרגן,
ס'וועט נישט זײַן דאָ מער קיין קראַנקע,
מירן זיכער מיטן מאָרגן...

ס'איז געקומען דאָ אַ רבי
וואָס ער טראָגט אַזש צוויי כאַלאַטן
אָנגעלאָדנט מיט פּראָטעקציעס
צו דעם הימלדיקן טאַטן...

מערן זיך די חסידים-„פּאַסיעס",
אַלע ווילן כאַפּן שיריים,
(ס'איז אַ סברא, אַז מ'איז אויסן
אויך אַ קאַפּיטשקע לחיים...)

ווי עס זאָל נישט זײַן די מעשה,
קענען מיר שוין לעבן דרײַסטער
— אַן עבירה? — וואָסזשע דאַרטן,
קאָנסט פאַרגלעטן מיטן טײַסטער...

גיב, נאָר אָפּ אַ פּעטן פּדיון
קאָנסטו לעבן שוין אָן מורא,
ס'איז דאָך זיכער אַז דער רבי
איז אַ מליץ פאַרן בורא!...

(„פנימער און פנימלער" 1924)

שטילער, שטיל...

שטילער, שטיל, פאַרמאַכט די לאָדנס,
סיידיש לעבן כאַפּט אַ דרימל
ווען די הייסע זונענשטראַלן
בריען פון דעם הויכן הימל

ס'האָט דער ייִד נאָר ליב צו שוויצן
בײַ אַ היימישער אַסיפה,
ווו מען טרינקט אַביסל משקה,
נאָר פון גלעזער אמת טיפע...

ווען עס קומט נאָר אָן דער זומער,
פאָרט אַ טייל זיך ערגיץ באָדן
און די איבעריקע שוויצער
שלאָפן בײַ פאַרמאַכטע לאָדן,

ווײַל די גרויסע ליכט-פאַרערער
קענען נאָך קיין ליכט פאַרטראָגן,
און די ליבע זונענשטראַלן
קענען שאַטן נאָך צום מאָגן...

(„פנימער און פ." יאַנואַר 1925)

אבן נגף

אין ראָמאַן בײַ דינענזאָנען
„אבן נגף" שטייט געשריבן:
— ס'וויל דער ייִד זײַן פוס נישט היטן
ביז ער זעט אים נישט צעריבן...
ס'ליגט דער שטיין אינמיטן שטעטל
און דאָס שטעטל לאָזט אים ליגן,
איידער אַרבעטן פאַראייניקט,
בעסער זיך אַרומצוקריגן...
אויסער קריג און כבוד זוכעניק,
זיצט זיך קהל גאַנץ געדולדיק,
ערשט ווען ס'איז שוין ווער געניזוקט,
שרײַט מען אויס: — דער שטיין איז שולדיק...

(פ. א פ. פעב. 1925)

העדבסט...

ווען עס פאַלט פון בוים אַ בלעטל
פאַלט אַראָפּ אַ מרה שחורה:
איז דען טאַקע פון די פּיקניקס
מיר געוואָרן אונזער בורא?

כ׳בעט דיך, ליבער גאָט אין הימל
די גזירה אָפּצובלעקן
פּראָלאָנגיר אונז נאָך דעם זומער,
מעגסט אונז נאָך אַ זונשטראַל שענקען;

מאַך עס זאָל צוריק זײַן וואַרים
זע, די סכנה וואָס עס דראָט אונז,
ס׳וואַקסן נײַע אינסטיטוציעס,
שיצן בין זיי קאָן נאָר גאָט אונז...

ווײַל ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן
זוכן זיי זיך אויסצושפּרייטן
מיט באַנקעטן און מיט רעדעס...
(ס׳קומען אָנעט שווערע צײַטן...)

און דערפאַר, אוי, טאַטע בורא,
נעם אונז צו דעם גרויסן קומער,
זאָלן גרינען נאָך די בוימער,
פּראָלאָנגיר אונז נאָך דעם זומער!...

(פנימער און פ. מערץ 1925)

נײַע לוחות

און עס וואַקסן אַלץ די קשיות,
ווערן מערער אַלץ און שווערער,
אויף דעם תירוץ מוז מען וואַרטן
ביז ס׳וועט אויפשטיין דאָ אַ לערער,

ביז ס׳וועט אויפשטיין דאָ אַ משה
און פאַרברענען „ס׳גאָלדן קעלבל״
ברענגען לוחות מיט אַן אויפשריפט:
—ס׳לעבן איז נישט קיין „געוועלבל״...

(פנימער און פ. פסח 1925)

פּאַלעסטינע בליט

אַט, למשל פּ אַ ל ע ס ט י נ ע,
פראָסט אַ מדבר ערשט געווען;
אַן אויטאָפּיע פאַר די קעגנער
אויך פאַר „פריינט" אַ קנאַפּער ווען.

זענען אָבער שטאַרקע מענטשן
פעלזנפעסט אויף וואַך געשטאַנען
און אַ נחת, פּאַלעסטינע...
וואָס עס איז שוין דאָרט פאַראַנען!...

ס'קאָן שוין היינט קיין שונא זאָגן:
— העי, אַ מדבר, פּאַלעסטינע!
אַ מאַלאַריע מיט קדחת,
ס'העלפן נישט קיין פראָשקעס „כינע".

טראַכטן היינט די זעלבע קעגנער:
ווי מען קאָן אַ טעות האָבן!
ליגט דען נישט דער ייִד אין גלות
איילן ניין גאַנץ טיף באַגראָבן?

און דאַקעגן פּ אַ ל ע ס ט י נ ע
ווי זי בליט זיך דאָס פונאַנדער
אויף צו זיין אַ היים פאַר יעדן
מידן ייִד פון פיין און וואַנדער!...

(פנימער און פ. יוני 1925)

פ ר ץ ה י ר ש ב י י ן

דאָ פאַראַן ביי אונז אין שטעטל
דריי טעאַטערס מיט אַקטיאָרן,
נאָר זיי טראַכטן נישט אפילו
— פּ ר ץ ה י ר ש ב י י ן קומט צו פאָרן!

כ'זע אפילו אין די גאַסן
„שלמה'קע ריקל" און „מאַלווינקע"
און אַ „יענטע פּיפּערנאָטער"
(צוגעפּיקסט פון „כינקע פינקע")

און עס ווימלט מיט פראָגראַמען
דאָס און יענץ מיט לאָקש און בוידעם,
פרעגט זיך: — זענען דאָס אַקטיאָרן,
אָדער גאָר אַ מין לא־יודעים?...

פאַרוואָס פּרואווט מען נישט די כחות,
זיך צו שטעלן רעפּעטירן
דריי פון הירשביינס בעסטע פּיעסן,
נישט די צייט מיט „נישט" פאַרלירן?

ס'וואָלט געווען אַ מין באַגריסונג
פאַר דעם גרויסן גאַסט דעם ליבן
און איר וואָלט אַמאָל אין יובל
כאָטש געשפּילט פאַר פולע שטיבן!...

(פנימער און פּ. יולי 1925)

„פּראָהיבישן"

דאָרט, אין לאַנד פון רייכע ביזנעס,
אין אַמעריקע פון צפון,
וואו מען האָט ספּעציעל פאַרבאָטן
מאַכן „בורא פּרי הגפן"...

ס'זאָל דאָס פאָלק נישט זיין פאַרשיכורט
ווייל דאָס טרינקען מאַכט קאַפּריזנע,
איז דער יין־שרף־שמוגל
דאָרטן היינט די בעסטע ביזנע...

נאָר די מאַסן זענען ניכטער;
ס'טרינקען בלויז די „גרויסע קעפּלעך"
(וועלכע קענען גוט באַצאָלן) —
נישט פון גלעזער, נאָר פון שעפּלעך!...

(פּ. א פּ. יולי 1925)

באַנקעטן

זייט עס איז געוואָרן מאָדע
צו פאַראַנשטאַלטן באַנקעטן
ווען עס פאָרט נאָר ווער קיין אויסלאַנד,
איז נאָך נישט — איך קאָן זיך וועטן —
פאָרגעקומען אַזאַ מעשה,
ס'זאָל אַ גרופּע שיינע ייִדן
מיט די „ציונס" אין די לאַצן
קייען אינדיק פּיין, צופרידן...

— תשעה־באב באַנאַכט, נאָך „איכה"
אין האָטעל „דע איראָפּעאָ",
האָט איר אַ באַנקעט געפּראַוועט
קיינעם נישט געפרעגט קיין דעה...
אויב איר האָט געוואָלט שוין דווקא
עמיצן דאָרט געבן כּבוד,
ווי פאַרדעקט מען נישט צום חורבן
אויף דער לאַץ דעם „מגן דוד" ?..

(פנימער און פ. אויגוסט 1925)

„דאָרט ווו די צעדער"

ליטעראַטן, זשורנאַליסטן,
מייסטער פון די טינט און פעדער,
נעמען ערנסט זיך באַקענען
מיט דעם לאַנד „דאָרט ווו די צעדער",
וואָס מען האָט מיט שוויים באַוואַסערט
ביז עס האָט גענומען בליִען
און עס רופט דער קול פון שופר:
— קוקט אַריבער,היינט צו ציון !...
קוקט און זעט די גרויסע וווּנדער
דורך אַ קורצער צייט פון שטרעבן,
נאָר מיט ווילן און עקשנות
קאָן מען אַזאַ טריומף דערלעבן !...

(פנימער און פ. אויגוסט 1925)

אהרן בראָדסקי

ס'איז געשטאָרבן אהרן בראָדסקי,
(זכר צדיק איז לברכה)
ר'האָט פאַרלאָזט דאָס שלעכטע וועלטל
מיט זיין ביטערער מערכה...

שווער און ביטער האָט געקעמפט ער;
פרי ביז שפּעט אַלס בעל־מלאכה,
גאַנץ אַליין אין ווייטע לענדער,
אָן אַ ווייב און אָן משפחה,

נאָר באַפליגלט מיט פאַנטאַזיע
האָט ער אין זיין שווערן לעבן
אָפּגעגעבן זיך אינגאַנצן
צו זיין קינסטלערישן שטרעבן;

שווער געאַרבעט אַלס אַ סטלעמאַך
און ביינאַכט אין ענגן חדר
אויסגעחלומט גאָלד־חלומות
און באַשריבן זיי כסדר...

ס'איז געשטאָרבן אהרן בראָדסקי,
זכר צדיק איז לברכה;
זעט, פאַראייביקט כאָטש זיין נאָמען,
ליטעראַרישע משפחה!..

(פנימער און פ. סעפּט. 1925)

אַ סוכה...

שוין מיט מזל איבערקומען ראש־השנה און יום־ כפּור,
אָפּגעראַנגלט מיטן שטן, שוין באַזיגט עם ליגט לוציפער,
ייִדן האָבן „גוטע קוויטלעך" און זיי אָטעמען שוין פרייער,
און מען נעמט זיך צו די „ביזנעס", ס'איז די צייט ביים
סוחר טייער...

אויסגעיומטובט, אָפּגעדאַווענט, אויסגענאַרט ביי גאָט אַ
„קוויטל",
קוק איך שוין אויף חג הסכות דורך די פינגער פול מיט
ביטול.
— וואָס מיר סכות, שטעלן ביידלעך, מיט אַ דאַך באַדעקט מיט
צווייגן ?
ווען אַ סוכה איז מיין דירה, ס'קאָן דאָך גאָט זיך איבערצייגן —

ווי עס קאַפּעט מיר אין טעלער ווען אינדרויסן גייט אַ רעגן,
אָן אַ שירם ביים צוקאָפּנס, קאָן איך זיך אין בעט נישט לייגן...
און די „שפּיזן" — גאָט אין הימל, ס'וואַקסן אונטער מיינע
טעכטער...
(אוי, ווי ס'שטעכן מיר די זייטן, אסור, נישט צוליב
געלעכטער !).

(פנימער און פּ. סכות 1925)

אַ קרבן פון נויט...

ווידער איז געשען אַ זעלבסטמאָרד,
ס'האָט אַ מיידל זיך דערשאָסן;
וואָלט עס נאָר געווען פון ליבע,
וואָלט עס אפשר נישט פאַרדראָסן,

ווייל די ליבע ווייס אַ יעדער
מאַכט דעם מענטשן בלינד און נאַריש
(נאָך דערצו ווען דער געליבטער
איז אַ גוי און האַלט זיך „אַריש")

איז דאָך אָבער ג ע נ י ע מ א נ ה י י ם,
(קיינער דאַרף דאָס נישט פאַרגעסן)
מער אַ קרבן פונעם עלענט,
ז'האָט דאָך נישט געהאַט אויף עסן !

אָפּגעהונגערט צען חדשים
אין דעם רייכן בוענאָס איירעס,
מיט אַ פּעזע פּופּציק טעגלעך,
דאָך, געהיט זיך פון הפקרות...

שטיל געליטן, שטיל געהונגערט,
טרערן זענען שטיל געפלאָסן,
איז זי ענדלעך מיד געוואָרן
און זי האָט זיך טויט געשאָסן.

שריי איך אויס אויף הויכע קולות:
— וואוזשע זייט איר קאָמיטעטן?
וואָסזשע זעט איר נישט קרבנות
ווי די מאַנהיימס אָפּצורעטן!...

— — — — — — — — — — — — — — —

(פנימער און פּ. דעצעמבער 1925)

שוין פאַר פרויען!

ס׳האָט דער שקלאַפן־האַנדל דאָ
אויסגעשפּרייט די פליגל,
ס׳העלפט נישט וואָס מען זעצט שוין וועם
אונטער „שלאָס און ריגל"...—

טענה׳ט איינער היינט צו מיר,
— דאָס איז אַלץ אַ גאָרנישט
די דיסקוסיעס אינעם בלאַט
העלפט דאָ אויך קיין האָר נישט;

ס׳איז נאָר מיר, נאָר מיר אַליין
דאַרפן זיך צו נעמען
צו די „פאָרהענגלעך" וואָס מער,
זיך פאַר קיינעם שעמען

זוכן, אפשר איז דאָרט וואו
אין די טומאה־ביידלעך
נאָך פאַראַן אַ היפּשע צאָל
ערשט פאַרפירטע מיידלעך...

איטע קרייזער איז אַ דאַנק
אונז באַפרייט געוואָרן,
בלייבן וואָלט זי דאָרט אָן אונז
אַלע אירע יאָרן...

— — — — — — — — — — — — — — —

(פנימער און פּ. מערץ 1926)

צום גויאישן ניי־יאָר

פייערווערק און לייכט־ראַקעטן
ווילד געזאַנג און פריידיק לאַכן,
גאַסן־טאַנץ און ווילד געטומל,
אַלע גוטע זיבן זאַכן:
אויסגעטרונקען ליטרעס ווייַנען
נעמט מען צו דעם הימל שיסן
פיף און פאַף — רעוואָלווער — קוילן
טוען ס'נייע יאָר באַגריסן

וואָס מיר ווייַנען, זאָגן סליחות,
מיט „לך השם הצדקה"
בעסער פראַווען ווילדע אָרגיעס,
טרינקען אַלקאָהאָל אַן אָקע...
איידער „ונתנה תוקף"
זאָגן מיט געוויין אין שילן,
בעסער אין די קאַבאַרעטן
וואו מען קאָן זיך פיין פאַרשפּילן...

הוליען אונטער קלאַנג פון דזשאַז,
אַנשטאט „קול דממה דקה"
ממיתן דעם נאָנטסטן חבר,
איז ביי זיי די „תפילה זכאי"...
יידן דאַרפן ראש־השנה
דין וחשבון אָפּצוגעבן,
וויינען, בעטן מיט תחנונים —
גוטע קוויטלעך אויף „צום לעבן".

נאָר ביי גוים (וואָס להבדיל)
ווייס מען נישט פון סליחות וועקן,
דאַרפן זיי דען אין סילוועסטער
פאַר אַ יום־הדין זיך שרעקן?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(פנימער און פ. ניי־יאָר 1927)

ייִדישע קייטן־רייַסער

.... אָדער, גיט אַ קוק — גבורים,
ווי זיי מערן זיך אַצינד;
ס'וועט זיך באַלד צום רייַסן קייטן
כאַפּן יעדעס ייִדיש קינד...
ווײַל...ווער האָט דען נאָך ווי ייִדן
דורכגעליטן הונגער, נויט,
פון פּאָגראָמען און רדיפות,
אָפט געזען פאַר זיך דעם טויט...
וואַקסן טאַקע הונגער־קינדער
מוסקולאַריש ־ פעסט געבויט
צום באַשטעטיקן דאָס שפּרוכוואָרט:
— „אײַזן ־ ברעכן — קאָן די נויט!"...

(פּנימער און פּ. יאַנואַר 1927)

ציבעלע און פּוטיפּערע...

ווייל און גוט וואָלט מיר געווען אַלס פּעליטאַניסט,
כ'וואָלט געשריבן פאַר אַ שיבוש, אפשר אויך אומזיסט...

קאָנקורירט וואָלט איך מיט שרייַבער פון דעם פּעליטאָן,
וועלכע מישן טינט מיט וואַסער ביז זיי „שמירן"־אָן —

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, בוידעם אַ ירידה,
וואָלקן ־ קראַצער ביז די הימלען בויעט מען פון קיט...

און מען כאַפּט זיך אָן אָן אַלעס, וואָס עס זאָל נישט זײַן,
ווײַל מען זאָגט: — פאַר פּעליטאָנען איז דאָך אַלעס שיין...

ציבעלע און פּוטיפּערע און אַ ציגנבאָק,
אַלץ איז גוט פאַר פּעליטאָנען, דאָ איז אַזאַ חוק...

הימל, שטערן און לבנה, קאַרליטאָס טשאַפּלין,
„פּראָהיבישאָן", האָנאָלולו, הונגער־שטרײַק אין ווין;

אַלעס, אַלעס, איז אַ טעמע פאַר אַ פעליעטאָן,
קאַפע „קיאָסקאָ", „סיבאַריטאַ„ און דער באַר „לעאָן"...

גנב, טורמע, אינקוויזיציע און דער פּריַיז פון זייף,
טינט מיט וואַסער, טינט מיט וואַסער מאַכט פון כשר — טריף! . ..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

(פנימער און פ. פעבר. 1927)

זרבבל

הײַנט איז לעבעדיק אין שטעטל
ס'איז שוין קיינעם נישט פאַרהוילן
ווי עס זעט איצט אויס דער מצב
פון דעם יידנס שול אין פּוילן.

ריַיסט זיך יעדער אונטערשטיצן
אַזאַ פיַינעם צוועק און ווילן,
לעבט דאָך נאָך דער אימיגראַנט דאָ
גײַסטיק ממש נאָך אין פּוילן;

זרבבל האָט געמאָלן
אַלע שווידערלעכע גרוילן
וואָס עס מוזן איבערלעבן
יידיש־שולן הײַנט אין פּוילן;

ריַיסן זיך די ברייטע מאַסן
קיינער פרווט נישט מער זיך פוילן
יעדער שטיצט ווי ווײַט נאָר מעגלעך,
ליב איז אים די שול אין פּוילן...

קינדערלעך, וואָס אָפּגעריסן
אָן אַ הייזל, שיך אָן זוילן,
לערנען זיך און ווערן לײַט אַ
דאַנק דעם יידנס שול אין פּוילן;

יאָ, פּאַרטיי־מאַן, נישט פּאַרטיי־מאַן,
פון עפרויקען ביז ר' יואלן,
אַלע פילן זיך פאַרפליכטעט
צו דעם יידנס שול אין פּוילן.

בלויז ביי זיי, ביי די יעווסעקן,
ווילן נאָך ביי זיך נישט פועלן
כאָטש אַ קלענסטע פליכט צו פילן
צו דעם יידנס שול אין פוילן.

שיסן זיי מיט טאַבעק־פולווער
פון פאַפירענע פיסטוילן
אויף צו שטערן די קאַמפּיינען
פאַר דעם יידנס שול אין פוילן.

דאָך, די היגע יידן טוען
דאָס וואָס ס'הארץ האָט זיי באַפוילן:
יידן שטיצט מיט האַרץ און העלפט דאָרט
אויפהאַלטן די שול אין פוילן!...

(פנימער און פ. מאַי 1927)

פאַר חברימלעך אין פוילן...

וויל איך היינט באַזינגען קינדער
פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן
וועלכעס וואָלט אַ דינעזאָנען
נחתדיק געקאָנט פאַרוויגן,
זעענדיק ווי זאַטע קינדער
לאָזן אָרימע נישט פאַלן,
וואָלט אַ פרייד פון טויזנט זונען
זיין געמיט געטון באַשטראַלן...

שלאָמקע שטירבוי, פּעשע זייד און
כייטשע ברונשטיין, ראובן שיללער,
יאָסל ערמאַן, שרה שאָפּאַ
און דער קליינער יאַנטשע פילער
און אַ גאַנצע רייע קינדער
אין דער שול פון „שלום אַש"
האָבן אָפּגעשפּאָרט די סענטן
וואָס זיי קריגן אויף צו נאַשן.

און געמאַכט דערפון אַ זאַמלונג
פאַר חברימלעך אין פוילן,
וועלכע גייען אין די שולן
הונגעריק און שיך אָן זוילן...

קינדער טײַערע, מלאכים,
ס'וואַקסט פון אײַך אַ דור אַ פײַנער!
משהלעך און שלמהלעך, איי,
מיר זאָל זײַן פאַר אײַ'רע ביינער!...

(פנימער און פ. יולי 1927)

קעגן אַסימילאַציע

פונקט ווען כ'האָב דערפילט אַ בענקשאַפט
נאָך מײַן היימאַט־שטעטל קראָקע,
וואָס איך פעל שוין אויס פון דאָרטן
היפשלעך מערער פון אַ „חזקה"
קומט פון דאָרט מיר אַ ידיעה
פון דעם יידישן טעאַטער — —
(גאָטעניו, דו ווייסט דאָך וויפיל
כ'האָב געלאָזט דאָרט מי און מאַטער...)

איז אַ פרייד געווען, אַ נחת
לייענענדיק די גוטע נײַעסן
אַז אַ קליינער הייפל קעמפער
פרוּוון דאָרט דעם „גזר" צערײַסן,
אָט, דעם בייזן גזר אין קראָקע
וועלכער הייסט אַסימילאַציע,
שיק איך אײַך דערפאַר חברים,
צו פון ווײַטן מײַן אָוואַציע!...

(פנימער און פ. יולי 1927)

שלום שוואַרצבאַרד

שוין אַריבער די יומטובים פון דעם ייִדישן נצחון,
שוין באַפרײַט איז שלום שוואַרצבאַרד, ווי איך האָב געהאַט בטחון.

דער געוויסן פון די ריכטער (עכט־מאָנירלעכע פראַנצויזן)
האָבן פאַר דער יושר־געטין אַ געשאַנק געמאַכט פון רויזן;

נישט געציילט זיך מיט טראַדיציע פון פאַרשימלטע קאָדעקסן,
נאָר אַ ביסל הימל־העכער אויפגעהויבן די רעפלעקסן

און באַטראַכט דעם גאַנצן ענין מענטשלעך ווירדיק מיט
פאַרשטענדניש,
און באַפרײַט זיך פון די שוואַרצע פעטליוראָווסקישע
פאַרבלענדניש...

— „שלום שוואַרצבאַרד איז נישט שולדיק! — ער האָט
נאָר דערפילט די פליכטן
וועלכע ער האָט נישט ווי יעדער, גלאַט אַזוי געוואָלט
פאַרציכטן...”

שיק איך דורך די גראַמען מײַנע צו אַ בלומענקראַנץ
די ריכטער
— זייט געגריסט איר ריינע מענטשן, פון אַן אַקטועלן דיכטער...
פנימער און פ. נאָוועמבער 1927

אַלבערטאָ גערשונאָוו

...גערשונאָוו, דער „גאַוטש כודיאָ”,
אָט, דעם ריטערלעכן ייִדן
האָט מען אַ באַנקעט געפּראַוועט,
ווײַזנדיק אַז מ'איז צופרידן
וואָס ער וואַנסירט אַלס קינסטלער
און אַלס אַנערקענטער שרײַבער,
וועלכער דינט אין פרעמדע גערטנער
אַלס אַ גוטער „בלומען”־קלײַבער...
ווינטשן מיר אים מזל ברכה
אין זײַן ווײַטערדיקן לעבן,
זאָל ער נאָר פאַר אונדזער אומה
אויך אַביסל בלומען געבן!...
(פנימער און פ. דעצעמבער 1927)

ה. בלאָשטיין...

...„כ'האָב געזען ברוח הקודש
סטויג נישט ס'לעבן פון געזעלשאַפט;
סטויג נישט ס'גרינקייט פון די „גרינע"
קעמפן דאַרף מען קעגן „ג ע ל"-שאַפט;

סטויגן נישט די אינסטיטוציעס,
ס'טויג נישט ס'טעלערל פון הימל..." — — —
און ער פרייט זיך מיט דער „זעאונג"
ווי עס ליגט אַ וועלט אין שימל...

ווען כ'מיין דאָ מיט די גראַמען?
כ'לעבן, גאָרנישט שווער צו טרעפן;
גיב נאָר מיטוואָך אָדער פרייַטיק
בלויז „די פרעסע" אַ צעעפן.

און עס וואַרפט זיך אין די אויגן
אַ ר ו ב ר י ק אַן אַקטועלע,
ב ל אָ ש ט י י ן שרייַבט מיט נ ו מ ע ר אַ צ י ע
וועגן יעדער „שעלע-מעלע" — — —

וואַסער שטויסט ער מיט אַ שטויסל,
אין דער לופטן קלאַפט ער טשוועקעס,
גלייַך עס האָט די וועלט דעם שכל
נישט אין קאָפּ נאָר אין די פלעקעס...

יעדעס מאָל, אַ נייַער פאָרשלאַג,
סייַ ער טויג און סייַ ער טויג נישט,
(האָט דאָ קיינער אויסער בלאָשטיין
דאָ אין לאַנד שוין מער קיין אויג נישט?...

(פנימער און פ. מערץ 1928)

פּאַראָדיע:

(געזונגען פון אויטאָר אויף אַ באַנקעט לכבוד יעקב באַטאַשאַנסקי אין יאָר 1925, אויפן מאָטיוו פון באַטאַשאַנסקיס ליבלינגס־לידל „ווען כ'בין געקומען קיין חאַכמים־טריוויקע"...)

— א —

ווען כ'בין געקומען קיין אַרגענטינע
איז שוין אַ טעגלעכע פּרעסע געווען;
איינע אַ „צייטונג" די אַנדערע „פּרעסע"
און כ'האָב ניט געוווסט צו וועלכער צו גיין.

אַ יעדע פון זיי האָט אַן אַנדער חסרון
איינס פאַר דעם צווייטן איז ווי אַ פּלאָג,
איינע די צווייטע דערגייט דאָ די יאָרן,
זאָגט איינע נאַכט, זאָגט די אַנדערע טאָג!...

— ב —

די „אידישע צייטונג" איז דאָך אַ „רעכטע"
און שענקט דער „יעוועסעקציע" שפּאַלטן אַ סך,
די „פּרעסע" איז ווידער אַ „לינקע" אַן עכטע, —
פאַר תלמוד־תורות שטייט זי אויף וואַך...
צו וועלכער פון זיי, זאָל איך זיך שאַרן,
אין וועלכער פון זיי, זאָל איך דרוקן אַ וואָרט?
אַז ס'הערשט ביי ביידע גלייכע געפאַרן,
אַרבעט איך דאָ, פאַרהאַסט מען מיך דאָרט?...

— ג —

אָ, מיינע הערן, דאָס איז די מעשה,
ווילט איר, מאַכט חוזק, ווילט איר — פאַרשטייט;
זיין דאָ אַ שרייבער, מהיכא תיתא,
ווען ס'זאָלן דאָ שרייבער וועלן זיין לייט...
ס'זאָל נישט איין חבר שטעלן אַ פיסל
ווען ס'וויל דער צווייטער מאַכן אַ שפּריי,
מען דאַרף נאָר פאַרשטיין התחיבות אַביסל
בעסער צו לעבן אין חברשן קרייז!...

(פנימער און פ. יולי 1928)

„יונג אַרגענטינע"

...אויך די סטודיע פאַר טעאַטער
אַט די „יונגע אַרגענטינע"
האָט געוויזן אַז עס פעלט איר
נישט חלילה ד ע ת און ב י נ ה,

וואָס די היזיקע אַקטיאָרן
האָבן ליידער נישט פאַרשטאַנען
האָט דאָס „יונגע אַרגענטינע"
נישט געוואַרט אויף קיין דערמאַנען

נאָר אַליין, כאָטש גאַנץ באַשיידן,
ביי אַ גלעזל טיי געזעגנט
אונדזער גרויסן גאַסט מ אָ ר ע ווס ק י,
פאַר פאַרלאָזן אונדזער געגענט...

האָט דאָס „יונגע אַרגענטינע"
מיט דעם זשעסט אַ סך באַוויזן,
און מען דאַרף זי אונטערשטיצן,
ווייל זי האָט געזונטע „דריזן"...

(פנימער און פּ. אויגוסט 1928)

יום־כפור׳דיק

עס הערט זיך דאָס קרייען פון טויזנטער הענער
וואָס לערנען די ראָל אַלס כ פ ר ו ת,
און העכער פון אַלע עס קלינגען די טענער
פון הויכינקען קאַפּהאָן דעם „סרים".

עס איז דאָך באַקאַנט שוין פון לאַנג, פון פּאַרציײַטנס,
— אַ פּושקע וואָס ליידיק קלאַפּט העכער!...
און העכער פון אַלע עס קריכט גאָר דער פּוצער
פון קוימען וואָס קריכט איבער דעכער...

און יעדער עם־הארץ לאָזט דווקא זיך הערן
און קוועלט פון די אייגענע סברות
און לאַכט פון די קעגנער וואָס האָבן אַ פּנים
ביי אים ווי יום־כפור־כפרות...

אַ שטייענדיק וואַסער וואָלט אויך זיך געשפּיגלט
אין זון און אין קלאָרינקען הימל,
ווען ס'שפּרייט זיך נישט אויסעט פון אויבן מיט גדלות
אַ שלעכטער געמויזעכץ און שימל!...

אָ, זעט נאָר ווי ס'שטופּט זיך אויף יעדער פאַרזאַמלונג
צום ריידן דער „חכם" ר'באָרים;
ער רעדט און ער דונערט פאַר פייער און וואַסער
און ס'טויג וואָס ער רעדט אויף כפּרות...

פאַראַנען אויך מענטשן וואָס האָבן שוין ממש
געדינט צו אַ סך „עבודה־זרות",
זיי ווערן געגרויסטע און באַהערשן פּאַרטייען
און טויגן אַליין אויף כפּרות...

און פיל אינסטיטוציעס וואָס שטאַרבן נאָך יונגע
און ליידן די קללה פון כרת,
איז קיינער נישט שולדיק, נאָר עטלעכע פירער
וואָס האָבן געטויגט אויף כפּרות...

און נעמט דאָס טעאַטער, אויך דאָרט איז דאָס זעלבע,
מען בלאָפט מיט אַ פּאָמפּע דעם עולם,
מען שפּילט „קוני־לעמל" און „באַצקל כלבוניק"
אויף זיכער מען נעמט משה גולם...

מען טשאַקעט דעם עולם מיט גאָלד וואָס איז טאָמבאַק,
מיט מתים פון אַלטן בית הקברות,
מען מאַכט נאָך אַ פּאָמפּע, — „אָט דאָס הייסט אַ פּיעסע"!
כאָטש טויגן, טויג זי אויף כפּרות...

שרייבט מען רעצענזיעס, באַגייסטערט מיט „קדוש"
נישטאָ דאָרט קיין וואָרט כאָטש וואָס וואָר איז,
ווייל ס'האָט דאָך די פּיעסע צוזאָם מיטן שפּילן
נישט מער ווי געטויגט אויף כ פּ ר ו ת!...

און נעמט כאָטש די שרייבער פון אַלערליי מינים,
פון וויסן און סקיצן און וויצן,
זיי רייבן און שרייבן און ווילן זיך גרויסן
ביי יעדער געלעגנהייט שוויצן...

ווײַזן בקיאות און זאָגן מבינות
און מאָלן פאַר שוואַרץ דאָס וואָס קלאָר איז,
כאָטש אינערלעך פילן זיי גוט אַז די ווערטער
טויגן דאָך נאָר אויף כ פ ר ו ת!...
— — — — — — — — — — — —

און האָב האָב איך שוין ענדלעך צוליב יום הכפור
געענדיקט מײַן „זאַך" אויף צו דרוקן,
טאָ וויל איך דער ערשטער די עטלעכע סטראָפן
פרוּוון אַליין איבערקוקן: — — —
איך לייען מײַנע ווערטער און טראַכט: — צו וואָס טויג מיר
אַליין צו פאַרשאַפן זיך צרות?
צו קומען מיט קריטיק אין סטראָפן געגראַמטע
וואָס טויגן — אויף נײַנציק כ פ ר ו ת!...

(פנימער און פ. אָקטאָבער 1928)

נ ס ח נ ו כ ה...

— א —

— דער נס מיטן בוימל ביי די חשמונאים
געווען איז נישט מער ווי אַ „דריידל"
מען האָט דאָרט געמאַכט אַ מין „קונציקן שווינדל"...
שרײַט אויס דער „יעווסעק" חבר זיידל...

— ב —

דער לינקער „פ־צדיק" דערמאָנט די חברים
— „ע, לאָזט אײַך נישט פירן אין בעדל;
דער נס מיטן בוימל שטאַמט אָפּ פון ציוניזם,
ס'איז זייער פאָליטישער דריידל"...

— ג —

דער רעכטער „פ־צדיק", ער רעדט שוין פון בוימל
נישקשה, אַביסעלע איידל,
נאָר ס'לוינט נישט דעריבער די צײַט צו פאַרלירן,
ס'איז בעסער צו שפּילן אין דריידל...

— ד —

דער צעירי־ציון, ער איז היינט פאַרנומען,
ער פלירטעט אין פאַרק מיט אַ מיידל;
ער האָט אַזש פאַרגעסן אָן די חשמנאים,
ער האָט אויך פאַרגעסן אָן דריידל...

— ה —

נאָר דער ציוניסט, ער זאָגט מוסר דעם עולם
און וויל אים אַלץ שטופּן אין שיידל
אַביסעלע גלויבן, אויב נישט אין די ניסים,
טאָ זאָל ער כאָטש גלויבן אין דריידל!...

— ו —

דער אַסימילאַטאָר, וואָס האַלט זיך אין דרייען
ווי ממש אַ פערדישער ווידל,
ער האַלט נישט פון ניסים נאָר בלויז פון שתדלנות,
ער דינט דאָך דעם פריץ אַלס דריידל!...

(פנימער און פ. יאַנואַר 1929)

„אַלטע" שאַלאַמויזן...

... גיי איך אין פּאַלערמאָ־וועלדל
זויג דעם ריח פון די גראָזן,
שטיל און רואיק, אַ מחיה
ווי דאָס ווינטעלע טוט בלאָזן...
גיי איך און איך טראַכט געדאַנקען,
פויגעלעך אַרום מיר ווימלען,
זעץ איך זיך אַוועק דאָרט ערגיץ
און איך נעם צעביסלעך דרימלען... — — —
— — — — — — — — — — — — —
פּלוצלינג רופט צו מיר אַ שטימע:
— דיכטער! שוין גענוג געדיכטעט
וועגן יחיד און זיין ליבע,
ס'איז די ליבע הינגעריכטעט!...

וואָס מיר ליבע? אַלטע שמות;
ווער האַלט היינט פון סענטימענטן?
רעוואָלוציעס! קאַמף! באַפרייאונג!
זענען היינט די עלעמענטן...

זע, די וועלט איז איבעראַנדערשט
ס'לעבן גייט אין נייע פאָרמען,
שוין גענוג געווען די מענטשהייט
מיט דעם אַלטן שפּייז צו קאָרמען!...

זע נאָר, דיכטער, דאָרט אין קינע,
ווי עס שקלאַפן נאָך מיליאָנען
שפּאַלטן - אויגיקע קינעזער
און זיי רופן און זיי מאָנען...

שוין גענוג געווען דעם יחיד
צו באַזינגען מיט געזאַנגען,
וועגן אַלטע שאַלאַמויזן
וועלכע זענען שוין פאַרגאַנגען...

ס'לייכט די זון קיין האָר נישט מערער
ס'ווערט לבנה אויך נישט בלאַסער,
וואָסזשע זינגסטו זיי נאָך לידער,
גיסט אין ים אַריין גלאַט וואַסער?...
אמת איז אַז ראָזאַלינע
איז אַ מיידל שיין און איידל
און אויף איר געטאָקטן קערפּער
טראָגט זי אַ דורכזיכטיק קליידל....

נעמסטו זיך דערפאַר שוין איבער
וואָסזשע איז דערפון געדרונגען?
דענק נאָר קלאָר אַביסל, דיכטער,
איז כדאי זי צו באַזינגען?

ווייסטו ניט אַז ראָזאַלינע
וואַרט געשפּאַנט אויף איר „באַזיגער"
און זי וועט מיט יאָרן שפּעטער
ווערן וועמענס בייזע שוויגער?

— — — — — — — — — — — — —

אונ איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון
ליבן שטאַרקן זיסן דרימל...
כ'קוק, ווו בין איך אויף דער וועלט דאָ?
איבער מיר אַ שוואַרצער הימל...

מיר אַרום געדיכטע בוימער,
צווייַגן שפּילן זיך און הוידען
און זיי שעפּציען ליבעס־ווערטער,
און זיי שושקען זיך און סוד'ען...

(פּנימער און פּ. אַפּריל 1929)

פּ אַ ל ע ר מ אָ ־ וו ע ל ד ל

ס'רירט זיך נישט די האַנט צום שרייַבן
אין אַזעלכע גרויסע היצן,
בעסער רואיק אין פּאַלערמאָ
אויף אַ שאָטן־באַנק צו זיצן
און צו חלומען פאַנטאַזיעס,
בויען שלעסער אין דער לופטן,
גרינע בוימער, ווייַסע צווייַגן,
בלומען שפּרייטן טויזנט דופטן...
— — — — — — — — — — — — —

(פראַגמענט „פּנימער און פּ." — יולי 1929)

„שלאָג די זשידעס"...

דאָרטן אין די אַלטע היימען
הערט מען נאָך טאָג־טעגלעך נייַעס,
כאַטש מען הונגערט צייַטנווייַז און
ס'פעלט דאָרט פּשוט אַ כזית...

מערסטנס לעבט מען הייַנט אין פּוילן,
פּויזן, קראָקע, לעמבערג, וואַרשע,
איבעראַל אין שטעט און שטעטלעך
הערט מען נאָר די זעלבע פּ ר ש ה:

זשידזשי, יידן, יידן, יידן,
וואָס נאָר עפּעס — ווער איז שולדיק?
נאָר דער ייד וואָס זיצט און נערט זיך
דאָרט מיט צרות גאַנץ געדולדיק...

וואָס נאָר עפּעס, איז שוין ווייניק
פֿאַר די שונאים בלויז דאָס שפּאָטן,
נאָר זיי זוכן מיט רציחה
יידן פּשוט אויסצוראָטן...

גיט אַ קוק, די מעשה — לעמבערג,
ווו עס האָבן אַנטעק, באַרטעק,
אָנגעפֿירט מיט אַ פּראָצעסיע
גלאַט, צוליב „זשעלאָני טשוואַרטעק";

און זיי זענען מיט צלמים
דורכגעגאַנגען אַלע גאַסן
נישט אַדורכגעלאָזט אַפֿילו
ס'יידן־פּירטל וואָס זיי האַסן.

און זיי האָבן באַלד אַ בלבול
אויסגעטראַכט אַז איינער, יאַסקע,
האָט באַליידיקט די פּראָצעסיע,
אויסגעלאַכט די „מאַטקע באָסקע"...

און זיי האָבן זיך גענומען
נוקם זײַן פֿאַר זייער גלויבן —
דורך אַן איבערפֿאַל אויף יידן,
זייער האָב און גוטס צו רויבן...

כוליגאַנישע סטודענטן
די באַקאַנטע „שוואַרצע מאה"
האָבן צו פּאָגראָם גערופֿן
אויסגענוצט די גאַנצע דעה.

און זיי האָבן מיט רציחה
פֿון געענדיקטע באַנדיטן
פֿרײַ געלאָזט אין זיך די חיה
און די ווילדסטע רויע זיטן...

און מיט שרײַען — „שלאָג די זשידעס"
זעט כאַטש נישט די צײַט פֿאַרלירן,
און זיי האָבן זיך גענומען
ווי די בעסטיעס פֿאַגראָמירן...
(פּנימער און פּ. (זומער־לעב 1929)

פּ אַ ר אָ ד י ע ס

(אויף היגע יִדישע שרײַבער, דיכטער ליריקער און דראמאטורגן)

— א —

אײַזנשטיין יעקב

כ'האָב אַלע דעקלעך פֿון טינטפֿעסלעך
אויפֿגעפּראַלט — —
ווײַל הײַנט איז פֿײַער־מוזע מיך באַפֿאַלן,
דאַרף מען שרײַבן
ביז קיין לעק טינט וועט בלײַבן!

רײַסן דאַרף מען פֿאַרמעט פֿון אַלטע תּורות,
ווער דאַרף דען הײַנט אַזעלכע סחורות? — —
נאַ!
אָפֿן זיבן טינטנפֿעסער,
נאָר דער קליינער פּרעסער
קרעכצט פֿון וועלן עסן
און איך האָב דערווײַל פֿאַרגעסן
ווו איך האַלט,
צו־וואָס איך האָב אײַנגעטלעך די טינט־פֿעסער
אויפֿגעפּראַלט...
קרײַץ, פּיק, שטורעם! דאָנערוועטער!
מיט אַ פֿען פֿאַר אַ האַלבן סענט,
אַ גאַנצע וועלט איך צעשמעטער!...

— ב —

משה־דוד גיסער:

איך בלאָנדזשע און טאַפּ אינעם פינסטערן חשך,
אַן אומעט, אַן עצבות, איך באָד זיך אין טרויער,
אַ שרעקלעכער סימן: — עס קלינגט מיר אין אויער,
אַליין יעדע פרייד אויף אַ צרה פאַרטויש איך...

צעפלאַמטע געמיטער מיט פינסטערע מוחות,
וואָס לויפן אַרום מיט צעיושעטע כחות
און רייַסן און בייַסן און שטורמען די הערצער,
נישטאָ ווער ס׳זאָל מאַכן מיט קעפּלעך זיי קערצער...

זיי גייען געאָרעמט מיט לילית אין שאָטן
פון נאַכטיקן חשך, וואָס ציט צו פאַרברעכן —
צו לאָזן דאָס ווייַב און צו טשעפּען די קעכין,
ווייַל ס׳איז שוין ביי אַלעמען פּשוט אַ טבע
צו פרעסן די קרעפּלעך אין קיך בגנבה,
און הפקר איז ס׳לעבן, מען זינדיקט אויף נאָטן...

עס וויינען די וואָלקן מיט טויזנטער טרערן
אויף ועלטישן ווייטיק פון מענטשלעכער תאווה,
און ס׳האָט נישט דער דיכטער אַפילו קיין שערעם
און ס׳שווענקט אים דער רעגן פון פּנים די גאווה...

עס בלאָזן די ווינטן און ס׳וואָיען די שטיינער,
נישטאָ קיין גערעכטער אפילו קיין איינער,
אַ שרעקלעכער אומעט, פאַרהיל מיך אין טרויער,
אָ גרויזאַמער גורל, — וואָס קלינגט מיר אין אויער?!

(פנימער און פ. 1929, שפּעטער איבערגעדרוקט אין
„קונדאס" 1933)

„ראָזאַריער וואָכנבלאַט"

(רובריק: — „דורכן טעלעפאָן־רערל)")

(פראַגמענטן)

פרייט אײַך יידן פון ראָזאַריאָ,
גאָט האָט אײַך געטון באַגליקן,
סאַ כ אַ ר י נ ק ו ם קומט מיט גראַמען
אייער לעבן צו דערקוויקן.

מיד און מאַט פון גרויס געווימל
אין דעם שטעטל בוענאָס איירעס,
לאָז איך זיך אויף די פּראָווינצן,
כ'בענק שוין נאָך אַביסל חרות...

כ'בין שוין ביז צום האַלדז געזעטיקט
פון די „איירעסער" בעל־טובות,
(וואָס איך קאָן מיט זיי נישט דעקן
איין פּראָצענט פון מיינע חובות...)

פּאַק איך איין די זיבן זאַכן,
לאָז אין וועג זיך פריי, צופרידן,
און איך קום צו אײַך אין פריידן —
זייט געגריסט ראָזאַריער יידן!...

(„ראָזאַריער וואָכנבלאַט" אָקטאָבער 1925)

„דאָס נייַע וואָרט"

(רובריק: „דורכן שליסל־לאָך" (32 - 1928)

פינף פראַגמענטן

— 1 —

טאַנצט און הוליעט ליבע לייענער
פון „דאָס נייַע וואָרט",
סאַכאַרינקום וועט דערציילן
אײַך פון דאָ און דאָרט:
סאַכאַרינקום וועט באַקוקן
דורכן שליסל־לאָך

אַלע היגע אינסטיטוציעס
אונ צום סוף פון וואָך —
וועט ער זיי פאַר אײַך באַזינגען
לידלדיק צום גראַם,
לויבן ס'גוטע — קריטיקירן
ס'שלעכטע מן הסתם..

אַלע היגע קהל־קלאַפּער
ווי אין שפּיגל־גלאָז,
וועט איר זיכער דאָ דערזעען
מיט אַ לאַנגער נאָז — —
אויב זיי וועלן עס פאַרדינען,
ווידער אויך פאַרקערט ;
אויסגעסטראָיעט מיט מעדאַלן
דעם וואָס האָט אַ ווערט.
פרייט אײַך אַלע ליבע לייענער
פון „דאָס נײַע וואָרט",
סאַכאַרינקום וועט דערציילן
אײַך פון דאָ און דאָרט...

— — — — — — — — — — — — — — —

— 2 —

כאַ־כאַ־כאַ, ווו נעמט מען זײַטן,
העלפט מיר צו כאָטש צום געלעכטער ;
קלערט נישט אַז איך לאַך מכלומערשט,
כ'שווער אײַך, ס'איז מײַן לאַך אַן עכטער...
ס'מאַכט זיך אָפט מאָל אַ פּאַסירונג
וואָס באַוועגט דיך שטאַרק צום לאַכן
און עס העלפט נישט קיין באַהערשן,
קאָנסט דײַן לאַך־נערוו נישט באַוואַכן,
כאָטש דײַן לאַך איז גאָרנישט פריילעך
און דײַן לאַך איז קיין גערעכטער,
דאָך, דו קאָנסט זיך נישט באַהערשן
און דו קײַכסט אַליך פון געלעכטער...

ווען דו זעסט דײַן שכנס ווײַבל
ווי זי וואַרפט דעם מאַן אַ טעלער,

טאַנצסטו אונטער אַזש פון שמחה
און דו לויפסט אין שטוב וואָס שנעלער,
קײַכנדיק אַזש פון געלעכטער
טראָגסטו אָן דײַן ווײַב די בשורה
וועגן שכן יונה־מענדל
מיט זײַן ווײַבל די ארורה...
— פרעגט זיך, וואָס איז די גדולה,
וואָס איז דאָ אַזוינס דאָס לאַכן?
ס'קאָן ביי דיר אַליין אַמאָל נאָך
טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן...

— — — — — — — — — — — — —

— 3 —

יאָ, ווען כ'האָב געהערט די נײַעס
וועגן „דרײַבונד" וואָס געשאַפן
ס'האָבן דאָ די „לאַנדסמאַנשאַפטן"
און גענומען זיך צום „וואָפן"
קעגן עלצט און דעם גרעסטן
פוילישׂ־יידישן פאַרבאַנד דאָ,
האָב איך זיך צעלאַכט מיט חשק,
נישט באַטראַכטנדיק די שאַנדע...

אָבער, ס'וועט נישט לאַנג געדויערן,
און די „רעוואָלוציאָנערן"
וועלן ווידער צום פאַרבאַנד ווי
גוטע מיטגלידער געהערן...

— — — — — — — — — — — — —

— 4 —

האָט דאָס שטעטל צו מיר טענות,
— סאַכאַרינקוס, וואָזשע שלאָפט איר?
האָט איר פײַנט באַקומען פרויען?
וואָס דערציילט איר, ועמען בלאָפט איר?
ווייסט איר נישט אַז אַלע פרויען
וואָס געקומען דאָ פון פוילן,

ווילן זיך אָרגאַניזירן
לויט אַ פּלאַן אַן אמת וואוילן ?

ווייסט איר נישט, אַז אָט די פרויען
ווילן שאַפן דאָ אַ סעקציע
ביים פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן,
לערנען זיך די ערשטע לעקציע
פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט
מיט די אַלע זיבן זאַכן
וואָס אַזאַ פאַריין דאַרף קענען
מיט אַ קלאָרן בליק באַוואַכן?

וואָסזשע שלאָפט איר, סאַכאַרינקעס,
פאַרוואָס זאָגט איר נישט אַ מיינונג ?
ווילט איר דען די זאַך פאַרשוויַיגן
אַבסאָלוט מיט אַ פאַרניינונג?...
— — — זע איך איַין אַז אַלע טענות
זענען קעגן מיר גערעכטע
און איך וויל נישט מען זאָל מיינען
אַז איך האָב כוונות שלעכטע

צו באַקעמפן אַן אידייע
וואָס פאַרדינט מען זאָל זי שטיצן — — —
פאַרוואָס זאָלן דאָ די פרויען
אייביק אין די שטיבער זיצן,
פאַרוואָס זאָלן היגע פרויען
לעבן ווי די אַרעסטאַנטן,
קענען זיי דען גאָרנישט לייסטן
פאַר די פרישע אימיגראַנטן ?

פילן זיי דען נישט נאָך בעסער
ווי די מענער דאָ די לאַגע
פון די אימיגראַנטן-פרויען
און פון זייער גרויסער פּלאַגע ?
יאָ איך גיב גערעכט איַיך פרויען,
איר דאַרפט אויך זיך נעמען קהלן,
קיילע, ביילע, זלאַטע, גיטל
זענען קליגער היַינט פון ס ר אָ ל ן...

איר דאַרפט שאַפן אַזאַ סעקציע
גּ אָ ר פּאַר פרויען־אינטערעסן,
ס'ערשטע — אַז די אימיגראַנטקע
זאָל דאָ האָבן וואָס צו עסן...
אויב איר מיינט עס טאַקע ערנסט,
העלפן ליידנדיקע שוועסטער,
זאָל פון אַלע קאָמפּלימענטן
זיין פאַר אייך דאָ היינט מיין בעסטער!

— — — — — — — — — — — — — — —

— 5 —

יידן פרייט אייך, יידן גרייט אייך
צו דער שמחה, צום באַנקעט,
וועמענס ווייב ס'וויל חיינט נישט טאַנצן,
די פאַרדינט, איך שווער — אַ גט!...
ווייל באַרעכנט די געשיכטע
דאָ אין היגן ווייטן לאַנד,
וואו דער ייד וואָס שטאַמט פון פּוילן
איז געוועזן דאָ צו שאַנד;

ווי מען האָט דעם ייד פון פּוילן
דאָ מיט יאָרן צוריק געווייכט,
און מען האָט אים צו דעם ערגסטן
פון די ערגסטע דאָ פאַרגלייכט, — — —
ווען איך זאָל אייך נאָר דערמאָנען
וואָס געוועזן איז אַמאָל,
ווי דער ייד פון פּוילן האָט דאָ
זיך געפילט אין יאָמער־טאָל;

ווי די ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ
האָבן אים די פיס געברענט,
ווי ער האָט זיך אין זיין מצב
פשוט העלפן ניט געקענט...
— „זעסט, דאָס איז אַ ייד פון פּוילן" —
האָט געשוועבט אַ חוזק־טאָן,
יעדער האָט מיט חוזק־ווערטער
באַלד באַוויזן וואָס ער קאָן...

און פֿאַר וואָס? — דערמאָנט זיך כאָטשבי
איז געווען דען אונדזער שולד,
ווען דאָס לאַנד איז דאַן געווען
היפּש מיט „יענע" אָנגעפּילט?
וואָסזשע האָבן מיר אַלס גרינע
דאָ פֿון לעבן דען געוווּסט,
ווען מיר זענען דאָ געקומען
אָנגעפּילט מיט אַרבעטס־לוסט.

פֿערצן יאָר איז היינט געוואָרן
זייט מיר האָבן דעם פֿאַרבאַנד
און זאָל עמיצער היינט וואַגן
אונדז באַשמוצן נאָך מיט שאַנד;
גלייך אויף גלייך מיר לייסטן אַלעס
מיט די ייִדן דאָ אין שטאַט,
קיינער קאָן שוין היינט נישט וואַגן
צו באַטראַכטן אונדז מיט שפּאָט.

און דעריבער, גרייט אייך ייִדן
צו דער שמחה, צום באַנקעט,
ווער עס וועט זיך היינט נישט פֿרייען,
דער באַגייט אַ גרויסן חטא,
ייִדן איילט אייך, ייִדן ווילט אייך,
אויף דעם פֿערצנטן באַנקעט,
וועמענס ווייב עס וויל נישט טאַנצן,
די פֿאַרדינט, איך שווער — אַ גט!...

(„פּנימער און פּ." 1929)

פֿראַגמענטן פֿון „אַרגענטינער טאָג"

דער טאָג אין גראַם:

אַ בישאָף אין ענגלאַנד אויפֿסניי האָט גענומען
זיך פֿאַרשן די אַלטינקע ביבל,
ער גלויבט אַז דער חדר האָט אויסגעטייטשט שלעכט איר,
מען דאַרף זיך צו טון נאָך אַ גריבל...

אוּן ער איז דערגאַנגען, אַז ס'ווייַבל פוּן לוט'ן,
דעם אַלטן היסטאָרישן שיכּור;
איז גאָרנישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זאַלץ, נאָר
זי איז גאָר געוואָרן זיס ווי צוקער...

(„אַרגענטינער טאָג" — 1929)

סערטיפיקאַטן און וויזעס

געדענקסט, חבר? נײַנצן חברים זענען מיר געוועזן
ווען מיר האָבן די הייליקע שבועה געשוואוירן,
אַז פּאַלעסטינע זאָל זײַן אונדזער ציל ווען מיר פאַרלאָזן
די אַלטע גלות־היים ווו מיר זענען געבוירן...

געדענקסט נאָך? — „מיר הויבן די הענט קעגן מזרח און שווערן"...
די שבועה נישט געווען איז פוּן סתם פאַנטאַסטן,
נאָר אַ דערמוטיקונג פוּן זעלבסט־דערהאַלטונג,
אַ באַפרײַאוּנגס־רוף פוּן געדריקטן און געהאַסטן...

געדענקסט, חבר? נײַנצן חברים זענען מיר געוועזן,
זענען זיבעצן פוּן אונדז אַריבער דאָרט אין לאַנד,
נאָר בלויז איך און דו, מיר זענען פוּן דער גרופּע
געבליבן און געברענט האָט אונדז אַ ווייטיק און אַ שאַנד...

וויזעס האָבן מיר נישט באַקומען, זענען מיר געבליבן,
נאָר דאָס לעבן איז אונדז געוואָרן שווערער און שווער;
פאַרבלײַבן אַן אַלטער היים נאָך אונדזער גרויסער שבועה —
נישט מעגלעך! זענען מיר געקומען דאָ אַהער...

דאָ אַהער, ווי צײַטווײַליק קיין אַרגענטינע,
מיט אויסקוקן שנעל צו קומען דאָרט אַהין,
איז מײַן גוף בלויז צײַטווײַליק דאָ, נאָר מײַן נשמה — דאָרט!
— — — — — — — — — — — — — — —

(פראַגמענט: "אַרגענטינער טאָג" 1929)

„שפיגלעריען"

שטיל, באַשיידן, אָן אַ פּאָמפּע,
ווי עס פּאַסט זיך פאַרן „שפּיגל"
קריכט ער אויף דעם צווייטן האַלבן
יאָר אַרויסעט פונעם וויגל...

זעקס חדשים איז אַ דאַטע
וואָס איז ווערט באַלד צו באַגריסן
פאַר אַן ערנסטן זשורנאַל וואָס
ווייס פון טאַקט און פון געוויסן;

זעקס חדשים שוין פאַרגאַנגען,
איצטער קומען לאַנגע יאָרן
פאַר דעם „שפּיגל" ווי עס וועלן
ע ר נ ס ט מיט ה ו מ אָ ר זיך פּאָרן...

(„דער שפּיגל" דעצעמבער 19 — 1929)

„דער קונדאס"
געלט
(1930 - 35)

געלט, געלט, געלט! איבעראַל אויף גאָר דער וועלט
הערט מען נאָר פון געלט און געלט!

לענדער נאָנטע, לענדער ווײַטע,
פעלקער, איבעראַל פאַרשפּרייטע,
מאַכמעדאַנער, יידן, קריסטן;
אַלע טויזנט מינים „איסטן"
געלט, געלט, געלט! איבעראַל אויף גאָר דער וועלט
הערט מען נאָר פון געלט און געלט!
געלט פאַרקריפּלט די נשמות;
געלט דערפירט צו די מלחמות;
געלט צעטיילט אויף רײַך און אָרים,
געלט־זוכט, טאָטשעט ווי אַ וואָרים...
דאָך איז געלט, געלט, געלט געלט!
איבעראַל, אויף גאָר דער וועלט,
ווי אַ גאָט אַוועקגעשטעלט!

אויף דער וועלט אין אַלע עקן
אַלע מענטשן־הענט זיך שטרעקן
און זיי ציען און זיי רײַסן — — —
און זיי טוען אַלץ זיך פלייסן
צו באַקומען וואָס מער געלט
און באַהערשן דאַן די וועלט
מיט זייער געלט, געלט, געלט!
וואו אַ לאַנד און וואו אַן אָרט,
איבעראַל דאָס זעלבע וואָרט,
געלט און געלט און ווידער געלט! — — —

געלט דערפירט מען זאָל זיך האַסן
און צעטיילן זיך אין קלאַסן
און אין קרעמפן זיך באַקעמפן,
ברידער־קריג אין אַלע גאַסן.
געלט דערשיטערט,
געלט פאַרביטערט און צעשפליטערט;
געלט פאַרשטיינט דאָס האַרץ פון מענטשן,
דאָך, אַ יעדער טוט זיך בענטשן
נאָר מיט געלט, געלט; געלט; געלט!
איבעראַל אויף גאָר דער וועלט,
נאָר דאָס געלט; נאָר געלט און געלט!...

ס'האָט דאָס געלט דעם מענטש פאַרשלונגען
און עס האָט די וועלט באַצוואונגען;
קיינעם נישט קיין גליק געגעבן,
דאָך, מען האַלט אַלץ אין איין שטרעבן
נאָר צו געלט, געלט, געלט, געלט!
אַלעם ווערט אין קאָן געשטעלט,
איבעראַל אויף גאָר דער וועלט!..

איינער שטרעבט צו געלט אַביסל,
בלויז נאָר אויף צו לעבן;
איינער האָט אַ פולע שיסל
און טוט ווײַטער שטרעבן
אָנצוזאַמלען אוצרות פולע,
גאָלד, בריליאַנטן, איידלשטיינער,

און ער זעט גאָרנישט אַפילו,
אַז קיין גליק דערפון האָט קיינער...

מען האַוועט מען לויפט, מען בויעט מען צעלייגט,
מען עקספּלאָטירט און מען שטרײַקט,
ווייל די וועלט איז באַזעלט
מיט איין פאַרלאַנג, מיט איין געדאַנק,
דעם גאָלד־געקלאַנג פון געלט, געלט, געלט, געלט!
און וואו אַ וועג און וואו אַ שטעג,
זעט מען אַלץ נאָר דאָס געיעג
נאָך געלט! געלט! געלט! געלט!
א י ב ע ר א ל, אויף גאָר דער וועלט!...
(„דער קונדאס" 3־מערץ 1931)

„מ אָ ר ג נ צ ײַ ט ו נ ג"

דער טאָג אין גראַמען

הײַנט, דער ערשטער פון סעפּטעמבער,
איז אַ טאָג פון גרויס באַדײַטונג;
הײַנט דערשײַנט דער ערשטער נומער
פון דער נײַער „מ אָ ר ג נ צ ײַ ט ו נ ג"!

אָ ב י ע ק ט י וו און אומפּאַרטייאיש
מיט די ברייטסטע אינפאָרמאַציעס,
וועט די „מאָרגנצײַטונג" זיכער
האָבן אײַערע אָוואַציעס!

גרים איך הײַנט אײַך ליבע לייענער
און אַ גרוס אויך אין באַגלייטונג
שיק איך צו דורך מײַנע גראַמען
צו דער נייער „מ אָ ר ג נ צ ײַ ט ו נ ג"!
(„מארגנצײַטונג" 1935־9־2)

ה ו י ך ־ פּ אָ ל י ט י ק...

(פראגמענט)

יידן פאָרן, יידן ריידן, יידן שאַרפן זיך די קעפּ,
פאָרן, פאָרן און פון הינטן כאַפּן זיי די שווערסטע קלעפּ...
היטלער מיט זײַן רויבער־באַנדע פראַוועט ווײַטער זייערע שטיק
און מיר קהלן זיך און פאָרן פראַוועט הויכע פּאָליטיק...
(מ. צ. 1935־9־8)

נ ײַ ע װ י נ ט ן
(פראַגמענט)

ניט צום לעבן, ניט צו שטאַרבן,
אַלעס איז נאָך אומבאַשטימט,
װאַרט מען אַלץ נאָך אױפן מאָרגן,
װאָס עס ברענגט דער נײַער װינט.

װעלן אַלע אָנשטרענגונגען
פאַר אַ פרידן — זײַן אומזיסט ?
אָדער װעט מען פאָרט באַזיגן
מוסאָליני דעם פ אַ ש י ס ט !...

(מ. צ. 1935-9-8)

װאַל אַגיטאַציעס

(צו די װאַלן פון אַ דירעקטאָריום אין „פאָלקסבאַנק")

װאוהין ? אַז פון נעאַפּאָל ביז קיין װין,
טרעפט איר ניט קיין אַנדער מין
װי „גרין" ! װי „גרין" !...

אויב דו ביסט נאָר ניט קיין גוי,
שטרענג זיך אָן און זאָג אַזױ :
— װי אַ גרעזל בענקט נאָך טױ, איז „בלױ" ! איז „בלױ".

יאַנקל זשומעט װי אַ בין און עס ציטערט אים אַ קין,
כאַפּט ער נאָך אַן אַספּערין — פאַר „גרין" ! פאַר „גרין" !

משה גט זיך מיט זײַן פרױ,
הײסט איר גײן און קײַען שטרױ,
װײַל זי האַלט ניט סתם אַזױ מיט „בלױ", מיט „בלױ" !

ברוך בלױ פאַריקט אַ קלין
פאַר הערש דעם גרינעם'ס זיבן זין
און האַלט אַ רעדע אָט אַזױ — פאַר „בלױ ! פאַר „בלױ" !

איז כאַצקל גרין אויך נישט רוי,
מיט אַ גרויסער „אַלף״ —— ל א!
קריטיקירט ער אַלץ וואָס „בלוי״,
נאָר „גרין״! נאָר „גרין״!...

קוקן מיר דורך קלאָרע ברילן
אויף די אַלע קינדער-שפּילן
און מיר פאָרשן נאָך דעם זין:
ו ע ר איז בעסער? — „ב ל ו י? צי ג ר י ן״?...

(מ. צ. 1935-9-15)

לכבוד שמחת תורה:

אָפּגעשלאָגן די הושענא׳ס
ווער מיט וועמען, ווער מיט וואָס,
לייגן מיר אַוועק די וואפן,
ש ל ו ם ווערט דער באַלעבאָס.

אויפגעהערט שוין מיטן לולב
צילן אויף דער גאַנצער וועלט,
מיר פאַרלאָזן די „טראַנשייען״ —
אונדזער הילצערנע געצעלט...

קאָנסט שוין אָפּבײַסן דעם „פּיטעם״,
אתרוג נוצט שוין הײַנט נישט מער,
„גענעראַל-שטאַב״ די „אושפּיזן״
מאַכן שוין די סוכה לער...

אויסגעקעמפט די „גוטע „קוויטלעך״
ביי דעם הימלדיקן האַר,
וואָסזשע דאַרף מען נאָך דעם לולב,
אַז מען זעט נישט קיין געפאַר...

און אַז ש ל ו ם, דאַרף זײַן פריילעך,
שמחת תורה אויף דער וועלט!
ס׳איז אַ ייִד צו זײַן דאָך טײַער,
כאָטש עס קאָסט קיין גראָשן געלט...

שישו שמחה, שמחת תורה,
פריילעך זײַט, נוצט אויס דעם טאָג,
אפשר וועלן מיר פאַרגעסן
פון דעם גאַנצן יאָר די פּלאָג...

אפשר וועלן מיר פאַרגעסן
אונדזער ווייטיק, אונדזער שאַנד,
אַז פאַראַן אַזויפיל ייִדן
וועלכע דינען היטלער-לאַנד,

אַז פאַראַן אַזויפיל ייִדן,
(דאָס איז אמת שאַנד און שפּאָט)
וואָס פאַרקויפן זיך פאַר גראָשנס
און זיי ברעכן דעם באָיקאָט...

איין מינוט דאָס אַלץ פאַרגעסן,
איז דאָך ווערט דאָס גאַנצע געלט,
איז דעריבער — לאָמיר טאַנצן,
שמחת תורה אויף דער וועלט!...

(נ. צ. 1935-10-19)

כ'האָב געוואָלט...

כ'האָב געוואָלט זיך הײַנט צעזינגען וועגן ליבע און ראָמאַנטיק
און באַשאַפן אַזאַ לידל, ס'זאָל זײַן קװײַלעכדיק און קאַנטיק;

כ'האָב געוואָלט דאָ הײַנט באַזינגען אַלעס וואָס איז שיין און איידל,
ווי אַ יונגער שיינער בחור שווערט זײַן ליבע צו אַ מיידל...

כ'האָב געוואָלט זיך הײַנט צעגראַמען וועגן ליבן שיינעם פרילינג
און עס וואָלט דער ריים און ריטמוס האַרמאָנירן ווי אַ צווילינג.

ס'האָט פאַרגלוסט מיך הײַנט צו מאָלן הימל, זון, לבנה, שטערן;
בילדער שיינע און אידיליעס, (כ'האָב דאָס אַלעס אַזוי גערן...)

אָבער גיי און זינג פון ליבע, רעד פון צאַרטן דופט פון בלומען,
ווען די וועלט האַלט זיך אין טרייסלען און אַן אומגליק
האַלט באַם קומען...

רעד פון ליבע און ראָמאַנטיק, נעם פון שיינע זאַכן טענהן,
ווען פון אונטען די קאַנאָנען און פון אויבן אייראָפּלאַנען

לויערן אויף וועלט־פאַניכטונג, חרוב מאַכן שטעט און לענדער
אָדער ווען אַ היטלער־דײַטשלאַנד האַלט אונז פאַר די ראַסן־שענדער...

גיי און זינג פון צאַרטע זאַכן וועגן פרילינגס־דופט פון בלומען,
מאָל אידיליעס אין אַ צײַט ווען ס'הויבן אָן קאַנאָנען ברומען...

ניין, מײַן מוזע, נישט ראָמאַנטיק, נישט פון גײַסט און פון נשמה
דאַרף מען זינגען ווען עס דראָט אונז גאָר אַ נײַע וועלט־מלחמה.

זוכט אַליין דעם נמשל...

ס'איז באַקאַנט פון אַלטע צײַטן,
יעדער רבי האָט זײַן גבאי;
טראַכט דער גבאי עולם־הזה
און דער רבי — עולם הבא...

ווי דער רבי דאַרף זײַן גבאי,
דאַרף דער גבאי אויך דעם רבין,
איינער קאָן נישט זײַן אָן צווייטן,
ביידע דאַרפן זיך צום לעבן;

גלאָצט דער רבי מיט די אויגן,
נוצט דער גבאי אוים דאָס מיטל
אויף צו שלעפּן נאָך אַ פּדיון,
אויף צו שרײַבן נאָך אַ קוויטל...

דאָך, האָט קיינמאָל נישט דער גבאי
אַזאַ ראָל געשפּילט אין לעבן,
אַז מען זאָל אים גרעסער האַלטן
פון זײַן האַר, דעם גרויסן רבין...

אַלע מעשׂות, אַלע מופתים
האָט מען נאָר דערציילט פון רבין,
ס'קוויטל טאַקע שרײַבט דער גבאי
נאָר אין רבינס זכות מיר לעבן...

ס'וויכטיקסטע איז נאָר דער רבי,
גבאי, איז נאָר זײַן משרת;
טויג ער נישט, דאַן שלאָגט דער רבי
יעדע צײַט מיט אים כּפּרות...

אָט אַזוי, פון אַלע צײַטן,
רבי איז דאָך גלײַך — אַ מלך!
הייסט ער טרויערן, וויינט דער גבאי,
הייסט ער לאַכן, איז ער פריילעך;

קומען אָבער נײַע צײַטן,
ס'איז דער רבי אבער־לאבע,
הײַנט צו טאָג האָט נאָר די דעה
און תּקיפות — בלויז דער גבאי...

ס'טראָגט דער רבי בלויז די „קרוין" נאָך
אַלם דאָס אויבערשטע פון שטייסל
און ווען ס'ווילט זיך נאָר דעם גבאי,
גיט ער מיט זײַן „טראָן" אַ טרייסל... — — — —

("מאָרגנצײַטונג" 1935-11-2)

פון די שווערע „גרינע טעג"

(פראַגמענט)

ס'האָט אַ חבר מיך פאַרבעטן
אים באַזוכן אין זײַן שטיבל
און ביים קריכן אויף די טרעפּלעך,
זאָגט ער — האָט מיר נישט פאַראיבל...

קריך איך, ביז איך בין שוין אויבן,
אויפן דאַך פון דער געבײַדע
און פון שטיבל הערט אַרויס זיך
עפּעס ענלעכס צו אַ רעדע...

— „ניין! מען טאָר עס מער נישט לאָזן!
שוין גענוג געווען זיך פּלאָגן!
אויב מען דאַרף פון הונגער שטאַרבן,
זאָל עס גיין צו אַלדי קלאָגן!..."

אין דעם שטיבל פון מײַן חבר
אָרים, אָן אַ שום באַפּיצונג,
האָב איך בײַ מײַן װיזיטירן
אָנגעטראָפן אױף אַ זיצונג.

פרויען אַכט זענען געזעסן
און זײ האָבן זיך באַראַטן:
— װײַטער איז אַזױ נישט מעגלעך,
נעמען מוז מען זיך צו טאַטן!

זייער אַרבעט איז בײַ פּאַפּקעס
װאָס זײ פלעכטן אױס פון שטריקלעך;
אַכציק סענט פאַרדינט מען טעגלעך
און דער באַלעבאָס מאַכט גליקלעך...

ס'איז אַן עקלהאַפטע אַרבעט,
מען ברעכט אױס בײַ איר די פינגער;
אױסגענוצט אַזױ צו װערן,
גלײַכער שטאַרבן שוין פון הונגער!... — — — —

(„מאָרגנצײַטונג" 8טן נאָװעמבער 1935)

שטיקלעך צרות
(פראַגמענט)

זיצט דער גרױסער גאָט אין הימל
און ער שמײכלט האַלב איראָניש,
עפּעס װיל ער גוטס אונז געבן,
שטערט דער שטן און ער קאָן נישט...

נעמט ער גאָר אַ פּאַק מיט צרות
אױסגעמישטע אָן אַ טאָלק
און ער װאַרפט עס גלײַך אַרונטער
אױף די קעפּ פון מענטשן־פאָלק...

פליט דער פּאַק און אינדערלופטן
רײַסן אױף זיך אַלע שטריקלעך
און ס'צעשיטן זיך די צרות
אױף דער װעלט אין קלײנע שטיקלעך.

און די קליינע שטיקלעך צרות
וואַקסן און זיי ווערן גרויס
און זיי פּלאָגן אונז כסדר
לעבן־לאַנג, טאָג־אײַן טאָג־אויס...

(נ. צ. 1935 ־ 11 ־ 9)

דער מענטש — די קרוין

ס'איז דער מענטש די קרוין פון מינים
פון דער גרויסער וועלט־באַשאַפונג,
שטייט ער איצטער ווי פאַרלוירן
אין אידיאָטישער פאַרגאַפונג.

און ער קוקט צום בייזן שפּיל דאָרט,
ערגעצוואו אַזש אין עטיאָפּיע —
אַ צופרידענער וואָס ער טאָטש
דאַרף נישט ליגן אין אָקאָפּע.

און דער מענטש פאַרגעסט דערווײַלע,
אַז אַ קריג גיט אַלע שאַנצן
ווי אַ טאַנץ אַרײַנצוציען
די גאַנצע וועלט אין ווילדן טאַנצן... — — — —

(נ. צ. נאָוו. 10 1935)

אוי לרשע...

ס'איז אין פּוילן ווידער טרויעריק,
אָן אַ היטלער, אָן אַ המן,
יעדן טאָג צעבושעווען זיך
דאָרט אַליך מערער די פּאָגראָמען...
צווישן היטלער־לאַנד און פּוילן
איז די דיפערענץ אַ קליינע;
ס'איז— ווי ס'זאָגט זיך דאָרט אין פּסוק:
— אױ לרשע ואוי לשכנו!...

(נ. צ. נאָוועמבער 22 — 1935)

נאַפט־פּראָבלעם

איך געדענק, אַלס קינד אין חדר,
איז צומאָל געווען רעכט
אָפּצולאָזן פרײַ די קינדער
אין די גרויסע ווינטער־נעכט,

אויב די קינדער האָבן נישט
צווישן זיך צוזאַמגעשאַפּט
פון אַ יעדן קינד צוויי גרײַצער
ס'זאָל אין חדר זײַן אויף נאַפט...

און מײַן רבי ר' יצחק־אהרן
האָט געטענהט מיט הומאָר:
— נאַפט מוז זײַן צום תורה לערנען
ווײַל עס שטייט — „לתורה אור"...

— — — — — — — — — — — — —

נײַע צײַטן, נײַע דורות
אָנגעקומען אויף דער וועלט,
דאָך איז זי אַליין אויף דעם בידנעם
ביסל נאַפט נאָך אויסגעשטעלט...

אַנדערש זענען בלויז די זאָרגן,
שטייט אַ וועלט היינט און זי גאַפט: —
ווי דער וויכטיקסטער פּראָבלעם פאַר
אַ מלחמה — איז דער נאַפט!...

„אתה בחרתנו"
(פראגמענט)

כ'נעם אויפסנײַ שוין ווידער גלויבן
ווי איך האָב אַמאָל געגלויבט,
אַז מיר זענען אויסדערוויילטע
און פון גאַנצער וועלט — דער הויפּט!

ווייל ווי זאָל מען דאָס נישט גלויבן,
ווען מען זעט טאָג־אויס טאָג־איַין,
ווי עס וואַקסט אַלץ אונדזער ווייטיק
ווי עס וואַקסט אַלץ אונדזער פּיַין...

ס'לעבן אויף דער וועלט דאָך פעלקער
פשוט ווילדע, פּרימיטיוו,
וואָסזשע האָט מען אָנגעטשעפּעט
זיך אָן א ו נ ד ז ע ר קאָלעקטיוו?

וואָס נאָר עפּעס, ווי אַ צרה,
לייגט מען באַלד דערויף דעם טראָפּ,
יִ ד ן זענען זיכער שולדיק!
אַלץ גייט אויס צום יִדנס קאָפּ...

זאָל איך גלויבן אַז מיר זענען
טאַקע אתה בחרתנו,
אויסגעזוכט צו זיַין פאַר יעדן
צו דער ביטערסטער איראָניע?

אָדער זענען מיר באמת,
פונעם הימל אויסדערוויילט,
אָפּצוקומען אַלע צרות
אום צו היילן די וועלט!...

(מ. צ. 1935־12־7)

ב ע ס אַ ר אַ ב י ע
(פראַגמענט)

בעסאַראַביע! בעסאַראַביע!
לאַנד פון וויַין און פעטע זאַנגען!
וואָס פאַר קלאָג און וואָס פאַר צאָרן
איז אויף דיר דאָס אויסגעגאַנגען?

איך געדענק דיך פון מלחמה,
כ'האָב געקעמפט דאָרט אין דיַין געגנט
און באַדויערט ווען מיר האָבן
שנעל מיט דיר זיך אָפּגעזעגנט;

א י ב ע ר אַ ל געווען הונגער,
ברויט מיט ליים האָט מען געפרעסן
און דעם טעם פון פלייש און וויַן, מיר
האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן;

די סאָלדאַטן, אויסגעצערטע,
סיַי פון פראָנט, ווי פון רעזערוון,
פון דעם ברויט פון ליים און ערגער
— די פאַרשטונקענע קאָנסערוון...

זענען מיר דאַן אָנגעקומען
צו דער בעסאַראַבער גרעניץ
און מיר האָבן באַלד באַקומען
שעפּסן־פלייש און ברויט אַ פעניץ;

פּאָרציעס וויַן, אַז אויפגעלעבט מיר
האָבן אויפן פראָנט דאָרט אַלע,
מ א מ ע ל י ג ע, פלייש און ברויט און
אויך אפילו וויַסע חלה...

ווו איז אַלץ אַהינגעקומען?
וואָס איז עפּעס דאָרט געוואָרן?
וואָס האָט עפּעס אויסגעגאָסן
דאָרטן גאָט זיַן גאַנצן צאָרן?... — — —

(מ. צ. 1935־12־10)

ב ג ל ו פ י ן...

(פראגמענט)

כ׳בין אַביסל בגלופין,
כ׳האָב געכאַפּט אַ גוטע כוסה;
איינע, טאַקע באַלד אַ צווייטע
און די דריטע — ג אָ ר אַ גרויסע...

וואָס די סבה איז געווען?
זיַיטזשע נישט אַזוי פאַרוונדערט,
„מ אָ ר ג נ צ ײַ ט ו נ ג" איז דאָך נעכטן
אַלט געוואָרן נ ו מ ע ר ה ו נ ד ע ר ט!

האָבן מיר זיך, חברה יאַטן,
גלאַט געמאַכט אַ שטיקל סעודה,
און געטרונקען אַרבע כוסות
(נישט קיין ווײַבערשע „בעבידע"...

נאָר דעם עכטן י"ש, דעם שטאַרקן,
וואָס געזשומט אין קאָפּ האָט ברויזנד
און מיר האָבן זיך געווונטשן
— מערטשעם ביי דעם נומער ט ו י ז נ ט!...

(נ. צ. דעצעמבער 13 — 1935)

בעבור האחד...

(פראַגמענט פון אַ צײַט־משל אין רובריק „חיינס")

איר געדענקט די אַלטע מעשה
וואָס אין חומש איז באַשריבן ?
ווי עס איז פון סדום־עמורה,
גאָר קיין זכר נישט געבליבן ?

ווי אברהם האָט גאָט געבעטן :
— אפשר וועל איך נאָך געפינען
כאָטש צדיקים צען וואָס ווילן
דיך נאָר, גרויסן בורא דינען...

גאָט האָט דעמלט קלוג געשמייכל
און געזאָגט אים : — איך וועל וואַרטן ;
האָט אברהם גענומען קײַען
אָט דעם ביסן אָט דעם האַרטן...

און געזוכט צדיקים נעבעך
סײַ אין סדום ווי אין עמורה,
נאָר איןביידע נישט געפונען
כאָטש אַ זכר פון דער סחורה...

בעט ער גאָט : — אָ, אפשר פ י נ ף כאָטש
און דערנאָך, כאָטש בלויז אויף איינעם
און ער האָט אַרומגעזוכט און
נישט געפונען קיינעם, קיינעם !...

און עס איז אויף סדום־עמורה
אָנגעקומען וויסטע יאָרן,
נו, איר ווייסט דאָך, ס'ווײַבל לוט'ס אין
זאַלץ פאַרוואַנדלט איז געוואָרן!... — — — —

(מ. צ. דעצעמבער 17 — 1935)

אַ שטרוי...

ס'איז אַ ריטל פון אַ בעזעם
גאָרנישט מער ווי בלויז אַ שטרוי,
נאָר פאַראייניקט פיל צוזאַמען — —
קערן מיסט זיי, אַט אַזוי!...
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

(פראַגמענט — מ. צ. 1936־2־19)

אַ שטיקעלע „פרק אבות"

(פראַגמענט)

איר געדענקט אין אַלטן פרק
פון דעם קאָפּ וואָס שווימט אין וואַסער?
ווי עס שפּרינגט אַ ייִדיש ייִנגל
באַלד אַרויס פון דאָרט אַ נאַסער

און אַ בלאַסער גאַנץ דערשראָקן
פרעגט ער זיך נאָאיזו ביים טאַטן
און אַ פראַגע אויף אַ פראַגע,
ווי עס פרעגן קלוגע יאַטן...

— זאָג מיר, טאַטעניו, וואָס שווימט דאָרט?
דוכט זיך, פון אַ מענטש דער שאַרבן?
וואַרפט מען דען אַרײַן אין וואַסער
אַלע מענטשן ווען זיי שטאַרבן?

— ניין, מײַן קינד, דער פאַטער ענטפערט:
„ס'איז דערפון אַזוי די מעשה" — —
און עס פלאַטערן ביים וואַסער
פליגעלעך פון טויבן ווײַסע..

און עס שלינגט דאָס קינד די ווערטער
וואָס דער פאָטער גיט אים איבער,
—— ס'איז דער קאָפּ אַ מענטש געווען,
נאָר אַ שלעכטער, זון מײַן ליבער...

האָט ער אַ נ ד ע ר ע דערטראָנקען,
זענען נ ײַ ע אָנגעקומען
און אין וואַסער אים געוואָרפן,
זעסטו איצט זײַן שאַרבן שווימען...

און געדענק עס, זונעלע, אַז
די וואָס האָבן א י ם דערטראָנקען,
וועלן אויך דערטראָנקען ווערן — — —
ס'ווערט פון גאָט קיין זאַך געשאָנקען!...

(נ. צ. צום אויפשטײַג פון היטלערן, 36־2־25)

דורך קלאָרע ברילן

ל ע ב ע ד י ק א י ן ש ט ע ט ל

(פראַגמענט)

— — — — — — — — — — — — —

איך קוק דורך די ברילן אויף אונזער געזעלשאַפט
און זע אַליך פאַרשוויצטע געזיכטער
און כ'קאָן זיך נישט כאַפּן צי איז עס פון טרינקען
צי איז כאָטש פון זיי עמיץ ניכטער...

עס האָט זיך געזשומעט, באַנקעטן געווען,
אַ וואָך פון אַ ווילדער געראַטשקע,
און שטימונג געשאַפן מען האָט אַליך ביים ווײַלער,
מיט... שנאַפּס און געבראָטענער קאַטשקע...

און כ'האָב זיך געטראַכט אַז ווי גוט וואָלט געווען
ווען ס'טוט זיך אַזאַ מין געטומל
אַרום די פאַריינען מיט ריין קולטורעלע
אויפגאַבן צו וואַשן דעם שימל... — — —
— — — — — — — — — — — — —

(נ. צ. 1936־4־19)

100 יאָר מענדעלע מ"ס

(פראגמענט)

מאָרגן וועלן ליטעראַטן זיך באַראַטן מיטן פאָלק
און צוזאַם מיט דעלעגאַטן אפשר קומען צו אַ טאָלק,

וועגן פייערן דעם יובל פון דעם גרויסן פיאָנער,
מענדעלע דעם מוכר-ספרים און אים מאַכן פּאָפּולער...

וואָס, איר לאַכט? איר ווילט נישט גלייבן?
אַז מען ווייס דאָ נישט פון אים?
צי ער איז געווען אַ ייד, אַ טאַטער צי אַ קאַראַאים?

לאַכט נישט, כ'בעט איך, דאָס איז אמת, נישט קיין וויציקער קאַפּריז;
היינט, צום הונדערטסטן געבורטסטאָג,
ווייס מען נאָך נישט ווער ער איז...

היינט, צום הונדערטסטן געבורטסטאָג
ווען עס האָט דערבליקט די וועלט
מ ע נ ד ע ל ע דער גרויסער ייִדע,
וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט
פאַר דער בידנער „שפחה-יידיש"
און געמאַכט פון איר אַ שפּראַך,
זענען נאָך פאַראַנען יידן
וואָס פאַר זיי איז פרעמד די זאַך...

איינער גאָר אַ וואַזשנער טוער
אין אַ יידישן פאַריין
פרעגט ביי מיר: — ווער איז דער מענדל?
כ'קען אים נישט, ווער קאָן דאָס זיין?
וואָס? אַ סוחר גאָר פון ביכער?
כ'קען קאַפּלאַנסקין בלויז אַליין,
די מחזורים און מיין טלית,
אויך מיין לוח איז דאָך זיין...

און אַ צווייטער — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

(מ. צ. 1936-5-10)

דער טשאַד פון די וואַלן

גענענדיקט מיט מזל דעם טשאַד פון די וואַלן,
עס איינוקן שוין זיך די צדדים;
עס טשובעט זיך אוים שוין מיט מזל דער ווילער
וואָס מ'האָט אַלץ געפירט נאָר אין באָד אים...

פאַרמעקט שוין די פאַרבן פון ליסטעס צו וואַלן,
שוין אויפגעהערט האָט מען צו בלאָפן;
די פּאָליטיקאַנטן פון וואַל־האראמידער,
זיי קאָנען שוין רואיק איצט שלאָפן...

שוין אוים מיט באַנקעטן און סעודות אומזיסטע
פאַר „באַלסן" מען מוז שוין באַצאָלן;
די וואַל־קאָמיטעטן, זיי פוסטעווען היינט שוין, —
נישטאָ שוין ביי וואָס זיך צו ק ה ל ן...

נאָר בלויז די דאָקטוירים, זיי האָבן נאָך שפּע,
זיי קענען זיך גאָרנישט באַקלאָגן,
מען רייסט זיי די טירן אַלץ נאָך די באַנקעטן,
מען דאַרף זיך צו היילן דעם מאָגן!...

(נ. צ. יולי 5 — 1936)

„פ. ע. נ."־קאָנגרעס

(פראַגמענט)

אַ וואָך, קאָנעהאָרע, די לעצטע געוועזן,
מיט נייעס און נייעם — אַ נחת!
און דווקא ביי אונדז דאָ, אין שטאָט בוענאָס איירעס,
ווי פשוט, דער וועלט אויף ל ה כ ע י ס!...

דעם פּען־קאָנגרעס מיין איך, ווו ס'האָבן זיך שרייבער
פאַרזאַמלט פון שטעט און פון לענדער
און ווידער באַוויזן אַז ס'זענען די שרייבער
פאַרבונדן מיט זיידענע בענדער...

ווי בלומען אַ קראַנץ, וואָס צעווישן די בלומען
עס זענען אויך דערנער פאַראַנען,
און ס׳ווילט זיך די דערנער אַז ס׳זאָלן די בלומען
וואָס שנעלער, וואָס שנעלער פאַרוויאַנען...

פאַשיסטישע קינסטלער און קינסטלער — פאַשיסטן
וואָס לעבן מיט גאָט און מיט טײַוול,
וואָס שטייען צעווישן דער ברכה און קללה,
צעווישן באַרג „גריזים” און „אבל”...

די קינסטלער, די שוואַרצע, וואָס ווילן פאַרטונקלען
ביי מענטשן די ליכטיקע מוחות,
עס איז נאָר אַ נס וואָס זיי זענען צו שוואַך און
עס קלעקט זיי דערויף נישט קיין כוחות...

און ליכטיקע ווערטער עס האָבן געהערט זיך
וואָס האָבן דערפרייט די נשמה,
ווערטער פון גוטסקייט, דערהויבונג פון גײַסט און
אַן עקל-געפיל צו מלחמה...

אַ וואידאַ, אַ לודוויג, אַ צווייג און אַ ל י ו י ק,
די ווערטער פון זיי זענען אויסן:
— ד ע ר ה ו י ב ן דעם ווערט פון דעם
מענטשלעכן לעבן!...
מיט זיי, אָ, מיר מעגן זיך גרויסן!...

(מ. צ. 1936-9-13)

„א ש מ נ ו”

(פראַגמענט)

דער שופר שאַלט ווידער תקיעה, שברים,
עס ציטערט דער פיש היינט אין וואַסער,
און יעדער בן־אדם וואָס פילט זיך נאָר זינדיק
דאַרף ווערן היינט בלאַסער און בלאַסער...

עס דאַרפֿן די זינדער על חטא זיך צו שלאָגן
אשמנו, בגדנו, אין האַרצן,
נאָר כ׳זע דורך די „ברילן" ווי ס׳ווייסן די זינדער
די הייליקע גרעניץ „צו שוואַרצן..."

עס שטייען די זינדער אין שיל אויבענאָנעט
און וואַרטן אויף פֿעטע כיבודים,
זיי שמייכלען און וויקלען אויף פֿעטינקע פֿינגער
פֿון ציצה דעם זײַדענעם פּודים...

און כ׳זע אויבענאָנעט צעווישן די ייִדן
אויך נעזער גאַנץ רויטע פֿון „קאַניע",
וואָס אויף די טלתים ביי זיי איז געשריבן
בפירוש... — — אַ „מייד אין דזשערמאַניע"...

און כ׳זע זיי די ייִדן וואָס פּײַפֿן אויף אַלע,
און האַנדלען מיט דײַטשישע סחורה.
זיי שטייען ביים מזרח. נישט ווײַט פֿון דעם ארון,
וווּ ס׳שטייט אונזער הייליקע תורה...

זיי שטייען די הענדלער מיט ייִדישן עלנט
און הערן די הייליקע תפילות,
און ס׳קלינגען די ווערטער אין זייערע אויערן
מיט אַנדערע „פּירוש המילות...

„מפני חטאינו" פֿאַר אונזער טראַנזאַקציע
מיט היטלערס אַגענט פֿון מאַשינען,
מיר וועלן שוין זיכער אַ גראָבע מטבע
ביים דײַטשל, בקרוב, פֿאַרדינען...

און ס׳טראַכטן די דאָזיקע הענדלער פֿון גרויל, אַז
נישקשה, זיי האָבן קיין טעות,
עס וועט זיי קיין כבוד אין שיל דאָ נישט פֿעלן,
ווייל כבוד, מען קויפֿט זיך מיט מ ע ו ת...

— — — — — — — — — — — — — — — —

(נ. צ. 1936־9־16)

ה. לייוויק

(פראַגמענט)

נישטאָ היינט קיין גליקן וואָס זאָלן געדויערן
ווי זאָגט מענס — „אויף אימער און עוויג"
געענדיקט עס האָבן די טעג זיך די שיינע,
אַוועק פון אונדז איז שוין ה. לייוויק...

געקומען איז ע ר דאָ און האָט אונז געוואַרימט
און ממש אונדז אַלע דערהויבן.
מיר זאָלן אין א נ ד ע ר, יאָ, אייגענעם זיין דאָ
כאָטש נעמען אַביסעלע גלויבן..

דער מענטש איז אַ גוטער, דער מענטש איז אַ שלעכטער,
דער מענטש איז אַ מאָדנע מאַשינדל;
אָט איז ער אַ גיבור אויף וועלט־איבערקערן
און אָט איז ער שוואַך ווי אַ הינדל...

געקומען אַ זון און זי האָט אונדז געוואַרימט,
קיין גליק איז „אויף אימער און עוויג",
די ש ק י ע ה מוז קומען, אַוועק פון אונדז איז שוין
דער גייסטיקער ריז וואָס הייסט ל יי וו י ק!

(מ. צ. 1936־10־25)

חזיר און טייוול

(פראַגמענט)

צי איז דען גאָר עמיק, אין חלום אפילו
געווען אין דעם מינדעסטן צווייפל,
אַז ס'וועלן זיך פּאָרן, דער דייטש מיטן דוטשע,
אַ פּאָרל פון חזיר און טייפל...

צי האָט דען גאָר עמיק געפרווט אַמאָל טראַכטן
אַז ס'פּאַסט נישט דער דוטשע צום דייטשל,
אַז ס'איז שוין פון אייביק באַקאַנט אין דער וועלט שוין,
אַז שטעקעלע פּאַסט זיך צום בייטשל...

כאַטש בלויז מיט אַ שטעקן און בלויז מיט אַ בײַטשל
מען קאָן אויך נישקשה צעשלאָגן,
צעזאַמען איז אָבער פיל בעסער און שטאַרקער
און לײַכטער די „קליאַטשע" צו פלאָגן...

און כ'קוק אויף דעם מאָרגן מיט שרעק אין מײַן האַרצן —
וואָס קאָן אַזאַ פּאָרל געבוירן? — — — —
פון חזיר און טײַוול מען קאָן נאָר דערוואַרטן
אַ ח ו ר ב ן — די וועלט אין פאַרלוירן!...

די כעמישע מישונג פון ברוינעם מיט שוואַרצן
די שרעקנדיק — בייזע קאָלירן,
ווזהין קאָן אַ היטלער מיט אַ מוסאָליני
ג ע א יי נ י ק ט — די וו עלט גאָר פאַרפירן? — — —

(נ. צ. 1936 ־ 12 ־ 22)

צענטראַלע ביבליאָטעק ביים ייוואָ
(פראַגמענט)

ווען אַ וועלט פאַרזינקט אין חושך פון דער נאַצי־ברוינער פּעסט.
דאַרפן מיר צו פילעווען די אייגענע, די קליינע געסט;

ווי אַמאָל אין צײַט פון מבול, האָט אַ נח אויפגעבויט,
פון געהילץ אַ פעסטע תבה אום צו ראַטעווען פון טויט,

אַלע מינים וואָס פאַראַנען, ס'זאָל קיין זאַך נישט אונטערגיין,
דאַרף אויך איצט, בײַם נאַצי־מבול עפּעס ענלעכעס געשען.

קלויצן דאַרף מען דאָקומענטן, קאָנצענטרירן אויף אַן אָרט
אויפצוזאַמלען אַלץ וואָס גײַסטיק איז — צעוואָרפן דאָ און דאָרט;

אין אַ צײַט פון פּײַן און לײַדן, קאָן מען נאָר געפינען טרייסט,
אין די הימלבלויע שטראַלן פון אַ קאָנסערווירטן גײַסט...

זאָלן ז יי די שווערדן שלײַפן, יאָגן זיך אין מאָרד־געוועט
מיר, אויף הר־הצופים בויען הײַנט אַן אוניווערזיטעט!

מעגן זיי קאַנאָנען גיסן, הויבן זיך צום מאָרד־ניוואָ,
מיר באַענטפערן די שונאים מיט דער אַרבעט פון „ייוואָ!"

זאָלן זיי ווי ווילדע הינט זיך לאָזן אויף דעם ווילד־געיעג,
מיר, דער עם־הספר שאַפט זיך אַ צענטראַלע ביבליאָטעק!...

הימן פאַרן „הזמיר"

אויף דעם פאַרלאַנג פון דיריזשאָר און קאָמפּאָזיטאָר בערנאַרדאָ פייער האָב איך פאַר זיין ערשטן אויפטריט מיט זיין ניי־געגרינדעטן געזאַנגס־פאַריין „הזמיר" אָנגעשריבן פאָלגנדיקן „הימן פאַרן הזמיר". פייער האָט באַלד געשאַפן מוזיק און מיט דעם נומער דערעפנט זיין ערשטן אַרויסטריט מיטן כאָר.

וועז אַ שוואַרצע כמאַרע שפּרייט זיך
און די וועלט צו עפּעס גרייט זיך,
דאַרף מען אָנגורטן די לענדן,
צום געזאַנג די אויגן ווענדן,
צום געזאַנג פון פרייד און לעבן,
צו דעם קלאַנג פון הייליקן שטרעבן;
אָז ישיר! הזמיר!

מיר שטייען
אין רייען
און מיט קלאַנגען
פון געזאַנגען
הויבן מיר די שטימען העכער,
זאָל זיך שפּרייטן אונדזער עכאָ
און באַפרייַען
אונדז פון ווייען
אָז ישיר! הזמיר!

זאָל געזאַנג די כמאַרעס טרייַבן,
זאָל פון פּיַין קיין זכר בלייַבן,
און צוזאַם געאייניקט לאָמיר
לאָזן הערן דעם הזמיר,

קלאַנגען פון געזאַנג פאַרשפּרייטן
צוגעגרייט פאַר שיינע צײַטן;
אַז ישיר! הזמיר!

מיר שטייען
אין רייען
און מיט קלאַנגען
פון געזאַנגען
הויבן מיר די שטימען העכער,
זאָל זיך שפּרייטן אונדזער עכאָ
און באַפרײַען
אונדז פון ווייען
אַז ישיר! הזמיר!

(ב. איירעס 1938)

שטימונג

(פראַגמענט)

. . . .
. . . .

...טראַכט איך, מילא, ס'איז אַ שטימונג,
ס'וועט פון זיך אַליין פאַרבײַ;
אפשר איז עס אַ דערמאָנונג
פון דעם ליבן חודש מאַי...

אין דער אַלטער היים דער ליבער
פון דער שיינער יוגנט צײַט,
וואָס איז שנעל אַזוי פאַרשוווּנדן
ערגעץ־ווו אין ווײַטער ווײַט...

ערשטע אָבסערוואַציעס

און עס שווימען אויף זכרונות: — —
קראָקע, שיינע פרילינגס־טעג,
„יאָרדאַן"־פּאַרק צעווישן בלומען,
אָדער ביי דעם ווײַסל־ברעג;

אויף די „בלאָניעס" נעבן „קאָפּיעץ",
„טשיכע־קאָנטשיק" — אויף דער פרײַ!
אָך, ווי שיין איז דאַן געווען
יענע צײַט דער חודש מאַי!...
און די אויספלוגן די שיינע,
חברה יונגוואַרג אין דער ריי,
— „ווידער איז דער מאַי געקומען"!
לעבן זאָל דער ערשטער מאַי!...

יונג און פריש, מיט פעסטן ווילן,
מיט ענערגיע און מוט,
אידעאַלן וואָס דערהויבן
שטראָמען הייס אין אונדזער בלוט,

פאַקלען לײַכטן אונדז אַנטקעגן
פון אַ נײַעם גרויסן טאָג,
און מיר וואַרטן אויף דער שעה, דער
זייגער זאָל שוין טאָן אַ שלאָג:

— „מיר הויבן די הענט קעגן מזרח און שווערן..."
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

(מ. צ. 1939 — 5—7)

האַקנקרייץ און רויטער שטערן
(צוויי פראַגמענטן)

— 1 —

וואָס איז צײַט? וואָס זענען יאָרן?
טויזנט יאָר איז בלויז אַן אָטעם;
קומט אַ היטלער און פאַרוואַנדלט
צוריק די וועלט אין ווילדע שבטים!...

וואָס אַ ניוטאָן? ווער שפּינאָזאַ?
קאָפּערניקוס, גאַלילײַ?
אַז אַ ליאַדע שילדן־מאָלער,
קאָן אויף לענדער שפּרייטן ווײ!...

ווער מיר דאַרט די גרויסע גײַסטער,
ש י ל ל ע ר, ל ע ס י נ ג, געטהע, היינע?
ווען אַ דרײַ אין מענטשנס מוח
מאַכט די מענטשן פאַר געמיינע

נידערטרעכטיקע באַנדיטן
אָן אַ ברעקל גאָט אין האַרצן;
וואָס מיר טאָג און זונענשטראַלן,
אַז די וועלט פאַרגייט אין שוואַרצן...? — — — —

איז דען לאַנג פון נײַנצן פערצן,
פון דער גרויסער וועלט־מלחמה?
האָט זיך נישט אין בלוט געבאָדן
און געריינִיקט וועלטס נשמה?

האָט זיך נישט די גאַנצע מענטשהייט
באַלד געגעבן אַ באַרעכן
אַז מלחמה איז אַן אומזין,
אַז מלחמה איז — פאַרברעכן!?..

וווּזשע זענען הײַנט די ביכער:
„אויפן מערב־פראָנט קיין נײַעס"?
וווּזשע איז די שרעק פאַר מתים
אויף די פעלדער אָן ל ו י ו ת?...

ווו איז ערגיץ א. ב אַ ר ב י ס מיט
זײַנע שילדערונגען „פ ײַ ע ר"?
האָט די וועלט שוין גאָר פאַרגעסן
אַז מלחמות קאָסטן טײַער?

ווו איז ערגיץ „פעלקער־ליגע"?
און ווו איז דער וועלט־געוויסן?
איז געווען דאָס בלויז אַ פיקציע,
שוואַרצע קאַווע צו פאַרזיסן?...

— — — — — — — — — — —

(מ. צ. 39—9—3)

— 2 —

...פוילן זינגט שוין „יעשצ׳ע פּאָלסקאַ“,
ס׳זינגט אַ פליג אַקעגן שלאַנגען;
גאָט! פאַרהיט אַז היטלערס לאַפּע
זאָל קיין פוילן נישט דערלאַנגען!...

— — — — — — — — — — —

— — — רויטע פאָנען, סערפּ און האַמער,
אויסגעמישט מיט האַקנקרייצן,
לענין וואַרפט זיך אין זיין קבר,
רוסלאַנדס שאַנד, זי טוט אים רייצן...

סערפּ און האַמער — האַקנקרייצן,
אויסגעפלאָכטענע צוזאַמען— — — —
האָט דען ווער געקאָנט גאָר גלויבן,
אַז דאָס קאָן אַמאָל זיך גראַמען?...

(מ. צ. 27—8—1939)

„דורך קלאָרע ברילן“
(פראַגמענטן)

(געדרוקט אין „ארגענטינער מאַגאַזין“)

קאַשמאַרער חלום

זיבער איז אַזוי געווען
אונדזער בורא עולמס ווילן,
אַז איך זאָל דורך יאָרן לאַנג נישט
קוקן דורך די „קלאָרע ברילן“

אַז איך זאָל אין צייט פון שווערער
פון דער צווייטער וועלט־מלחמה,
זיצן שטיל און זיין געדולדיק...
ביז צום טאָג פון דער — נ ק מ ה!

ווען די מאָנסטעריעזע נאַצים
וועלן כאַפּן די מ פּ ל ה
און זיי וועלן אויך דערפילן
וואָס דאָס הייסט אַזוינס ב ה ל ה...

זיכער איז אַזוי געווען
אונדזער בורא עולמס ווילן,
אַז איך זאָל אין צײַט פֿון שלום
ערשט באַנײַען מײַנע ברילן — — —

וואָס געהייליקט האָבן זיי זיך
אין די קרעמאַטאָריע־פֿלאַמען
און געוואַשן זענען זיי פֿון
געטאָ־טרערן גאַנצע ימען!...

נאָר — צי הערשט שוין אויף דער וועלט
דער לאַנג דערוואַרטער גרויסער שלום?
אָדער איז דער גאַנצער זיג נישט
מער ווי אַ קאָשמאַרער חלום?... — — — —
— — — — — — — — — — —

זיכער איז אַזוי געווען
אונדזער בורא עולמס ווילן,
אַז איך זאָל דורך יאָרן לאַנג נישט
קוקן דורך די קלאָרע ברילן...

ביז די צײַט וועט מיר באַפֿעלן,
— קוק און זע און נישט פֿאַרזאַמען
זאָלסטו אַלעס צו באַשרײַבן
ר י ט מ י ש אײַנגעפּאַסט אין גראַמען!

(„ארגענטינער מאגאזין" 1946)

נ י ר ע נ ב ע ר ג

...און אין נירענבערג עס שלעפּט זיך
ווי פֿון קליי דאָרט דער „דין־תּורה";
די באַווײַזן שרײַען — מ ע ר ד ע ר!
נאָר באַשטראָפֿן האָט מען מורא...

אפשר וועט מען די תּלינים
נאָך אויף עפּעס וואָס באַדאַרפֿן?
אפשר וועט מען גאָר אויפֿסנײַ די
מאָרד־מעסערס באַדאַרפֿן שאַרפֿן?

קאָן דען ווער די אַרבעט בעסער
פון די נאַצישע תּליינים? ——
האַלט מען זיי אויף גוטע קעסט און
דער פּראָצעס איז בלויז לפּנים...

(„אַרג. מאַג" מערץ 1946)

זייט מיר מוחל

— זייט מיר מוחל, ליבע לייענער,
גלויבט מיר, כ'האָב עס נישט געוואָלט,
אײַך אין שלעכטער שטימונג ברענגען —
כ'האָב אַ חוב נאָר אָפּגעצאָלט...

נישט קיין סוחר, און אפילו
נישט קיין שטיקל פּאַבריקאַנט,
קאָן איך נישט מיט עפּעס אַנדערש
צאָלן מיט דער ברייטער האַנט.

כ'בין אַ שרײַבער און אַ זינגער
און איך פלעגט פון גראַם אַ קראַנץ,
וואָלט אַ פרייד געשפּילט אין האַרצן,
וואָלט איך אײַך געשלעפּט צום טאַנץ,

אָבער ניין, עס טאַנצט זיך הײַנט נישט
מעג דער כוס זײַן פול מיט ווײַן;
די ידיעות גיסן טעגלעך
פולער אָן מײַן האַרץ מיט פּײַן...

און איך וויל דערפאַר דערמאָנען,
ווען מיר פילן דאָ „כי טוב",
אַז מיר דאַרפן אויך געדענקען
צו באַצאָלן אונדזער חוב.

אונדזער שטײַער דער געשיכטע
פון דער גרויסער, גרויסער שעה,
וואָס מיר זענען נישט געבליבן
דאָרטן, נאָר מיר זענען דאָ!...

עסט און טרינקט און לאָזט אײַך װױלגײן,
נאָר געדענקט די שװערע צײַט
פון די װײניק שװעסטער, ברידער
װאָס געפינען זיך דאָרט װײַט...

און זײ װאַרטן אויף ישועה,
שטרעקט אַקעגן זײ אַ האַנט,
צאָלט דעם שטײַער דער געשיכטע,
יעדער אײנער, לױט זײַן שטאַנד!...

(„אַרג. מאַג." אַפּריל 1946)

אַ װ י ז י ע...

אַ װיזיע, זי װײַזט מיר װי סדום און עמורה,
עמלק און פּרעה און המן,
די אינקװיזיטאָרן און כמעלניצקים באַנדעס
װאָס זענען ערשט שפּעטער געקומען;

איך זע דאָס געזינדל, זײ זיצן פֿאַרזאַמלט,
און רײדן נאָר רק װעגן ייִדן,
זײ קריצן די צײנער מיט כעס און רציחה
און גיפט מאַכט דאָס בלוט אין זײ זידן...

און פּלוצים, אַן אײזל, דער רײַטער איז בלעם;
ער קומט דאָ נאָר בלויז אַלס פֿאַרמיטלער,
און מעלדט, אַז פֿאַרגרעסערט װעט זײַן די קאַפּעליע,
און בעט אַן אַפּלויז — עס קומט ה י ט ל ע ר!...

עס װערט אַ געמירמל און דאַן ט אָ ר ק װ ע מ אַ ד ע
רופט אויס מיט אַ טיפֿער עמפּערונג:
— שוין װידער אַ דורכפֿאַל פֿון אונדזער אידײע,
פֿון אונדזער פֿאַרפֿלוכטער פֿאַרשװערונג — —

צו מאַכן אַ סוף פֿון דעם יודען־געזינדל
און אָפּמעקן גאַנץ זײער נאָמען...
— װײַזט אויס, אַז דער ייִדישער גורל איז שטאַרקער
פֿון אונדזער אידײ! — גיט צו ה מ ן!...

אוּן המן רוקט אָפּ זיך, מאַכט פּלאַץ פאַר דעם „פירער"
אוּן בלק פאַרבעט אים צום זיצן;
עס ווערט אַזאַ רעש, אַ געפּילדער פון אַלע,
די שטערנס מיט גיפט־טראָפּן שוויצן...

— אויך היטלער געקומען! רופט טרויעריק אויס פּרעה,
— די האָפנונג די לעצטע פאַרשווינדן;
די ייִדעלעך האָבן אונדז איבערגעלעבט שוין
אוּן היילן זיך אויס פון די ווונדן...

אוּן פּלוצלינג בעט היטלער אַ וואָרט ביים פּרעזידיום
אוּן הויבט זיך באַלד אָן צו צערעווען:
איך בין דאָ געקומען און האָב דאָרט געלאָזן
אַ מ ו פ ט י, אַן אַ ט ל י און ב ע ו י ן!...

דער דאָזיקער דרייבונד פאַרשטייט „אונדזער זאַכע"
מיר מעגן זיי גלויבן, מיר מעגן;
דער מופטי און אַטלי און בעווין, זיי גייען
מיט פוס־טריט אויף אונדזערע וועגן!...

אוּן פּלוצלינג שפּרינגט בלעם אַראָפּ פון זיין אייזל,
שרייט אויס: — קאַמעראַדן, איר ווייסט נישט!
עס וועט אייך נישט העלפן דער „הבה נתחכמה"
ווען גאָט פון ישראל עס נאָר הייסט נישט...

אַ רעש, אַ מהומה, מען וואַרפט זיך אויף בלעם,
— „צו אָרדנונג"! — שרייט הילכיק ע מ ל ק;
אוּן פּלוצלינג אַ ב ת־ק ו ל פון „שומר ישראל"
רופט אויס: — איך וועל לערנען אייך ב ל ק!

(„אַרג. מאַג." יוני 1946)

מוסר וויל איך זאָגן...

זייט מיר מוחל, ליבע לייענער, מוסר וויל איך זאָגן היינט,
כאָטש פאַר מוסר, ווייסט איַעדער, קריגט מען נישט קיין גוטע פריינט...

ווער מען כ'מיין היינט מיט מיין מוסר? כ'מיין נישט קיינעם, נאָר די וואַנט...
וואָסזשע ציטערט מיר ביים שרייבן אַזוי מוראדיק די האַנט?...

שאַ, און אפשר מיט מײַן מוסר, מיין איך הײַנט גאָר זיך אַליין? —
נאָר געװנוג שוין מיט הקדמות, לאָמיר בעסער װײַטער גיין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וויפל איז עס דען אינגאַנצן, ווען מיר אַלע האָבן דאָ
אויסגעוויינט זיך בלינד די אויגן אויף אייראָפּעס שוואַרצער שעה? — — —

וויפל האָבן מיר געפיבערט דאָ אין איטלעכנס געמיט,
ווען דערהערט מיר האָבן דאָ פון היטלערס קרייץ־צוג קעגן ייד?

וויפל האָבן מיר געפיבערט דאָ פון יעדן נײַעם קלאַנג,
נאָך אַ יעדער אויב־בשורה? — דוכט זיך נעכטן, ערשט ניט לאַנג...

נײַנצן הונדערט נײַן און דרײַסיק איז געווען דאָס שוואַרצע יאָר,
ווען צעשפּרייט האָט זיך די כוואַליע פון דעם ברוינעם היטלער־כאָר

איבער ייִדישע ישובים, פוילן אויפן ערשטן פּלאַן;
אָט, אַריבער שוין די ווײַסל, אָט איז היטלער שוין בײַם „סאַן"...

דעמלט האָבן מיר געפיבערט, העלפן האָבן מיר געוואָלט;
כאָטש געווען מיר זענען אָרים, נישט געבאָדן זיך אין גאָלד...

ד ע מ ל ט האָבן מיר דערהערט נאָך אונדזער ברודערס נויט־געשריי
און מיר האָבן מיטגעפילט נאָך אונדזער ברודערס טיפן וויי...

זענען זיבן יאָר פאַרגאַנגען — דעמלט האָבן מיר געוואָלט;
ווילן מיר אויך ה ײַ נ ט דאָס זעלבע? ווען מיר באָדן זיך אין גאָלד?...

(„ארג. מאג." (פראגמענט) יולי 1946)

ר אַ ט ע ו ע ט!

...ווידער קום איך מיט דעם זעלבן
רוף פון פּײַן און קרעכץ פון ווייטיק;
ווידער קום איך אײַך דערמאָנען: — — —
ג אָ ט! ווי אונדזער הילף איז נייטיק!

ווידער האָב איך ברייוו באַקומען
און אויך פרעמדע ברייוו געלעזן,
אַ ל ע ווי מיט ב ל ו ט געשריבן,
אַלע פון דעם זעלבן וועזן: — — —

— „ראַטעוועט, ווי לאַנג ס'איז צייַט, ווייַל
יעדער אויגנבליק איז טייַער;
וויסן זאָלט איר אַז מיר זיצן
נישט אויף פּולווער, נאָר אויף פייַער!...

— — — — — — — — — — —

(„אָרג. מאַג." אויגוסט 1946

צו ראש־השנה ה'תש"ז:

. . . .

. . . .

נאָר איין זאַך איך ווייס נישט, צי דאַרפן מיר הייַיאָר
נאָך בעטן אַ סליחה ומחילה?
צי דאַרפן מיר טאַקע נאָך ווייַטער צו פאַסטן
פון פאַרן „כל נדרי" ביז „נעילה"?

צי דאַרפן מיר טאַקע נאָך ווייַטער צו פאַסטן
און בעטן בייַם הימל רחמנות?
און קלאַפּן „על־חטא" זיך, „כדלים וכרשים"
ווי אַלע ביז הייַנט ראש־השנהס?

צי אפשר דער הימל, דער בית־דין של מעלה
דאַרף בעטן בייַ אונדז גאָר מחילה?
צי דאַרף גאָר דער הימל ביי אונדז אויסצובעטן
אַ סליחה דורך תשובה און תפילה?...

און „נעילה".. אוי „נעילה" צי דאַרף נישט דער הימל
אינגאַנצן דאָס וואָרט אויסצומעקן?
די נעילה, דאָס שליסן די טויערן פון ארץ
וווּ יידישע הענט זיך הייַנט שטרעקן?...

צי דאַרף נישט דער הימל מחילה צו בעטן
פאַר אונדזערע פּייַנען און לייַדן
און ענדלעך אונדז שענקען צום נייַעם יאָר טאַקע
אַ „קוויטל" צום לעבן אין פריידן?

אַ קוויטל, פאַרשריבן און טאַקע פאַרחתמעט,
— „אַ פרייַע פאַר אונדז — פאַלעסטינע";
אַז גלייַך מיט די אַנדערע פעלקער מיר זאָלן
אויך האָבן אַ שטיקל מדינה?...

עס מוז דאָך מיט עפּעס אונדז ווערן פאַרגיטיקט
פאַר אונדזערע פילע ק ר ב נ ו ת,
אויב נישט אויף דער ערד דאָ, טאָ מוז דאָך אין הימל
כאָטש הערשן אַביסל ר ח מ נ ו ת!...

טאָ פאָדער איך טאַקע בפירוש פון הימל
צום יאָר וואָס עס קומט שוין, צום נייַעם —
— די ג א ו ל ה פאַר יידן, געזיכערטער קיום,
אַ קוויטל, פאַר חתמעט: — ל ח יי ם!...

(„אַרג. מאַג." סעפּטעמבער 1946)

פאַר מערדער — די תליה!...

...וואָס זאָגט איר, רבותי, צום פאָריקן חודש,
דעם חודש דעם רייַכן מיט נייַעסן?
די נאַצי־תלינים געהאָנגען אויף תליות,
און ב ע ווי ן מעג קריע זיך רייַסן...

די גרעסטע און ווילדסטע פון נאַצי־תלינים,
זיי האָבן באַקומען די שטראָף שוין
און אַטלי און בעווין, זיי מעגן זייַן זיכער,
אַז זיי אויך דערוואַרט אַזאַ סוף שוין...

ס'איז אמת אַז ס'האָט אונדז געקאָסט זייער טייַער,
אַ דריטל פון יידישע לעבנס;
נאָר זאָלן געדענקען די צוררי־ישראל,
די וועבס און די אַטלים און בעווינס — — —

אַז „הנה לא ינום" דער שומר ישראל,
ער צאָלט אַמאָל שפּעט, אָבער זיכער!
זאָלן זיי קוקן און זען די געשיכטע
וואָס שטייט אין די הייליקע ביכער!...

(„אַרג. מאַג." נאָוועמבער 1946)

שפּליטער אמת

...ווײַל צעשפּליטערט איז דער אמת
פּונקט ווי אונדזערע פּאַרטייען
און די פּיצלעך אמתן, זיי
קעמפן צווישן זיך אין ווייען...
— — — — — — — — — — — —
וואָס איך וויל דערמיט אײַך זאָגן?
הערט אַ ווײַל נאָך מײַן הקדמה;
גלויבט מיר, אַז איך גיב זי אײַך דאָ
פון מײַן האַרץ און מײַן נשמה———

— — איך בין קעגן פאַנאַטיזם
סײַ פון לינקן ווי פון רעכטן,
דרך־ארץ האָב איך פאַר דעם
פרומען מענטשן, נאָר דעם עכטן;

פּונקט ווי איך האָב אויך דרך־ארץ
פאַר די אידעאַלע קעמפער,
וועלכע זעען אין דער פרײַהייט
פון דער וועלט — דעם גרויסן ענטפער...

נאָר... מען טאָר די אידעאַלן
נישט דערפירן צו עקסטרעמען,
אַז די אידעאַלן זאָלן
מוזן זיך אַליין פאַרשעמען!...
(„ארג. מאַג." דעצעמבער 1946)

וואַקאַציעס

...זיך געענדיקט די וואַקאַציעס
מיט דעם שפּילן אויף „רולעטע",
מיט האָטעלן און פּענסיאָנען,
מיט דעם היטן די דיעטע...

מיט דעם רײַטן אויף די פערדלעך,
כאָטש עס ווילט זיך גאָרנישט רײַטן,
נאָר מען מוז דאָך, ס'ווילט זיך אויסזען
ווי אַ לײַט, צעווישן לײַטן...

זיך פאַרענדיקט די וואַקאַציעס
מיט דעם אויסגעריסן ווערן,
ווער עס זוכט אַ קילאָ וואָג און
ווער עס זוכט גאָר אָפּצוצערן

און מען צאָלט פאַר אַלץ מיט רענדלעך,
ממש גילדענע דוקאַטן,
און צום סוף, מען קומט אַהיים מיט
פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן!...

יענטע האָט געוואָלט פאַרלירן,
איז זי גאָר געוואָרן דיקער,
פײַוול האָט געוואָלט זיך פאַשען,
איז פון אים געפאַלן שטיקער...

פריידלען האָט אַ פּוס „געצויגן",
מילא, דאַרף זי דאָך „קאַרוחע"
איצטער האָט זי ביידע פיס באַלייגט
מיט צייכנס ברוין און בלויע...

שוין פאַרענדיקט די וואַקאַציעס,
מענער זענען זיך מקנא,
און זיי פרייען זיך אין האַרצן
מיט אַ — „ברוך שפּטרנו"...

(„אַרג. מאַג." מערץ 1947)

בטחון...

...פונדעסטוועגן פּרוּוו איך
אַ טרייסטוואָרט געפינען
אין אונדזער מאַרטירער געשיכטע;
מיר לעבן מיט נסים פון אייביקע צײַטן,
זיי קומען צו אונדז אומגעריכטע...

און מעגן די אַטלים,
ווי המן און היטלער,
אונדז דראָען מיט הענגען אויף תליות,
זײַט זיכער, אַז ערגיצוווּ
וואַרטן שוין נסים
וואָס וועלן אונדז ברענגען ישועות...

דער „דאָרן" וואָס ברענט מיט
דעם אייביקן פײַער,
מיט אייביקן הייליקן פלאַקער,
קנאַקט אויס מיט די פלאַמען
די אייביקע לאָזונג:——
„נצח ישראל לא ישקר"!...

(„ארג. מאג." אפריל 1947)

געסט

הערט, איך האָב אויך הײַנט באַשלאָסן
זיך צו נעמען צו די געסט,
וואָס מיר נעמען זיי דאָ אויפעט
מיט אַ וואַרים ברייטן זשעסט...

— — — — — — — — — — —

כאָטש, געטראָפן האָט נישט איינמאָל
וואָס אַ גאַסט האָט אונדז אַנטוישט,
דאָך, ווען ס'קומט אַ נײַער גאַסט, מיר
ווערן באַלד אויפסנײַ באַרוישט...

וויפל האָבן מיר שוין געסט דאָ
ווי מיט האָניק רק געשמירט
און נישט לאַנג נאָך זייער אָפּפאָר,
האָט אַ ריח (רייעך) זיך דערשפּירט,

פון דעם אופן ווי זיי האָבן
אונדז באַשריבן אויפן „בלאַט",
ווי זיי האָבן לײַכט גענומען
אונדזער זשעסט און אונדזער טאַט

און געשילדערט נאָר דאָס שפּרענקל,
כלומרשט, וואָס אויף אונדזער אויג,
און אַליין ווי בלינד געוועזן
אויף דאָס אַלץ וואָס ביי אונדז טויג...

— — — — — — — — — — —

זיכער פילן מיר די עוולה,
ווען אַ גאַסט האָט אונדז גענאַרט,
(כאָטש מיר האָבן דאָ געפלאַטערט
און אַזוי נאָך אים געגאַרט...)
דאָך, מיט שמייכל פון מחילה,
ווישן מיר דעם אײַנדרוק אָפּ,
און מען ברענגט אַ נײַעם גאַסט, מיט
פּאָמפּע, באַלד אויפסנײַ אַראָפּ...

מעגן נײַן אונדז דאָ אַנטווישן,
דאָך, דער צענטער, אַליץ פאַרגלעט,
ווען ער גיט און לאָזט אונדז איבער
גײַסטיק שפּײַז דאָ צו דער זעט...

— — — — — — — — — — —

ווער דער צענטער איז דאָ איצטער? — — —
דאָס איז נישט קיין קוניץ קיין כוואַטסקי,
באַלד צו טרעפן אַז איך מיין דאָ
הײַנט דעם ליבן דאָקטאָר שאַצקי!...
(„ארג. מאג." מאי 1948)

יידיש און העברעאיש

(פראַגמענט)

ווייניק איז נאָך די מלחמה
וועלכע גרייט זיך אויף דער וועלט,
האָבן מיר אויך אַ מלחמה
אין דעם אייגענעם געצעלט...
יאָ, אַ קריג, העברעאיש, יידיש;
אַ געראַנגל וועגן שפּראַך,
וועלכער ווערט אַליץ היים און הייסער
און קאָן קאָסטן אונדז אַ סך...

האָבן די וואָס ריידן יידיש
נישט קיין חלק אין דערפאָלג
פון באַפרײַאונג פון דער אומה
פון דעם ווערן צ'ריק אַ פאָלק? — — —

האָבן די וואָס ריידן ייִדיש
נישט באַטייליקט זיך אין קריג
און פאַר אונדזער לאַנד ישראל
אויסגעקעמפט דעם גרויסן זיג? — — —

„צאינה וראינה", „מענה לשון"
האָבן וויניק דען פאַרדינסט,
קומט דערפאַר דעם מאַמע־לשון
צו באַהאַנדלען ווי אַ דינסט? — — —
וואָס דערפילט נישט אירע פליכטן
און מען טרײַבט זי פון דעם הויז?
זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, אײַער מיינונג: —
איז די עוולה נישט צו גרויס?... — — —
(„ארג. מאג." יוני־יולי 1950

מיין נייער עמוד

(רובריק „עונג שבת" אין „די אידישע צייטונג")

(פראגמענט)

קודם שטעל איך פאָר פאַר אײַך זיך,
כ'בין דאָך נײַ דאָ אין דער צײַטונג;
וויל איך זיך מיט אײַך באַקענען
און דערקלערן די באַדײַטונג
פון די גראַמען וואָס איך שרײַב דאָ
און איך גיב זיי אײַך צו ליי'ענען,
נישט קיין לידער שרײַב איך אײַך דאָ,
ניין, איר זאָלט עס גאָרנישט מיינען...

כ'זאַמל בלויז געשעענישן
פון דער וואָך, וואָס ווערן צײַטיק
און איך ריים זיי אײַן אין ריטמען,
אײַך צו געבן זיי אויף פרײַטיק,
איר זאָלט האָבן זיי אויף שבת
און פון זיי הנאה שעפּן,
נאָך אַ וואָך אַ וואָכעדיקע
ווען מען דאַרף דעם עול צו שלעפּן...
— — — — — — — — — — —

אַנדערש איז געווען דאָרטן,
אין די אַלטע פרומע היימען;
שבת איז געווען הייליק,
האָט אים ווער געוואַגט פאַרשעמען?
שמערל האָט געהייסן שמערל,
בערל האָט געהייסן בערל,
היינט הייסט בערל גאָר בערנאַרדאָ,
און סאַנטיאַגאָ רופט זיך שמערל...

ווער איז מעביר היינט די סדרה,
שנים מקרא, אחד — תרגום?
קאַרגט מען דען דעם יידן צרות
וועלכע דריקן ווי אַ באַרג אים?...
וויל איך אויף מאָדערנעם שטייגער
איבערגיין מיט אייך די פרשה
פון די וואָכעדיקע נייעסן,
פון תל־אביב, לאָנדאָן, וואַרשע...

און פון איבעראַל אויף אונדזער
שיינעם, נאָר געפּלאָגטן וועלטל,
אויב עס האָט אַ שייכות נאָר צו
אונדזער יידישן געצעלטל... — — —
האָב איך ענדלעך פאָרגעשטעלט זיך,
טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס;
טרעט איך צו צו מיינע גראַמען
וואָס איך שרייב פאַר „עונג שבת"!...

(„די יידישע צייטונג" 1947 — 15-8)

אַ היימלאַנד פאַר יידן

עס האָט ווי אַ שטראַל פון אַ ליכטיקער זון
אַ לויכט געטון אונדז די קאָמיסיע פון „אונ";
עס האָט די קאָמיסיע געזוכט און געפאָרשט,
מיט וואַרימען אייפער, מיט אמתן דאָרשט;
געווען אין דעם היימלאַנד פון אונדזער אַמאָל,
געווען און געפאָרשט דאָרט אין ארץ ישראל,
געווען אויך אין לאַגער פון יידישער נויט,

ווי ס'לויערט נאָך אומגליק און לויערט נאָך טויט...
געפּאָרשט אַזוי לאַנג ביז געקומען צום טאָלק:
— אַ היימלאַנד מוז האָבן דאָס ייִדישע פאָלק!...
און כאָטש וואָס דאָס איז נאָר דערווײַל אַ באַשלוס
פון בלויז דער קאָמיסיע, דאָך איז עס אַ גרוס,
אַ ליכטיקער גרוס פון אַ בעסערער צײַט
וואָס קומט, כאָטש פּאַמעלעך, נאָר איז שוין ניט ווײַט,
עס איז אַ באַשלוס פון אַ מ אַ י אָ ר י ט ע ט,
וואָס קאָן נישט פאַרבלײַבן: — „געזאָגט" און „גערעדט"...
מען שטורעמט, מען פאָדערט, מען שטייט אויף דער וואַך,
מען פאָדערט פ אַ ר ג ע ל ט ו נ ג פאַר ייִדישן שמאַך...
טאָ דאַרפן מיר האָפן און וואַרטן מיט טאַקט,
אַז א ר ץ י ש ר א ל וועט ווערן אַ פאַקט!
און פונקט ווי אַמאָל אַ יהושע בן נון,
וועט פירן אונדז הײַנט אין דעם היימלאַנד די „אונ".
(„די ייד. ציטונג" 1947 — 5-9)

עס פעלט אַ לוי־יצחק

ווען ס'וואָלט הײַנט געווען אַ מין ל ו י־י צ ח ק
אַ לויטערער נאָך פון בורשטין,
וואָלט ע ר זיכער אַנדערש ווי אַלע געקומען
אין הײַנטיקער צײַט צו דעם דין.

ער וואָלט נישט געקומען ווי זינדיק און שולדיק,
נאָר גרייט מיט זײַן גאַנצער מאַשין,
מיט דרײַ פּראָקוראָרן וואָס וואָלטן גערופן
דעם ב ע ל ה ר ח מ י ם צום דין!...

נישט מ י ר זענען שולדיק, נאָר ד ו דאָרט אין הימל,
דו האָסט עס דערלאָזט אַז בערלין
זאָל ווערן די סם־קוואַל פון ייִדישן חורבן,
פאַרטיידיק דיך הײַנט דאָ בײַם דין!...

דו האָסט עס דערלאָזט אַז דער גרויזאַמער היטלער
זאָל שפּעטער אויך קומען קיין ווי ן,
און שפּרייטן די נאַצישע פּעסט איבער לענדער,
פאַרענטפער דיך הײַנט ביי דעם דין!...

דו האָסט אויך פאַרשוויגן די מאַסן קרבנות,
די ערשטע אין געטאָ לובלין,
טרעבלינקע, מײַדאַנעק, פאַרענטפער דיך טאַטע,
איך פאָדער אַ משפט און דין!...

פאַרמאַכט האָסט געהאַלטן די טויערן פון רחמים
צום יאָמער־טאָל פון אָשפּיצין,
איך פאָדער דיך גאָטעניו, הײַנט צו דעם משפט,
איך פאָדער דיך אויף הײַנט צום דין!

עס שמאַכט הײַנט דער יתר הפליטה פון ייִדן
און אויגן, זיי קוקן — „וואוהין"? ————
אַן ענטפער איך פאָדער, דו פאָטער אין הימל,
אַן ענטפער איך פאָדער ביים דין!

איך וועל דאָ נישט לאָזן קיין שופרות הײַנט בלאָזן,
פאַרגין עס מיר, גאָט, אוי,פאַרגין;
נישט איך זאָל פון הימל געמשפט הײַנט ווערן,
נאָר דו זאָלסט זיך שטעלן צום דין!...

עס וואָלט קיין שום שטן ביים הימלישן משפט
געקאָנט אונדז פאַריקן אַ קלין,
מיר וואָלטן די ספראָווע אויף זיכער געוווּנען,
געזיגט וואָלטן מיר ביי דעם דין.

און לעכער עס וואָלטן די שונאים פאַרקראָכן,
און בעווין, די גיפטיקע שפין,
וואָלט זיכער די ערשטע כפרה געוועזן,
ווען גאָט וואָלט געקומען צום דין!...

— — — — — — — — — — — — — — —

נישטאָ קיין צדיקים, עס פעלט לוויצחק,
עס שרײַט הײַנט אַ יעדער — איך בין!...
עס פעלט הײַנט די גרויסקייט און ריינקייט פון צדיק,
וואָס רופן קאָן גאָט צו אַ דין...

נאָר אפשר די העלדן, מעפּילים און פליטים,
אַ גרויסקייט עס זעט זיך דערין;
קאָן זײַן, צוליב זיי, וועט דער הימלישער פאָטער
זיך שטעלן אַליין הײַנט צום דין!...

(„די יידישע צייטונג 1947 — 19-9)

ע ו נ ג ש ב ת

איינער שרײַבט מיר: — כ'האָב הנאה
אײַך צו לייענען אין די „צײַטונג",
דאָך איז פרעמד מיר פון די ווערטער
„עונג שבת" — די באַדײַטונג...

ווו האָט איר אַן עונג שבת
אין די הײַנטיק פרײַע צײַטן?
ע ו נ ג? — אפשר, נאָר דער ש ב ת,
ווו איז שבת הײַנט ביי לײַטן?...

עונג שבת איז געווען
דאָרטן אין די אַלטע היימען;
אָבער דאָ, אַן עונג שבת?
ווײַזט מיר אָנעט, ווו, ביי וועמען?

שבת אָפן די געשעפטן,
שבת אָפן די פאַבריקן
ס'לויפן אום מנחם־מענדלס
זוכן אַמעריקאַנער גליקן...

די וואָס זענען רײַך געוואָרן
פון די „שימעלע סאַראָקערס",
פילן הײַנט דעם בעסטן עונג
ווען זיי זיצן ביי די פּאָקערס...

אמת איז אַז כ'האָב הנאה
אײַך צו לייענען אין די צײַטונג,
אָבער זאָגט מיר פון דעם היגן
עונג שבת — די באַדײַטונג...

— — — — — — — — — — — — —

וויל איך אײַך נישט שולדיק בלײַבן
כאָטש איך בין נישט קיין גביר,
ענטפער איך אײַך מיט דעם לידל:
— אָבער יידן זענען מיר!

אויך דער פרײַער ייִד איז ייִדיש,
נאָר ער לערנט אַנדערש פשט,
אויב איר זענט אַ ייִד אַ פרומער,
נעמט עס נישט צו לײַכט און גלאַט — — — —

כמה מעלות טובות האָבן
ייִדן הײַנט אַפילו דאָ!
ווען עס שלאָגט דער זייגער אויסעט
פאַר דעם ייִד אַ גרויסע שעה!

היליק איז דאָס פאָלק ישראל
לויט דעם אַלטן נײַעם שיר:
— וואָס מיר זענען זענען מיר
אָבער ייִדן זענען מיר!...

(„די יידישע צייטונג" 1947 — 1-11)

הייליקע געפילן

עפּעס ציטערט מיר אין האַרצן אַזאַ הייליקער געפיל —
ווען טאַקע מיר דערלעבן אונדזער לאַנג דערוואַרטן ציל?

איז עס מעגלעך, אַז גראַד איצטער, ווען איר לייענט די ווערטער דאָ,
שלאָגט אין לייק־סוקצעס שוין אויסעט אונדזער גרויס־דערוואַרטע שעה?

יאָ, ס'איז מעגלעך, נישט נאָר מעגלעך, נאָר איך גלויב עס אויף געוויס;
כאָטש עס וועט קיין שלאַנג נישט פעלן דאָרטן אויף צו טון אַ ביס

בעוויגס ווירקונג וועט זיך פילן, צו זײַן גרויסער, גרויסער שאַנד,
דאָך, די פעלקער וועלן שטימען, פאַר אַן אייגן ייִדיש לאַנד!

עפּעס ציטערט מיר אין האַרצן אַזאַ הייליקער געפיל,
וועלן מיר דערלעבן טאַקע דעם דערגרייכטן גרויסן ציל?...

האָט זיך אונדזער דור פאַרדינט דאָס האָט עס אונדזער דור די ווערט?
אויף צו ווערן פאָלק מיט פעלקער, אויף אַן אייגן שטיקל ערד?...

(„די יידישע צייטונג", 47 — 21-11)

און אפשר...

און אפשר, ביז ס'וועלן געדרוקט זײַן די שורות,
וואָס איך האַלט דאָ איצטער אין שרײַבן,
וועט האָבן די וואָג־שאָל צום גוטן געוויגן
און מיר וועלן נחת שוין קלייבן!...

(„די יידישע צייטונג", 47 — 28-11)

ציטערט די האַנט

ס'ציטערט אין דער האַנט די פּעדער
הײַנט ביי יעדן זשורנאַליסט,
עפּעס וויטיקט אים אין האַרצן,
עפּעס פּלאָגט אים און פאַרדריסט...

ער דאַרף זײַן דער אָריענטירער,
וועגן פראַגן פון דעם טאָג,
ער דאַרף קליין מאַכן די פאַקטן,
אָדער צוגעבן זיי וואָג...

ער דאַרף מאַכן אַנאַליזן
און געפינען דעם דיאַגנאָז;
ער דאַרף צערטלען שיינע בלומען
און צעטרעטןווילדע גראָז...

ער דאַרף יענעם מאַכן טראַכטן
וועגן ווײַטן שיינעם ציל,
און ער דאַרף עס מאַכן קונציק
ווי עס וואָלט געווען אַ שפּיל...

ער דאַרף נעמען די פּראָבלעמען
אויף דעם סדר פון דעם יום,
ער דאַרף קענען שפּאַנען זיכער
אינדערהויך, איבער אַ תהום...

ער דאַרף קענען יענעם וועקן,
מוטיקן דעם לייענערס גײַסט;
ער דאַרף קענען יענעם שטראָפן,
אָדער ברענגען אים אַ טרייסט...

ער דאַרף קוקן פון דער נאָענט
נעבן זיך דעם רינגאַרום,
שרײַען — היט אײַך! דאָ אַ דאָרן,
דאָרטן זעט איר, וואַקסט אַ בלום.

און ער מוז זען פונוויטן,
ביז אַהין אין ווײַטער ווײַט,
נאָענט מאַכן די דיסטאַנצן,
סײַ פון רוים און סײַ פון צײַט!... — — — —
— — — — — — — — — — — — —

(„די יידישע צייטונג" 1948 — 20-2)

נישט מייאש זיין...

ר' נחמן בראצלאווער האָט געהייסן
נישט מייאש זײַן,
כאָטש דער ווייטיק איז אַ טיפער
און עס נאָגט די פּײַן.

נעמט אַרום זיך פעסט און פעסטער
צו דעם גרויסן קאראהאָד
און פאַרלאָזט אײַך נישט אויף מענטשן
נאָר אויף אונדזער גרויסן גאָט!...

נישט פאַרלאָזט אײַך אויף די פעלקער,
געצן־דינער זענען זיי;
נ אַ פ ט איז היינט דער גאָט פון פעלקער,
דינט מען אים מיט חזירײַ...

נ אַ פ ט איז טײַערער פון מענטשן,
נעמט עס אײַך אינזינען, גוט,
נאַפט איז געטלעך, נאַפט איז מעכטיק,
נאַפט איז טײַערער פון בלוט...

וואָס מיר דאָרטן די באַשלוסן
פון אַ וועלט וואָס רופט זיך „א ו נ"?
ניי־יאָרקער ניזווי־אַנציקסטער נאָוועמבער? — — —
ווען אַ ב ע ו ו י ן לאַכט דערפון...

(„די יידישע צייטונג" 1948 — 27-2)

„גענאָסיד"

פאַר דערהרגענען אַ מענטשן,
איז פאַראַנען אַ געזעץ;
אַ קאָדעקס מיט פּאַראַגראַפן,
פּאָליציי אַ גאַנצע נעץ.

נאָר פאַר טויטן גאַנצע פעלקער,
נישט פאַראַן איז נאָך קיין דין,
נישט געווען נאָך אין געשיכטע
אַזאַ טיפּ פון היטלער־מין...

זוכן ריכטער אין קאָדעקסן
שטראָפן פאַר אַ פעלקער־מאָרד,
נאָר זיי קענען נישט געפינען
וועגן דעם קיין איינציק וואָרט...

איז אין „אונ" פאַראַן אַ דאָקטאָר,
אַ יוריסט, דערצו אַ ייִד,
און ער האָט דאָס וואָרט געפונען,
— פעלקער־מאָרד, איז — גענאָסיד!...

(„די יידישע צייטונג" 1948 — 16-4)

צום קאַמף!

די וועלט איז היינט קראַנק, מיט אַ קראַנקער פּאָליטיק,
וואָס וואַרפט זיך אין ביטערע קרעמפן,
און איטלעכעס פאָלק פאַר זיין פרייהייט און לאַנד,
מוז קעמפן, מוז קעמפן, מוז קעמפן!

טאָ מוז אויך דער ייִד היינט אין בלוטיקער שעה
פאַרגעסן אָן גאָלדענעם עגל
און קעמפן פאַר לאַנד און פאַר כבוד פון פאָלק,
מיט ביקס און מיט ציין און מיט נעגל!

און מעגן די שונאים זיך שאַרפן די ציין
און חיה'ש אַקעגן אונדז ברומען,
מיר מוזן פון קאַמף איצט אַלס זיגער אַרויס,
דער גרויסער מאָמענט איז געקומען!...

און קאָנט איר צום פראָנט מיט דער ביקס נישט דערגייען,
טאָ קעמפט דורך די אַנדערע וועגן,
דורך שיקן אַלס הילף פאַר דעם יידישן העלד,
כאָטש טיילן פון אייער פאַרמעגן!...

(„די יידישע צייטונג" — 1948 — 7-5)

בני חורין

מיר זענען אַ פאָלק שוין, מיר זענען בני־חורין,
און קלערט נישט, אַז דאָס איז קאַטאַוועס;
מיר זענען באַפרייט שוין אין ארץ ישראל,
אין לאַנד פון די הייליקע אבות!...

דער שופר וועט שאַלן אין ארץ ישראל
און וועלט וועט די שאַלונג דערהערן
און ס'וועלן זיך לענדער און פעלקער פאַרשעמען
און מער שוין נישט וואַגן צו שטערן! — —

דעם יידישן אויפבוי אויף אייגענעם באָדן —
דאָס שאַלן וועט מאַכן אַ רושם
און וועקן רעספּעקט ביי דער וועלט צו אונדז יידן,
צו אונדזערע העלדן — קדושים!...

און זאָל דאָרטן בעווין זיך טראַכטן נאָך פּלענער
צו שטערן דעם ייד מיט זיין שנאה,
עס וועט פּראָקלאַמירט זיין דאָרט מאָרגן אין ארץ,
— אַ יידישע פרייע מדינה!...

(„די יידישע צייטונג" — 14-5-48)

„אַחת־שתים!"

— „אחת, שתים! אחת, שתים!" —
אויף ישראלס האָריזאָנטן
וואַכן יידישע סאָלדאַטן
גרייט צום קאַמף אויף אַלע פראָנטן.

— „אחת שתים!" — עס גייט דער מאַרש
אונטער ריטמיש־פעסטע קלאַנגען,
אַט אַזוי מאַרשירן העלדן
אונטער קלאַנג פון פרייד־געזאַנגען!

„אחת! שתים! אחת, שתים!" —
ווען עס זאָל דאָס לעבן קאָסטן,
וואַכט דער העלד דער יידישער אַליין
אומדערשראָקן אויף זיין פּאָסטן!...

„אחת, שתים!" — אַ באָמבע פּלאַצט און
אונדזער העלד ווערט נישט נתפּעל,
העלדיש היט ער אָפּ די פראָנטן
פון זיין הייליק לאַנד ישראל!...

(„די יידישע צייטונג", 1948 — 28-5)

אַנסיון

ווידער שלאָגט מען אונדזער האָפנונג,
בייזע ווינטן ווידער וואָיען,
ווידער מאַכט אונדז די פּאָליטיק
איבערלעבן אַ נסיון...

בערנאַדאָט, דער „און"־שליח,
ווי ער וואָלט געוואָלט זיך שפּילן,
גיסנדיק כסדר וואַסער
אויף די ווייסטע שונאימס מילן...

ווידער שפּאַנען זיך די נערוון,
ווידער קלאַפּט דאָס האַרץ און ציטערט,
זאָל נאָר אונדזער מוט און כוח
נישט חלילה זיין צעשפּליטערט...

זיכער איז עס אַ נסיון,
אפשר טאַקע שוין דער לעצטער,
טאָר ער נישט פאַר אונדז אַריבער
גלאַט אַזוי, אַ גרינג־געשעצטער...

טויזנט אויגן דאַרפֿן וואַכן,
רואיק דאַרפֿן זײַן געמיטער,
נישט פאַרלאָזן זיך אויף נסים,
בלויז אויף גאָט, ישראלס היטער...————

(„די יידישע צייטונג"), 1948 — 2-7)

יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע
(פראַגמענטן)

גרויסע שטרעקעס פעלדער וויסטע,
ווילד פאַרוואָקסענע מיט קיסטן
זענען דאָ באַלעבט געוואָרן
פון די ערשטע קאָלאָניסטן,

וואָס געקומען פון אייראָפּע,
פון דעם צאַרס תהום המושבים
און געוואָרן אויף די פעלדער
אַרגענטינעס פעסטע תושבים;

ליב געהאַט דאָס פעלד, די גראָזן,
זיך געשפּאַנט אַליין אין אַקער
און געשלעפּט דעם יאָך מיט ליבע,
מיט אַ הייליק זיסן פלאַטער...

מאָזעסוויל און ענטרע־ריאָס,
בערנאַסקאָני און ריוועראַ,
פאַר דעם ייִד האָט אָנגעהויבן
אויפגיין דאָ אַ נײַע עראַ——

שווער די אַרבעט, פרײַ דאָס לעבן!
מיט דעם שווייס מען אַקערט פעלדער;
עמיץ פלאַנצט שוין ערגיץביימלעך,
אויסוואַקסן עס וועלן וועלדער...

און אַט הובעלט מען שוין ברעטער,
און עס אַרבעט זיך און ראַיעט,
און אַ שיל און תלמיד־תורה
ווערט דאָס ערשטע אויפגעבויעט...

און מען אַרבעט, און מען לערנט
און די וועלט איז דעמלט מודה:
— אויף די פעלדער אַרגענטינעס,
הערשט היינט תורה מיט עבודה!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואַקסן קינדער, זוכט מען תכלית,
קינדער זאָלן ווערן לייט,
שיקט מען זיי אין שטאָט שטודירן————
ס׳גייט אויף וועלט אַ נייע צייט...

וואַקסט אַרויס אַ גערשונאָוו
און דיקמאַן ווערט אַ דעפּוטאַט,
יידן געבן שוין צושטייער
פאַר דעם לאַנד מיט כלל און פרט...

שפּעטער קומען נייע יידן,
ווער אויף קאַמפּ און ווער אין שטאָט,
אָן אַ שפּראַך און אָן באַקאַנטשאַפט,
נאָר מיט האָפענונג צו גאָט,

אַז מיט שווערער מי און אַרבעט
וועט מען קומען צו אַ טאָלק
און פאַרגרעסערט מיט געטריע
בירגער, ווערט דאָס היגע פאָלק...

נאָדל־פאַבליט — נייען הויזנס,
סטאָליערס גלאַנצן אויס אַ שאַנק
און ביינאַכט — עס ווערן קרייזלעך,
וווּ מען שלייפט אויף דעם געדאַנק

און מיט שווערער האָרעוואַניע
בויט דער ייִד אַן אינדוסטרי
און געשעפטן וואַקסן אויסעט,
וואָס אַנטוויקלען זיך דורך מי...

און אַ צײַטונג װערט געבױרן,
װעלכע װײַזט דעם ייִד אַ װעג
און מיט אַרבעט און מיט שאַפן,
גײען אָפּ און קומען טעג... — — — —
(„די ייִדישע צײַטונג" 1948 — 9-7)

בערנאַרדאָט

איך האָב נישט געמאַכט קײן טעות,
אָט, מיט מיסטער בערנאַדאָט,
נאָך מיט װאָכן צוריק באַצײכנט
האָב איך אים מיט שאַנד און שפּאָט;
שױן בײם ערשטן אױפטריט זײַנעם,
האָט זיך עפּעס באַלד דערשפּירט
און עס האָט נישט לאַנג גענומען,
ביז מען האָט אים דעמאַסקירט...

הערט אַ דרײען, הערט אַ קװעטשן,
זעט אַ גענגל הין און צוריק,
ממש בעװין אױסן אױגל,
נו, דער אמתער אַנטיק...
נישט ער צײלט זיך מיט באַשלוסן,
נישט ער נעמט אין אַכט די „אונ";
יאָ-צעטײלונג, נישט-צעטײלונג,
גאָרנישט מאַכט ער זיך דערפון...

ער האָט אײגענע פּאָליטיק
און ער שפּילט זײַן טרפה שפּיל,
אַלעם פּונקטלעך אױסגערעכנט,
גאַנץ גענױ װי בעװין װיל...
הערט אַ חוצפּהדיקן פאָרשלאַג,
מאַכט פאַר אים אַ פּלעביסציט!...
פרעגן זאָל מען די אַראַבער
צי זײ האָבן ליב דעם ייִד...

פרעגן זאָל מען ביי דעם מ ו פ ט י
צי ער וויל אַ יידיש לאַנד...
און מען הערט זיך צו צום פאָרשלאַג
און מען ווערט נישט רויט פון שאַנד...——

(„די יידישע צייטונג" 1948 — 16-7)

שולן פאַר אַראַבער

ס'איז פון אַלעמאָל געווען
ביי דעם ייד דער שענסטער חלום,
ער זאָל קאָנען רואיק לעבן
אין אַן אַטמאָספער פון שלום;
און אפילו איצטער, זעט נאָר,
ס'איז דאָך ווונדער איבער ווונדער,
טראַכט ישראל צו פאַרזאָרגן
ש ו ל ן פאַר אַראַבערס קינדער!

א י צ ט ע ר, ווען דער שונא לויערט
זאָרגט ישראל צו באַשטאַטן
די פאַרבליבענע אַראַבער
מיט אַ היים און מיט וואַרשטאַטן
און זייט זיכער, די אַראַבער
וועלן קאָנען לעבן בעסער,
זייער ווילשטאַנד אין ישראל
וואַקסן וועט און ווערן גרעסער,

בעסער ווי ביי די עפענדים
ביי די מופטים און אַבדוליעס,
ווו זיי מוזן נעבעך שקלאַפן
און עס גייט זיי ווי אויף קוליעס...
און דעריבער שרעקן טאַקע
די פאַשאַס און די עפענדים,
די אַראַבער זאָלן זען די
נאַרישקייטן פון לעגענדעס.

אַז נאָר זיי זענען געזאַלבטע,
און פון גאָט — געקרוינטע האַרץ,
וועלכע היטן אָפּ די סטאַדע
פון די דראָענדע געפאַרן...

(„די יידישע צייטונג", 1948 — 23-7)

היימישע ענינים:

איך האָב היינט באַשלאָסן אַביסל זיך נעמען
צו היימישע נאָנטע ענינים;
אַ קוק טון אַביסל אין אייגענעם שפּיגל,
באַטראַכטן דאָס אייגענע פּנים...

מיר לעבן דאָך עפּעס, מיר שטרעבן דאָך עפּעס,
מיר זענען דאָך דאָ אַ ק ה ל ה,
מען ר ע כ נ ט זיך איצט שוין מיט אונדזער געזעלשאַפט
אין אויסלאַנד און ווייטן אפילו...

ווילאַנג דען אינגאַנצן, מען האָט איגנאָרירט אונדז
און איטלעכער פלוני־בן־פלוני
געשריבן האָט מעשׂות פון שווינדער און שרעקן
אויף יידן וואָס לעבן אין „בוינע"?...

ווילאַנג דען אינגאַנצן, ווען מאַנכע ש ל י ח י ם
און „ס ט אַ ר ע ל ע ך" נאָרד־אַמעריקאַנער,
האָבן געוויצלט, געמאַכט פון אונדז חוזק,
געהאַלטן אונדז פאַר אינדיאַנער?

און היינט, זעט אַ וווּנדער, מען ציילט זיך מיט אונדז שוין
און נישט נאָר מיט אונזער מ ט ב ע,
מען וויזט שוין באַציאונג, מיט אַלטע ישובים
מען שטעלט אונז שוין גלייך אין דער רייע...

און ק יי נ ע ר פונדרויסן האָט אונדז נישט געהאָלפן
מען האָט נישט געוואָלט אין אונדז גלויבן,
ביז מיר אַליין האָבן מיט טאַטן באַוויזן
דעם ישוב פאַר וועלט צו דערהויבן!

מיט שוואַכינקע מיטלען און טוער געציילטע,
געבויט האָט זיך אונזער געזעלשאַפט;
געקומענע „גרינע" מיט יידיש אין האַרצן,
געמונטערט זיי האָבן די „ג ע ל ש אַ פ ט"...

געקומען פון לענדער. פּאָגראָמען, רדיפות,
אַנטלאָפן פון היימישע שונאים,
און דאָ — זיך פאַראייניקט אין גרופּעס אין קליינע
און האָבן געבויט דאָ בנינים...

געבויט דאָ בנינים צוערשט פאַר געזעלשאַפט.
ווי שולן, שפּיטאָל, ביקור חולים,
— אַ ייִד אָן אַ שיל, אָן אַ חברה קדישא;
עס כאַפּט ממש אָן דאָך אַ גרויל אים...

און שפּעטער, די בענק און די קאָאָפּעראַטיוועס,
מען דאַרף דאָך פ ר נ ס ה באַזאָרגן,
געבויט זיך אַ ישוב אין היימען אין נייע,
טאָ מוז מען דאָך טראַכטן פון מאָרגן!..

און טראַכט מען פון מאָרגן, טאָ מוז מען געדענקען,
עס וואַקסן דאָך אונדזערע קינדער ———
און ס'שאַפן זיך שולן, אַ ו ע ד ה ח י נ ו ך,
מען בויט שוין בנינים דורך ווונדער!..

און גאָט האָט געהאָלפן, עס האָבן זיך ייִדן
„ד אָ ר אָ ב י ע ט" צו היפּשע פאַרמעגנס,
דאָך זענען די הערצער געבליבן נאָך אָ פ ן,
מען האַלט עס נישט קאַרג, ווי אַן אייגנס...

מען גיט און מען טיילט אויף פאַרשידענע צוועקן
און יידיש איז האַרץ און נשמה,
מען קומט און מען לעבט און מען שטרעבט אין געזעלשאַפט,
פ אַ ר ד אָ, און פאַר ק י ו ם ה א ו מ ה!...

(„די יידישע צייטונג — 1948 — 30-7)

„פאָקער"

...שבת גייט די פּרשה „פאָקער",
ס'פּאַסט זיך פּאַר אַ לייַטיש הויז;
ווילט זיך דיר אַמאָל נישט שפּילן,
לאַכן דייַנע פרייַנט דיך אויס...
אָט אַזוי, פאַרגייען וואָכן,
נישט מען זעט און נישט מען הערט,
גלאַט אַ לעבן אָ פּ צ ו ש ט ו פּ ן..————
שוין מסתם אַזוי באַשערט...
(„די יידישע צייטונג 13-11-48)

יידישע שולן

די קינדערלעך גייען אין יידישע שולן
געזונט נאָר אין זייערע ביינדלעך,
הערט כאָטש אַ רעדן בייַם קינדערשן שפּילן;
צי האָט עס נישט טויזנטער חנדלעך?...

— „איינס" איז „אונאָ" צוויי איז „דאָס",
שפּילן קינדער זיך אין גראָז...

„טרעס" איז דרייַ און „קואַטראָ" —פיר, —
מאַכן קינדער אַ שפּאַציר...

„סינקאָ" — פינף און זעקס איז „סעיס" —
מיט אַ טיכלווישט מען שווייס...

„סיעטע" — זיבן, „אָטשאָ" — אַכט.
האָטזשע מיר אַ גוטע נאַכט.

„נועווע" — נייַן און „דיעז" איז צען,
דאַרפן קינדער שלאָפן גיין!...

אזוי האָבן קינדער פון יידישע שולן
גערעדט און געציילט און געשפּילט זיך,
און מאַמעס — זיי זענען געשטאַנען דערנעבן,
און גליקלעך זיי האָבן געפילט זיך...

ב ע ר ל — בערנאַרדאָ און פ י נ ע — פעדריטאָ,
מיט טויזנטער יידישע חנדלעך;
שרה, — סאַריטאַ, און ח נ ה — כואַניטאַ,
געזונט אייך אין אייערע ביינדלעך!...
(„די יידישע צייטונג" — 1948 — 10-9)

ב ט ח ו ן...

...עס גייען די טעג און עס לויפן די וואָכן
מיר לעבן נאָך אַלץ ווי אין חלום,
אין גאָלדענעם חלום מיט גרויסן ב ט ח ו ן,
אַז קומען וועט פאַרט צו אַ שלום!
עס וועלן די העצערס, די מופתים און בעווינס
באַקומען שוין זייערע בראָכן,
און אונדזער ישראל וועט ענדלעך דערגרייכן
אַ ש ל ו ם, דורך פ ו ל ן נ צ ח ו ן!...
(„די יידישע צייטונג" — 1948-13-11)

אַ דאַטע צום געדענקען

ניין און צוואַנציקסטער נאָוועמבער,
יאָ, דער טאָג פאַרדינט אַ שבח,
ער האָט אונדז אַרויסגעפירט אַלם
יידיש פאָלק אויף ברייטן שליאַך!...
(„די יידישע צייטונג" 48—12—3)

„נ ס ג ד ו ל..."

— — — „נס גדול היה שם"... מעג די וועלט זיך זיין אַ סדום,
מעגן קלינגן זיך די שונאים — נס גדול היה שם!...

אין די טיפסטע פּיין און ליידן, זינגט דער ייד זיך טשיריבאָם,
ער געדענקט און האָט בטחון: — נס גדול היה שם!...

ייִד גייט אָן מיט זײַן געשיכטע, זאָגנדיק זײַן היום־יום,
און געשיכטע ווידערהאָלט זיך, — נס גדול היה שם...

אָנגעזאָפּט מיט גלות־לײַדן האָט דער ייִד זיך ווי אַ שוואָם,
נאָר בטחון, נישט פאַרלוירן: — נס גדול היה שם!...

מעג הײַנט בעווין אינטריגירן, ער האָט דאָך אויף דעם דיפּלאָם;
לאַכט ישראל פון זײַן רשעות, — נס גדול היה שם!...

האָט ישראל זיך דערהויבן פון זײַן טיפן גלות־תהום,
וועט עס קעמפן ביז צום זיגן: — נס גדול היה שם!...

(„די יידישע ציטונג" — 1948—12—31)

בעווין — אַ בעל תשובה...

...ווי געפעלט אײַך דער בעל־תשובה?
זײַט איר כאָטש אויף אים אַ מבין,
זעט איר ווי עס קערט דאָרט איבער
ס'פעלצל הײַנט, דער מיסטער בעווין?...

הערט איר כאָטש די נײַע ווערטער
פון דעם נעכטיקן ערשט שונא?
ווי ער בעט זיך ממש רחמים,
ווי אַ שוואַכער „שמויגער־יונה"?...

נעכטן ערשט געווען א תקיף
און געסטראַשעט מיט מלחמה,
הײַנט איז פּלוצלינג ער געוואָרן
אַזאַ גוטינקע נשמה...

נעכטן ערשט געשיקט אַוויאָנען,
כלומרשט אויף צו נעמען בילדער,
נעכטן ערשט געקריצט מיט ציינער
און געווען ווילד און ווילדער...

נעכטן ערשט געהעצט עגיפּטער
און געשמייכלט צו לבנון,
נעכטן ערשט געווען ביידע,
„עמוד אש" און — „עמוד ענן"!...

נעכטן ערשט אַבדולאַס ברודער,
מיט דער „ליגע" איין משפּחה,
נעכטן ערשט געבענטשט דעם מופטי,
מיט זײַן בעווינישע ברכה...

נעכטן ערשט פֿאַרשפּאַרט געהאַלטן
פּערצן טויזנט יונגע ייִדן,
אינטערנירטע דאָרט אין ציפּער,
כלומרשט אַלץ „צוליב דעם פֿרידן"...

נעכטן ערשט געמאַכט אינטריגעס,
וועגן „איינפֿלוס" פֿון סאָוועטן",
קערט ער איבער הײַנט דאָס פּעלצל
און ער נעמט דעם ייִד גאָר גלעטן...

און ער מאָנט שוין נישט דעם שאָדן,
פֿון די צענדליגער מיליאָנען
פֿאַר די פּינק פֿון זײַנע פּײַנע
איצט צעשמעטערטע אַוויאָנען...

און ער גייט שוין גאָר באַפֿרײַען
דאָרט פֿון ציפּערן די ייִדן...———
זעט, אַ צדיק איז געוואָרן
פֿון דעם נעכטיקן פֿערפֿידן...

און ער גייט גאָר איצט נאָך ווײַטער —
אַנערקענונג פֿאַר ישראל!
זאָגט, צי זײַט איר פֿון דעם אַלעם
נישט אַ קאַפּיטשקע נתפּעל?...

נעכטן ערשט פֿאַר אונדז געוועזן
נומער איינס, דער גרעסטער שונא,
הײַנט — אַ צדיק, אַ בעל־תשובה,
בויגט זיך ווי אַ שמויגער־יונה...

ווי געפֿעלט אײַך דער בעל־תשובה?
זײַט איר כאָטש אויף אים אַ מבין?
זעט איר ווי עס קערט דאָרט איבער
ס'פּעלצל הײַנט דער מיסטער בעווין?

גלויבט איר אַז ער האָט גאָר פּלוצלינג
אַזוי ליב באַקומען יידן?
האָט איר כאַטש אַ ברעקל צוטרוי
צו דעם שלויען און פערפידן?...

ניין, ער טוט עס נישט פון ליבע,
גיכער טוט ער עס פון מורא,
זײַן אַן אויסערן־מיניסטער
איז פאַר אים אַ גוטע סחורה...

איז ער היינט שוין גרייט אויף אַלעם,
און ער גיט זיך נישט קיין קווענקל,
צו דערהאַלטן זײַן מערכה
אום צו בלײַבן אויף זײַן בענקל!...

ער האָט זיך געכאַפּט באַצײַטנס (?)
אַז דאָס שפּיל איז דאָרט פאַרלוירן,
רעדט ער איצטער פון אַראַבער
ווי פון שרעקעוודיקע טכוירן...

און ער וויל אַריבערשפּרינגען
אויף דער צווייטער זײַט פון פּאַרקן,
אויב אַראַבער זענען שוואַכע,
וויל ער שמייכלען איצט צום שטאַרקן... — — —

(„די יידישע צייטונג" — 21-1-1949)

ירושלים ד'אַרגענטינע...

אַנדערש איז שוין היינט אַביסל
ווו מען גיט זיך נאָר אַ קער
און אַפילו אויך די „יק"אַ"
אויך די „יק"אַ" שווײַגט נישט מער...

נאָמבערג האָט געמאַכט זי רעדן,
אויב איר גיט זיך אַ דערמאָן,
און זי קאַרגט שוין נישט מיט ווערטער
און זי ענטפערט שוין זײַט דאַן...

יאָ, זי ענטפערט שוין מיט ווערטער,
ווערטער פייַן־געטאָקט און גלאַט,
נאָר עס פעלן איר די מעשים,
יאָ, עס פעלט איר נאָר די ט אַ ט ...

מ אָ ז ע ס װ י ל איז הײַנט אַ נצרך;
מאָזעסוויל, זי צאַנקט און ליַידט,
מ אָ ז ע ס װ י ל איז אונדזער שײַנדל
פאַר דער נאָנט און פאַר דער וויַיט...

מאָזעסווילער קאָלאָניסטן
לאָזן הערן זייער רוף:
— העלפט אונדז, אַז מיר זאָלן קענען
ר אַ ט ע װ ע ן דאָ אונדזער גוף,

נישט נאָר גוף, נאָר אויך נשמה,
ווייל מיר ליבן אונדזער פעלד,
דאָ איז אונדזער ירושלים,
דאָ איז אונדזער גאַנצע וועלט!...

דאָ, אין פעלד, ליגט אונדזער פראַצע,
פון אַזויפיל שווערע יאָר,
ערד־אַרבעט איז אונדזער חלום,
וואָס געוואָרן איז דאָ וואָר!...

— — — — — — — — — — — —

ווייל איך האָפן אַז די „יק"אַ"
שרייַבן וועט אַ נייַע בלאַט
הײַנט פאַר מאָזעסווילס געשיכטע,
— נישט מיט ווערטער — נאָר מיט טאַט!...

און אויפסניַי עס וועט צעבליען
מאָזעסוויל זיך ווי אַ בלום,
— „ירושלים - ד'אַרגענטינע"
ווייַטער זייַן וועט אונדזער רום!...

(„די יידישע צייטונג" — 4-2-1949)

אוים וואַקאַציעס:

מען עפנט געשעפטן, עס רוישט די פֿאַבריק שוין,
דער וועב־שטול, ער וואַרפֿט שוין די שפּולן;
און ס'יידישע קינד־לעב אין ווייסינקן פֿאַרטוך
עס גרייט זיך שוין גיין אין די שולן.
פֿאַרמיטיק אין שפּאַניש, נאָכמיטיק אין יידיש,
עס וואַקסט אונדזער קינד דאָ אין ביידע;
עס לערנט די לאַנד־שפּראַך און לערנט אויך ליבן
די שפּראַך פֿון זיין באָבע און זיידע!...

ווי זענען זיי?

זאָגט מיר, כ'בעט אייך, איז עס אמת?
זאָגט און גאַראַנטירט עס מיר,
צי מען האָט די בעסטע שרייבער
אַרעסטירט און — קיין סיביר!...

בערגלסאָן און אויך דער נסתר,
קוויטקאָ אויך און בראָדערזאָן, —
אַרעסטירט? טאָ זאָגט מיר וואָס זיי
האָבן דאָרט אַזוינס געטאָן?...

נעכטן ערשט געזונגען שורה
צום רעזשים פֿון ראַטנלאַנד,
ווער האָט דאָרט געוואַגט צו הויבן
קעגן זיי די בייזע האַנט?...

זאָגט מיר, כ'בעט אייך, איז עס אמת?
אפשר איז עס אויסגעטראַכט?
ווערן דאָך די לעצטע צייט אַזעלכע
זאַכן אָפט געמאַכט?...

וויפֿל האָבן מיר דאָרט שרייבער?
נעמט מען גלאַט פֿון שענסט און בעסט
און ווי פּשוטע פֿאַרברעכער
שיקט מען זיי גלאַט אין אַרעסט? ———

(„די אידישע צייטונג" — 6-5-1949)

ד״ר יעקב שאַצקי

——— דר. שאַצקי האַלט אין געבן
רעפעראַטן פאַר אונדז שיינע,
פרעכטיק איז געווען זײַן לעקציע
וועגן גרויסן היינריך היינע

און דער עולם קומט אים הערן
און דער עולם איז באַגײַסטערט
פון דעם וואָרט פון דר. שאַצקי
וואָס איז קינסטלעריש באַמײַסטערט,

און איך וואָלט געוואָלט אַז שאַצקי
זאָל אַ לעקציע אויך געבן
אין ניו־יאָרק, אין אַ טעאַטער —
וועגן היגן יידישן לעבן...

און ער זאָל דאָרט רעדן יידיש,
מיט דעם ערנסט, מיט דעם שמייכל,
מיט דעם משל, מיט דעם אויפקלער,
מיט דעם מסביר זײַן דעם שכל...

יאָ, ער קאָן דאָרט געבן לעקציעס,
קיינער וועט אין דעם נישט שטערן,
ס׳איז אַ פראַגע בלויז צי וועט אים
דאָרטן עמיץ קומען הערן...

ווייַנע יידן דאָרט אין ניו־יאָרק,
נאָר פון יידיש, אָפּגעפרעמדט שוין;
„וואָק״ איז גיי און „וואָטש״ איז זע און
אָט דאָס יידיש דאָרטן שמ׳ט שוין...

שטול איז „טשער״ און „סטריט״ איז גאַס און
אויף אַ בריוו מען זאָגט דאָרט — „לעטער״,
דאָס אַ הערט איר אין טעאַטער,
דאָס אַ לייענט איר אין די בלעטער...

זאָגט: — „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם",
זאָגט, נאָר איך, נו יאָ, איך פריי זיך
וואָס איך בין דאָ צעווישן יידן
ווו איך גיב זיך נאָר אַ דריי זיך.

הער איך אונדזער מאַמע־לשון
פול מיט זאַפט, מיט טויזנט חנען,
און עס איז דאָך אַ מחיה
דאָ אַ צײַטונג דורכצולייענען! . . . — — — —
(„די יידישע צייטונג" — 17-6-1949)

אַטאָמישע באָמבעס

מזל־טוב! אוי מזל־טוב! מיט מזל זאָלט איר לעבן!
עס האָט דעם סוד סאָוועטן־לאַנד אַליין שוין אויסגעגעבן!

אַמעריקע, וואָס גרויסט זיך אַלץ — זי האָט אַליין די באָמבע,
נו, ווייסט מען שוין, סאָוועטן־לאַנד האָט אויך די זעלבע באָמבע!

שוין נישטאָ קיין איבערהאַנט, קיין שטאַרקער און קיין שוואַכער
קאָרטן ווערן אויפגעדעקט און אויס מיט שאַכער־מאַכער . . .

אויב דו האָסט אַטאָמען דאָרט, נו, האָבן מיר זיי אויכעט,
הייסט די מאָדע קוילן זיך, מוז יעדער זײַן אַ שוחט . . .

גרייטן זיך די שוחטים שוין זיי שלייפן די חלפים,
מען גרייט שוין אויך די פעלקער צו, צו ווערן באַלד נשרפים . . .

רוסלאַנד האָט שוין אויסגעפּרוּווט, אַ באָבמע פון אַטאָמען,
די באָמבעס וועלן וואַקסן שוין ווי נאָך אַ רעגן — שוואָמען! . . .

און ס'גרייטן זיך גיגאַנטן צוויי, צום גרויסן שפּיל מיט פײַער,
און זיכער איז אַז אָט דער שפּיל וועט ביידע קאָסטן טײַער . . .

און אויסער זיי — די גאַנצע וועלט וועט אונטער פײַער־כוואַליע,
פאַרגלען זיך און בראָטן זיך און גיין אין כף הקלע! . . .
(„די יידישע צייטונג" — 29-7-1949)

מיר, די געפּרווטע...

— — — אַ וואָך פון דערהויבונג, אַ וואָך פון עמאָציע,
אַ וואָך פול מיט נחת און פרייד;
די וואָך איז געווען, מיר האָבן געפילט ווי
עס שמידט זיך די גאָלדענע קייט —

פון עבר ביז איצטער, און איצט — פאַרן עתיד,
זי שמידט זיך אַ רינג נאָך אַ רינג,
די שמידער ביי יידן, זיי זענען געניטע,
פון אייביקע צייטן — און פלינק!

מיר האָבן דאָס פאַך לאַנגע יאָרן געלערנט
און רבי־געלט קאָסט עס אונדז פיל,
אין הייסעסטן פייער מיר האָבן געשמידעט
מיט גלויבן אין זיכערן ציל...

אויף אויטאָ־דאַ־פעס און פּאָגראָמען, נגישות,
און לעצטנס, אין בעדער פון גאַז
און מ׳האָבן די פייערן אונדז נישט פאַרניכטעט
און נישט אונדזער נאַציע און דת...

מיר האָבן געשמידט אין די ביטערסטע צייטן
און פיל מאָל געשמידט אָן אַ מאָלק,
בלויז אין הינטערגאַוועסטזיין געווען איז דער גלויבן:
— מיר וועלן נאָך ווערן אַ פאָלק!...

און אָט איז געקומען געגאַרטע גאולה
כאָטש שווער איז געווען דער קאַמף,
און איצט ווערט געבויעט, עס קלאַפּט די מאַשין דאָרט,
מיר דאַרפן נאָר שיקן דאָרט דאַמף!

מיר זענען דערהויבן, מיר האָבן עמאָציעס,
די וועלט האָט אונדז פאָרט אַנערקענט;
נו, דאַרף מען געדענקען, אַז שמידן און בויען,
מען קאָן נישט מיט ליידיקע הענט...

:עבעסערט די לאַגע איז דאָרט אויף די פראָנטן
די וואפן געמאַכט האָט מען שטיל,
און איצט איז דאָס בויען די וויכטיקסטע לאָזונג
וואָס פירט אונדז צום ליכטיקן ציל!

טאָ קאַרג נישט דײַן חלק צו זײַן דאָרט אַ שותף,
און ציטערן לאָז נישט דײַן האַנט,
ווען ס׳ווערט דאָרט געבויעט און ס׳ווערט דאָרט באַפעסטיקט
אויף אייביקע צײַטן דײַן לאַנד!...

(„די יידישע צייטונג" — 5-8-1949)

זעכציק יאָר ישוב־אַרגענטינע

ווייניק האָט מען דאָ געשריבן
וועגן יובליי פון ישוב;
קאַרג געוואָרן זענען פּלוצלינג
היגע שרײַבער ווי דורך כשוף...

אַזאַ יובליי באַשרײַבן
און רעאַל אים קאָמענטירן,
איז דאָך גאָר אַ גוטע טעמע,
וואָס כדאַי איז צו באַרירן...

זעכציק יאָר פון אונדזער ישוב,
ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן,
גיט דאָך שטאָף צו קריטיקירן
און עס גיט אויך שטאָף צום לויבן..

אַכצנהונדערט נײַנאונאַכציק
איז געוועזן דער בראשית,
טרוקן ברויט און שווערע אַרבעט,
ווער האָט דאַן געוווּסט וואָס פלייש איז?

אָנגעהויבן אויף די פעלדער
ווילד־באַוואַקסענע מיט גראָז,
נאָר קיין שוך געהאַט אפילו
ווען אַ ווינט האָט בייז געבלאָזן..

אָנגעהויבן ווי פּיאָנערן
מיטגעמאַכט געגוג סכנות,
און עס האָבן ביים ב ר א ש י ת
נישט געפעלט אויך קיין קרבנות...

מ ר ד כ י אַ ל פ ע ר ס אָ ן דערמאָנען
דאַרפן מיר היינט מיט אָוואַציע,
פאַר זיין בוך ווי ס'איז באַשריבן
דרייסיק יאָר קאָלאָניזאַציע;
נאָך די דרייסיק יאָר עס הויבט זיך
אָן דאָס אינטענסיווע לעבן
דאָ אין שטאָט און ס'וואַקסט דער ישוב
מיט געזעלשאַפטלעכן שטרעבן,

אַ שפּיטאָל, אַ ביקור חולים,
בית יתומים, בית יתומות,
און דאָס בויען שיינע שולן,
אָ, שוין לאַנג נישט מער קיין טרוים איז...
און די גרעסטע אינסטיטוציע,
חברה קדישא — לכתחילה,
האָט פאַמעלעך זיך פאַרוואַנדלט
אין אַ פּרעכטיקער קהלה...

זעכציק יאָר איז אונזער ישוב
שוין מיט מזל אַלט געוואָרן,
זאָל ער ווייטער בליען, וואַקסן,
נאָך אַ צווייטן שאָק מיט יאָרן!...

(„די יידישע צייטונג" — 19-8-1949)

מיר, געררדפטע...

— :אין די צייטונגען די נייעס, רייסן ממש אויף די אויגן
ערגיצוווּ איז גאָר אַ קעלבל איבער דעכער אומגעפלויגן...
און אַ קינד, נאָר־וואָס געבוירן, האָט שוין אָנגעהויבן ריידן,
און באַוויזן מערער חכמה פון זיין אַלטן קלוגן זיידן...

ערגיצוווּ ביי אַ פֿאַמיליע, האָט די פרוי געקויפט אַ פענדל,
און באַצאָלט דערפֿאַר אַ פֿעזע און באַקומען רעשט אַ רענדל...
ספירימיסטן זענען ענדלעך, בייגעשטאַנען אַלע נויטן,
און באַוויזן דורכצושמועסן זיך גאַנץ בולט מיט אַ טויטן...

און נאָך פיל אַזעלכע נייסן, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן,
נאָך דערצו מיט אילוסטראַציעס, וועלכע רייסן אויף די אויגן...
דאָס איז גוט פאַר אַלע מענטשן פון די פילע אומות־העולם,
פאַר מהון, וואָס וויל נישט טראַכטן, נאָר געדייעט ווי אַ גולם...

אָבער מ י ר, דער עם־הספר, מיר, דאָס עלצטע פאָלק פון ביכער,
מ י ר וואָס אונזער ז יי ן אין לעבן, איז נאָך אין דער
וועלט נישט זיכער
מיר, גערודפטע, געפלאָגטע, נאָך אַ גלות־לאַנגן וויינען,
דאַרפן וויסן וואָס צו שרייבן, דאַרפן קלויבן וואָס צו לייענען...

יעדעס קליינינקע נאָטיצל, וועגן אונזער ייִדיש לעבן,
יעדע נייעס פון ישראל, קאָן אונדז זיכער מערער געבן —
ווי די גרויסע צייטונגס־קאַטשקעס, מיט סענסאַציעס פול מיט בלאָפן
וואָס פאַרוויגן מיט חלומות אין אַ וואַכנדיקן שלאָפן...

אונדזער חוב היינט איז צו וועקן און אַליין געוועקט צו ווערן!
רופן הויך די הייסע לאָזונג און אַליין די לאָזונג הערן!
ייִד, דו ביסט באַפרייט געוואָרן, ווייזשע ווערט כאָטש די גאולה;
זאָל דיין שטיצע פאַר ישראל זיין פון האַרצן און אַ פולע!
(„די יידישע צייטונג" — 26-8-1949)

ס ט י מ ו ל:

פ ו פ צ י ק ב י כ ע ר שוין דערשינען
אין פאַרלאַג דאָ ביים פ אַ ר ב אַ נ ד!
נישט באַזינגען אָט דעם ציפער,
וואָלט געווען פאַר מיר אַ שאַנד!

זינג איך אויס צו די פ א ר ל ע ג ע ר
איצט מיין הייסן מ ז ל - ט ו ב! —
פ ו פ צ י ק ב י כ ע ר נ אָ ך ק ד ו ש י ם,
הייסט ב אַ צ אָ ל ט אַ ג ר ו י ס ן ח ו ב!

— — — — — — — — — — — —

(„די יידישע צייטונג" — 9-9-1949)

צו סליחות אין אַלטער היים

ווער געדענקט די אַלטע צײַטן,
דוכט זיך, גאָרנישט אַזוי אַלט;
הערבסט געווען אין אַלטע היימען,
די פֿאַרטאָגן נאַס און קאַלט.
און דאָס שטעטל, נאָך אין דרימל,
אײַנגעהילט אין שוואַרצער נאַכט,
ערגיץ אין אַן אָרים שטיבל
האָט אַ קינד אין שלאָף געלאַכט...

נאָר דער האָן ביים אַלטן קורניק
אויפֿן פּלויט דאָרט, נעבן ראָג,
האָט דערשפּירט דער סאַמע ערשטער
אַז עס קומט שוין דער פֿאַרטאָג
און ער האָט צעפּאַטשט די פֿליגל
— שוין גענוג געווען די רו
און ער האָט זיך הויך צעקרייעט
— קוקירוקו! קו־קי־ראָ־אָ־אָ!

אויסגעקרייעט זײַן גוטמאָרגן
ווײַזט זיך לעבן שוין אין גאַס,
ס'גייט דער אַלטער סליחות וועקער
און ער רופֿט שוין מיט זײַן באַס:
ייִדעלעך, שטייט אויף צו סליחות,
תשובה טוט אויף אײַערע זינד,
ס'איז פֿאַרטאָג די צײַט פֿון רחמים
ביי דעם פֿאָטער צו זײַן קינד!...—

און עס הויבט זיך אָן באַוועגן,
לאָדנס ווערן אויפֿגעמאַכט;
לעמפּלעך ווערן אָנגעצונדן,
ליכטיק ווערט גאָר אין דער נאַכט.
קינדערלעך, נאָך האַלב פֿאַרשלאָפֿן,
פּנימלעך — פֿאַרצערט און בלאַס,
כאַפּן זיך אַרויס די ערשטע
און זיי לויפֿן שוין אין גאַס ———

צו דעם קול פון סליחות־וועקער
און זיי בילדן איצט זײַן כאָר:
— ייִדעלעך, שטייט אויף צו סליחות,
תשובה טוט צום נײַעם יאָר!...
און דער אַלטער סליחות־וועקער
פּירט די קינדער היץ און הער,
אין זײַן רעכטער האַנט — אַ שטעקן,
אין דער לינקער — אַ לאַמטער.

און ער קוקט אויף אַלע זײַטן,
ווי אַ לאָדן נאָר פֿאַרמאַכט,
גיט אַ זעץ ער מיטן שטעקן,
ווי אַ באָמבע וואָלט געקראַכט...
ייִדעלעך, שטייט אויף צו סליחות!
און די קינדער, הויך אין כאָר:
— ייִדעלעך, גענוג געשלאָפֿן,
נישט פֿאַרשלאָפֿט דאָס נײַע יאָר!...

און דער האָן בלײַבט אויך נישט שולדיק,
גיט אויפֿסנײַ זיך אַ צעקריי
און עס עפֿענען זיך די טויערן
און עס ווערט שוין אַ געגיי...
ייִדן לויפֿן אין די שילן,
אין בית־המדרש און אין קלויז,
אויסער קינדער אין די וויגן
בלײַבט נישט קיינער אין קיין הויז.

ליכטיק איז אין מקום קדוש,
קלויז, בית־מדרש און אין שיל,
שטייט דער חזן שוין ביים עמוד
מיט אַ ציטערדיק געפֿיל...
ייִדן שטייען שוין מיט אימה
פֿאַר דעם גרויסן בעל־הדין,
רײַסן תּפֿילות זיך פֿון הערצער:
— האָב רחמנות, גאָט! ברין!...

ס'איז עשרת ימי תשובה,
אויב נישט איצט, טאָ זאָגט ווען דען?
און דער עולם זאָגט די סליחות
מיט התלהבות און מיט ברען:

אוי, לך השם הצדקה,
העלף אונדז פאָטער, העלף אונדז גאָט!
מאַך אונדז גלײַך מיט אַלע פעלקער,
מאַך אונדז פרײַ פון שאַנד און שפּאָט!...

— — — — — — — — — — — —

ווער געדענקט די אַלטע צײַטן?
דוכט זיך, גאָרנישט אַזוי לאַנג,
איך געדענק זיי, איך דערמאָן זיי,
און עס ווערט מיר אַזוי באַנג!...————

(„די יידישע ציטונג" — 30-9-1949)

ברינה יקצורו...

(פראַגמענט)

עפּעס ווילט זיך גאָרנישט גלויבן
וויאַזוי עס איז געשען?
דוכט זיך, בלויז מיט יאָרן צוריק איז
אַלעם אַנדערש דאָ געווען;
אַרגענטינער ייִדן האָבן
ווי פאַרוואָרפן זיך געפילט,
אַלע שטעכעדיקע ווערטער
האָט מען דאָ צו אונדז געצילט

און אפילו ש. עליכם,
מיט זײַן גאָלדענעם טאַלאַנט,
האָט געשריבן: — „ייִד פון „בוינע" —
ווי אַ סינאָנים פון שאַנד...
און אויך שפּעטער, ווען מיר האָבן
זיך אַנטוויקלט דאָ גאַנץ פײַן,
האָט די וועלט זיך אַליץ געקווינקלט
אונדז צו האַלטן שוין פאַר ריין...

ביכער זענען דאָ דערשינען,
סײַ פון פּראָזע, סײַ מיט ליד:
צײַטונגען — אַ שיינער מוסטער
ווי צו שרײַבן, פאַר דעם ייִד;

און טעאַטער, אויך אַ מוסטער
פון דעם גײַסטיקן ניװאָ,
און פאַריינען, אינסטיטוציעס,
מיט אַן אָפּטײל פון „ייװאָ״.

בעסאַראַבער, גאַליציאַנער,
מיט דעם פּוילישן פאַרבאַנד;
שולן — ממש אויך אַ מוסטער
פאַר דער וועלט פון אונדזער לאַנד;
און שליחים, שרײַבער, קינסטלער,
אויפגענומען האָבן מיר
מיט אַ סבר פּנים יפות,
ברייט צעעפנט אונדזער טיר

און זיי האָבן צוגענומען
אונדזער פריינטשאַפט, אונדזער געלט,
נאָר זיי האָבן אַלץ פאַרשוויגן
אונדזער לעבן פאַר דער וועלט...
אָפּגעפאָרן די שליחים, — — —
ווי אין וואַסער גלײַך אַרײַן
און מיר האָבן דאָ געוויטיקט
און גענאָגט האָט אונדז אַ פּײַן...

נאָר די פּײַן האָט אונדז געמוטיקט
און צו מעשים אונדז געוועקט
און מיר האָבן דאָ דעם נאָמען:
— „ייִד פון בוינע״ — אויסגעמעקט!...

— — — — — — — — — — — —

און עס גלעט אַ פרייד אין האַרצן:
— אַרגענטינער מענטש און ייִד,
דײַן אַנטוויקלונג זאָל געבענטשט זײַן
זע, איך ווידמע דיר מײַן ליד!...

(„די יידישע צייטונג״ — 4-11-1949)

פאַרניכטנדיקע זאַמען

אַטאָמען! אַטאָמען! אַטאָמען! אַטאָמען!
ס׳איז הימל און ערד און אַטאָמען!
דאָס רעדן פון דעם בלויז פאַרמאָגן אין זיך כחות
פון שוואַרצע פאַרניכטענדע ז אָ מ ע ן...

די וועלט איז אין פּאַניק, די פעלקער אין פּאַניק,
מישטיינס געזאָגט, נאַדיר אַ וועלטל
וואָס קאָן ווי אַ זייף־בלאָז צערונען, צעפּלאַצן,
ווען ס׳מאַכט אין אַטאָם זיך אַ שפּעלטל...

עס ליגן די באָמבעס ווי ליימענע גולמס,
צעשטערונג זיי האָבן אין ש ו ר ש,
איין וואָרט בלויז און ס׳ווערן די גולמס שוין טעטיק
— „מ ל ח מ ה"! — איז דער „שם המפורש"...

און איידער פאַרניכטן די שרעקלעכע באָמבעס,
זיי זאָלן נישט קענען צעשטערן,
מען זוכט בלויז תחבולות צו קענען זיך שיצן
און קעגן דער באָמבע זיך ווערן...

מען רעדט וועגן היילן אין טיפע טונעלן,
מען פינטלט דערביי מיט אַן אייגל,
מען וועט נאָך ביים לעבן אין דר׳ערד מוזן ליגן
און אפשר גאָר באַקן דאָרט בייגל..

(„די יידישע צייטונג" — 18-11-1949)

טענות פון אַ ייִדן

כ׳האָב אַ בריוועלע באַקומען
פון אַן אַרבעטער, אַ טאָקער,
ער האָט ט ע נ ו ת, — וואָס פאַרשווייגט איר
די מגפה דאָ פון פּאָקער?...

אויף אַ ברית, מען ברענגט די „פּיטשעס",
אויף אַ חתונה — די קאָרטן;
איז אַ יומטוב, אַ בר־מצווה,
קומט דאָס פּאָקערל אויך דאָרטן!...

זונטיק פּאָקער, מאָנטיק פּאָקער,
דינסטיק, מיטוואָך — פּאָקער,
שבת אַ נאָווינע, דער אמתער פּאָקער,
זונטיק, ווײַטער פּאָקער!...

— ס'פעלט אַ „קוואָרום" צו דער זיצונג:
קלאָגט פאַר מיר דער טאָקער,
ס'איז דער סעקרעטאַר פאַרנומען
ערגיץ ביי אַ פּאָקער...

און דער מאַן שפּילט פּאָקער,
און דאָס ווייב שפּילט פּאָקער,
אויך די קינדער לערנען פלײַסיק
ווי מען שפּילט אין פּאָקער...

זיסל דער טאַנדעטנער שנײַדער,
זימעלע „סאָראָקער",
לייענט שוין הײַנט נישט מער קיין ביכער,
נאָר ער שפּילט אין פּאָקער...———"

— — — — — — — — — — — —

...גיב איך איבער דאָ די טענות
פון דעם ייד, דעם טאָקער,
און איך בעט ביי אייך אַ מיינונג
וועגן שפּיל אין פּאָקער...

(„די יידישע צייטונג" — 2-12-1949)

„עס פאָדערט זיך אַ תליון"

אַ מעלדונג אַ קורצע, וואָס האָט מיך באַגײַסטערט,
געלייענט האָב איך נעכטן אין „צײַטונג":
אַ קורצע ידיעה, פון שורהלעך פיר בלויז,
אַ מעלדונג פון גרויסער באַדײַטונג:

„— אַראַבישע מערדער פאַראורטיילט צו תליה,
נו, וויל זיי דאָרט קיינער נישט הענגען;
נישטאָ אין ישראל דער תליון דער קאַלטער
וואָס זאָל אויף דער תליה זיי ברענגען"!...

די דאָזיקע נײַעס באַדאַרף מען צעשיקן
צו פיל פילאָזאָפן און דענקער
און זאָלן זיי זען ווי מדינת ישראל
מוז דינגען פון אויסלאַנד אַ הענקער!...

(„די יידישע ציימונג" — 23-12-1949)

„מי במים"?

ווען איר טרינקט אַ גלעזל וואַסער,
האָט איר כאָטש אַמאָל געטראַכט,
אַז דאָס איז נישט גלאַט קיין וואַסער,
נאָר עס איז אַ גרויסע מאַכט?
כאָטש דאָס וואַסער איז געבליבן
נאָך דאָס טעגלעכע אַרטיקל
איז עס אָבער אין דער אמת
גאָר אַ טײַערער אַנטיקל...

וואַסער האָט אין זיך אַטאָמען
און אַזעלכע מינים שטאָפן,
וואָס דער ליבער גאָט אין הימל
מעג די וועלט מיט זיי נישט שטראָפן...
פון אַ פּראָסטע גלעזל וואַסער
קאָן מען פאַבריצירן באָמבעס
און פאַרוואַנדלען ס'גאַנצע וועלטל
אין אַ הייל פון קאַטאַקאָמבעס!...————

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

(„די יידישע ציימונג" — 3-2-1950)

„אויפן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערל"

(צום אָנהויב פון שול-זמן)

געדענקסטו דעם חדר אין אַלטינקע היימען,
אין ליטע, גאַליציע, צי פּוילן?
דאָס שטיבל פאַרטשאַדעט, עס ברענט אויפן פריפּעטשיק
און ס'רייכערט אַרויס פון די קוילן...

דער רבי, אַ בייזער און דאַר ווי אַ לולב,
דער בעלפער, צי בערקע צי מאַטקע,
געבראַכט האָט די קינדער גאַנץ אָפט אויף די פּלייצעס,
כאָטש ער האָט געהאַט די טשאַכאָטקע...

און מאַמעס פון קינדער, צי באַשע צי זעלדע,
צי שרה, צי חיה, צי פרימעט,
זיי האָבן פאַרמשכנט די קישנס די לעצטע,
צו קענען באַצאָלן שכר לימוד...
און ס'האָבן די מאַמעס די בליקן געהויבן
צום הימל אַרויף צו דעם בורא,
געשנײַצט זיך די נעזער, געווישט זיך די אויגן,
— „מײַן משהלע, לערנט שוין תורה!"...

און ס'לערנען די קינדער די מעשות פון חומש,
פון יצחקלען מיט דער „ע ק י ד ה",
זיי מוזן דאָך קענען דאָס לערנען אויף שבת,
ווען ס'וועט זיי פאַרהערן דער זיידע!...
דער פעטער ר' גאָדל, וויל אויכעט פאַרהערן,
דערפאַר וועט די מומע דבורה
אַ שבת־אויבסט געבן און ווינטשן פון האַרצן:
— „זאָלסט אייביק באַגערן די תורה!..."

אין איטלעכן הויפל געווען איז אַ חדר,
מיט פּאַסיק, מיט קאַנטשיק און ט ײַ ט ל,
די קינדער צו לערנען, — די אָרימסטע טאַטעס,
זיי האָבן געליידיקט דעם בײַטל...
און ווינטער, ביי ליכטלעך עס האָבן די קינדער
געלערנט די הייליקע תורה,
געלאַכט און געפרייט זיך ווי יעקב קויפט אָפּ'עט
ביי עשו, זײַן ברודער, די בכורה...

און שפּעטער, די ליבע פון יעקב צו רחלען
און יוסף, ביי די י ש מ ע ל י ם,
ווי ער ווערט געקרוינט דאָרט אַלס שני־למלך
און עסט שוין פון גאָלדענע כלים...

בין פרשה לפרשה דערציילט דער מלמד
גאַנץ אָפּט, גאָר אַ מעשה אַ נורא,
די מעשה, אַ נײַע און דאָך איז איר תוכן
געשעפּט פון דער הייליקער תורה...
— — — — — — — — — — — — —

נישטאָ שוין דער חדר אין פּוילן און ליטע,
נישטאָ דאָרט די יידישע קינדער;
דער יתר הפּליטה אין אַנדערע לענדער,
איז מער שוין מאָדערן אַצינדער
אין ליכטיקע שולן מען לערנט די קינדער
סיי יידיש, סיי טאַנצן די „הורע"
נאָר קאָן זיך דען גלײַכן די הײַנטיקע שול דאָ
צו יענע דאָרט, קוואַלן פון תורה?!...

(„די יידישע צייטונג" — 10-3-1950)

דער „דריטער סדר"

כאָטש מען האָט אין אַלטע היימען
בלויז געפּראַוועט צוויי סדרים,
אָבער פּסחדיקע טישן
האָט געפּראַוועט רײַך און אָרים;
אין די שטיבער ריין צעפּינקלט
אויף דעם טיש די אַרבע כוסות
און דער טעלער מיט די מינים,
מיט די „זרוע", „מרור", „חרוסת".

און דער באַלעבאָס — אַ מלך
זיצט אין היסב־בעט אין קיטל
וואָס באַפּראַנזט מיט גאָלד און זילבער
און מיט גאָלד איז אויך דאָס היטל...
און דאָס ווייב, די אשת חיל,
ווי באַשיידן, כאָטש אַ מלכה!
וויפל ליבע בליקן שענקט זי
פאַר דעם קעניג, איר ר' זאַלקע?...
. . . .
. . . .

צוויי סדרים בלויז געפּראַוועט
האָט מען אין די אַלטע היימען;
דאָ, איז אויך אַ דריטער סדר,
אָ ב ע ר פ ס ח ? — ווו ביי וועמען...
דריטער סדר איז מאָדערן,
צוגעפּאַסט פאַר הײַנט — דאָס ווייס איך,
נאָר די ערשטע צוויי ווו זענען,
די וואָס מ י י נ ע ן טאַקע פ ס ח!?...

(„די יידישע צייטונג" 1950 — 4—6)

מרדכי געבירטיק ז"ל (הי"ד)

ס'איז געווען נאָך פאַר מ ל ח מ ה,
פוילן איז געווען נאָך פרײַ,
קראָקע, נײַנצן נײַנאונדרײַסיק,
אין אַ טאָג פון חודש מאַי...
האָט דאָרט מרדכילע געבירטיק
פון ס מ נ י ם פיל דערקענט,
און דאָס לידל דאַן געשריבן:
— „יידן, זעט, דאָס שטעטל ברענט!"...

האָט מען ערנסט נישט גענומען,
אָט די וואָרנונג פון פ אָ ע ט,
נאָר געפירט דעם האַנדל־וואַנדל
און דאָס בײַכל זיך געגלעט...
ערשט דערנאָכדעם, דאָרט, אין געטאָ,
צווישן פאַלנדיקע ווענט
האָט מען שוין דאָס ליד געזונגען:
— יידן! יאָ! דאָס שטעטל ברענט!...

(פראַגמענט)
(„די יידישע צייטונג — 12-5-1950)

מה שלא יעשה השכל...

עס זאָל מיך דאָס אָנהויבן אַרן,
וואָס איך בין שוין עלטער אַ וואָך;
עס לערנען די טעג אונדז באַגרייפן
פון לעבן דעם אינהאַלט, דעם תוך...

די יאָרן, זיי מאַכן אונדז קלוגער
צו היטן זיך אויס פון געפאַר,
און ווערט מען שוין עלטער און עלטער,
מען בלײַבט אַלץ דער זעלביקער נאַר...

די יאָרן, זיי לערנען אונדז זאַכן,
דער שכל, ער וועגט אַלץ און מעסט,
און פּונקט ווען מען מען דאַרף עפּעס וויסן,
עס מאַכט זיך, אַז גראָד מען פאַרגעסט...

די צײַט האָט געגעבן אונדז לעקציעס,
געלערנט אונדז ממש ב׳גוזאַלט,
און גייט דער מאָמענט נאָר אַריבער,
איז שוין; מיר פאַרגעסן זיך באַלד!...

(„די יידישע צייטונג" — 26-5-1950)

לזכר די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד

...עפּעס איז די נאַכט קיין נאַכט נישט
און דער טאָג, איז אויך קיין טאָג נישט;
עפּעס ווילט זיך מיר הײַנט זאָגן,
נאָר איך פּ י ל אַז איך דערזאָג נישט...
עפּעס ווילט זיך מיר הײַנט וויינען,
וויינען שטיל, ביי זיך אין האַרצן;
מײַן געמיט איז הײַנט אין טרויער
און אַרומגעחילט אין שוואַרצן...

— — — — — — — — — — — —

ב ע ר ג ל ס אָ ן און א י צ י ק פ ע פ ע ר,
יאָ, מען ווייסט שוין זייער סוף;
א ײַ נ ג ע ש ל אָ פ ן זענען זיי שוין
אין דעם אייביק טויטן שלאָף...
מ אַ ר ק י ש, ה אַ ל ק י ן, און ווער ווייס דאָרט
וויפל שרײַבער נעבעך נאָך,
האָט געטראָפן דאָרט דער אומגליק
און דער גרויסער ווילדער בראָך...

בערגלסאָן דער שיין־באַשרײַבער
פון דער הייסער שטורעם־צײַט
האָט געזוכט בלויז אין דער טיפקייט,
נאָר געזען, האָט ער נישט ווײַט...

און מיט דעם וואָס אָנגעהויבן,
איז געקומען אויך זײַן סוף,
יאָ, „נאָך אַלעמען" און פאַרטיק,
אויס דורך נישט־פאַרדינטער שטראָף!...

פרץ מאַרקיש מיט זײַן „קופּע",
אָט, דער אייביקער בונטאַר,
האָט דאָך נישט געטראַכט אַפילו
אַז עס דראָט אים אַ געפאַר...

איז ער פעפערן מקנא
וואָס ער איז שוין ענדלעך טויט,
און ער לײַדט נישט אין קיין „דול־הויז"
פון נגישות פּײַן און נויט... — — —

איציק פעפער, אָט, דער שעפער,
אָט, דער קרעפטיקער פּאָעט,
האָט געדינט דעם ראַטנרוסלאַנד
ממש אָן אַ ברעקל חטא:

אין אַמעריקע געוועזן
און געקאָנט שוין בלײַבן דאָרט,
נאָר דאָס טוט נישט איציק פעפער,
ער איז נישט פון שוואַכן סאָרט

וועלכע גיבן באַלד זיך אונטער
ווען עס לאָקט זיי דער מאָמענט;
פאַר דעם ראַטנרוסלאַנד האָט ער
אָפּגעהיט זײַן סענטימענט,

און מיט פײַערדיקע ווערטער
האָט דער פרעכטיקער פּאָעט,
צו די אַמעריקאַנער יידן
פאַר זײַן פאָטערלאַנד גערעדט...

און ער איז צוריקגעפֿאָרן
אין זײַן ליבן „פּאַטערלאַנד",
פֿון אַמעריקע דער רײַכער,
פֿול מיט שטיצע אין זײַן האַנט — — —

וואָסזשע איז זײַן חטא געווען?
זאָל עס טאַקע זײַן דאָס ליד
מיט זײַן גרויסן אַני מאמין —
העראָישע וועלט, איך בין אַ ייִד!!!

... עפּעס דריקט אונטערן האַרצן,
און איך פֿיל זיך נישט ווי תּמיד,
איך וויל שמייכלען, נאָר איך קאָן נישט,
ווײַל איך בין באַהערשט פֿון אומעט... — — —

(„די ייִדישע צײַטונג — 3-11-1950)

וועלכער גם געווען איז גרעסער?

(פֿראַגמענט)

נאָך אַ קינד בין איך געווען,
ווען איך האָב גאַנץ אָפֿט געטראַכט — —
ליגנדיק אויף מײַן געלעגער
דורך דער לאַנגער ווינטערנאַכט,
ווען די פֿלעמלעך אין מנורה
האָבן לאַנג שוין נישט געברענט,
נאָר איך האָב זיי נאָך געזעען
און האָב שלאָפֿן נישט געקענט...

— — וועלכער נס געווען איז גרעסער?
מתתיהו'ס שווערד אין האַנט,
אָדער גאָר דאָס קריגל בוימל,
וואָס איז אײַך שוין גוט באַקאַנט? — — —
וועלכער נס געווען איז גרעסער?
צי די אויפֿהאַלטונג פֿון ליכט,
ווען אַרום איז אַלץ פֿאַרוויסטעט
און די פֿינסטערניש — געדיכט? — —

אָדער גאָר — דער קאַמף פאַר פרייַהייט,
פון אַ הייפעלע, נישט מער,
ווי עס זענען דאַן געווען
מתתיהוס מאַקאַבער? — —
און איך האָב אַלס קינד אין דמיון
ביידע נסים קלאָר געזען,
גלייַך ווי וואָלט עס זייַן ערשט נעכטן
און איך בין דערבייַ געווען...

כ׳בין געווען אין בית המקדש,
נאָך געוויינט האָבן די ווענט,
נאָר דער בוימל אין מנורה
האָט מיט העלן ליכט געברענט!
און געשאַפן ליכט און שאָטן,
וועלכע שפּרייטן פרייד און שרעק,
און פון דאָרט, בין איך צום קאַמפּספּראָנט
צו די מאַקאַבעער אַוועק — — —

און געזען די העלדנהאַפטע
מתתיהוס קליין־אַרמיי,
ווי זיי בויקערן די גריכן,
מאַכן אַש און פּראָך פון זיי!...
וועלכער נס געווען איז גרעסער?
צי די אויפהאַלטונג פון ליכט,
אָדער גאָר דער קאַמף וואָס האָט דאָס
לאַנד צוריק אונדז אויפגעריכט!...

(„די יידישע צייטונג" — 8-12-1950)

שלום! שלום!

(פראַגמענט)

שלום! שלום! שרייַען פעלקער
און מען שיסט זיך און מען שלאָגט זיך;
שלום! שלום! שרייַען אַלע
און מען רודפט און מען יאָגט זיך...

שלום! שלום! — שאַלט דער שופר
נאָר די מענטשהייט, נעבעך, פּלאָגט זיך,
שלום! שלום! — שיינע ווערטער,
נישט געמיינט, נאָר גלאַט געזאָגט זיך...

אַלע רעדן נאָר פון שלום
און מען שפּאַלט אַלץ די אַ ט אָ מ ע ן,
און מען זאַמלט איַין די כּוחות
ווי מען זאַמלט שפּייַז אין קראָמען

אויף אַן ערב גרויסן יום־טוב,
ווען מען וועט זיי גוט פאַרברויכן,
שלום! שלום! שרייַען אַלע
נאָר — מ ל ח מ ה איז דער ת ו כ ן!...

(„די יידישע צייטונג — 10-8-1951)

עולם התחתון...

די „מעשה־בראשית" האָט אונדזער „פּעלאָטע"
פאַראורטיילט צום אייביקן שמאַכטן;
זי האָט אונדז דערוויַיטערט פון אַלע פּלאַנעטן,
„געקרוינט" אונדז אַלס „ע ו ל ם ה ת ח ת ו ן"...
מיר זענען „פּ ל ע ב ע י ע ר" פון העכערע וועלטן,
וואָס שפּילן די „אַריסטאָקראַטן",
מיר זענען פון אונטן און קוקן צו הימלען,
צו גאָלדענע שטערן־דוקאַטן!...

און ס'לאָקט די ל ב נ ה, דער טעלער פון הימל,
מיט רייץ און מיט זילבערנעם שמייכל,
און ס'זענען שוין טויזנטער יאָרן פאַרגאַנגען
וואָס מיר דאָ אַלץ שאַרפן דעם שכל — — — — —
אַרויפצוקומען, זיך העכער אַביסל,
אַ ר ו י ס פון דעם ע ו ל ם ה ת ח ת ו ן;
גענוג שוין געוועזן די טויזנטער יאָרן
צו ליגן דאָ אונטן און ש מ אַ כ ט ן...

געגוג שוין צו בעטן אַ שטראַל פון דער זון ווי
ביים רייכן גביר אַ מתנה,
געגוג שוין צו בעטלען אַ שמייכל ביי איר, ביי
דער קאַלטער קאָקאָטע־לבנה!...
מיר וועלן זי נעמען אין־גאַנצן געפאַנגען,
געגוג שוין איר שמייכלען פון אויבן,
און דאָ ביי פּאָעטן נאָך אַרבעט אַ טאָג,
די שעה'ן פון שלאָף זיי צו רויבן...

מיר שאַרפן דעם שכל שוין טויזנטער יאָרן
און טראַכט מען, דאַן מוז מען דערטראַכטן;
וויאַזוי צו דערהויבן דעם עולם השפל,
דערהויבן דעם עולם התחתון...
דערהויבן דאָס בידנע, פאַרשמאַכטע שוין וועלטל,
אַרויסשלעפן עס פונעם שימל
און ענדלעך דערגרייכן די העכערע ספערן,
צום „טעלערל זילבער" אין הימל...

מען בויט שוין ראַקעטן וואָס וועלן אונדז פירן
אַרויף צו די העכערע ספערן,
מיר וועלן באַזוכן דערווייל די לבנה
און שפּעטער — די גאָלדענע שטערן...
און ציטערט, מיוחסים־פּלאַנעטן דאָרט אויבן,
איר האָט אונדז געלאָזן דאָ שמאַכטן,
אין אָפּגרונט אין טיפן וואָס איר האָט באַצייכנט
איראָניש — אַלס עולם התחתון!

און ציטערט דאָרט אויבן, מיר וועלן אייַך ברענגען
פון עולם התחתון די זאָמען
וואָס וועלן אייַך וואַרפן אין פינסטערע שרעקן
פאַר בייזן געשפּענסט פון אַטאָמען!...

(„די יידישע צייטונג" — 9-9-1951)

פון וואָך דער תוך
(פראגמענט)

— זיבן טעג האָט גאָט באַשאַפן און פאַרמירט פון זיי אַ וואָך
און דער שבת איז דער עיקר, ווײַל ער איז פון וואָך דער תוך!

וואָכן־טעג, זיי מיינען ח ו מ ר, האָוועץ, שמייען, זוכן ב רויט;
זוכן שפּײַז פאַר דעם בני־בית און פאַרזיכערן פון נויט;

וואָכן־טעג, זיי מיינען „קערפּער", פּשוט — ג ש מ י ו ת, דאָס איז אַלץ:
ד ע ר זוכט ברויט און דער — מיט פּוטער, דער גאָר זעמעלעך מיט שמאַלץ...

שווערע זענען פאַר אַ יעדן אָט די טריבע וואָכן־טעג
ווער נאָך ברויט און ווער נאָך רײַכטום, אַלע לויפן אין געיעג.

אַנדערש אָבער איז דער שבת ווען באַפרײַט מען איז פון יאָך,
ווען מען הויבט אַרויף זיך העכער פון דער וואָכעדיקער וואָך.

פאַר די בעסערע געפילן און פאַר אַלץ וואָס שיין און ריין
און די גײַסטיקע דערהויבונג שפּרייט אויף אַלץ אַ ליבן חן...

זיבן טעג האָט גאָט באַשאַפן און פאַרמירט פון זיי אַ וואָך,
און דער שבת איז דער עיקר, ווייל ער איז פון וואָך דער תוך!...
(„די יידישע ציטונג" — 6-10-1951)

באַהעמען
(פראגמענט)

העי, ציגײַנער, נעם דײַן פידל,
שפּיל מיר אַ ציגײַנער ליד;
מיך באַפאַלן איז אַ טרויער
וועלכער דריקט אויף מײַן געמיט...

ק ע ל נ ע ר, גיס מיר אָן דעם בעכער,
גיב מיר נאָך אַ פלעשל ווײַן,
זאָל דער ווײַן מיך הײַנט באַרוישן
און פאַרשיכורן מײַן פּײַן!...

שפּיל, ציגײַנער, פֿיר דײַן סמיטשיק
אויף דער דינסטער סטרונע — צאַרט,
נאָר גענאַר נישט ווײַל דאָס לעבן
האָט מיך שוין גענוג גענאַרט...

פֿיר דײַן סמיטשיק אויף די סטרונעס
און דערלאַנג מיר עפּעס רעכטס,
איך זאָל קענען דײַנע קלאַנגען
אויסמישן מיט מײַנס אַ קרעכץ...

— — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי עס פּלעגט נאָך זינגען
אונדזער נעכטיקע באָהעמיע,
ווען זי איז אַרײַנגעפֿאַלן
אין דער גײַסטיקער אַנעמיע;

אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם וועלט־שמערץ
פֿון דעם כּלל און פֿון דעם יחיד:
— זעט, מײַן האַרץ איז פֿול מיט ווייטיק,
ווי עס צאַפּלט זיך און פּאָכעט...

— — — — — — — — — — — —

קליין געווען איז די גרופּע
פֿון באָהעמען ביי דער כּוסה,
אָבער „ניכטער" איז געגאַנגען
אויף איר וועג די וועלט די גרויסע...

די געציילטע צאָל באָהעמען
האָט באַשאַפֿן דער באַשעפֿער,
אַז זיי זאָלן זײַן צום מאכל
פֿון דער וועלט — דאָס ביסל פּעפּער...

— — — — — — — — — — — —

דער נעכטן — פֿאַרשוווּנדן, דער הײַנט איז געקומען,
די צײַט האָט טאָטאַל זיך געביטן,
די מענטשהייט די גאַנצע האָט איבערגענומען
פֿון אָט דער באָהעמיע — די זיטן...

די נאַכטישע קלובן געפּאַקט זענען פֿולע,
נאָר נישט מיט באָהעמען יחידים,
אָרקעסטערס פֿון נעגער פֿאַרטומלען מיט דזשאַז
די הײַנט־ערשט־געמאַכטע נגידים...

מען מישט היינט די ווײַנען מיט אײַזיקן ווהיסקי
עס שוועבט אַ כיכיקיש געלעכטער,
וואָס פלאַקערט פונאַנדער ביז ווילדע עקסטרעמען
די ת א וו ת פון ביידע געשלעכטער...

מען טרינקט נישט כדי צו פאַרשיכורן ווייטיק,
מען וויל אויך נישט הערן די פידל;
ב אָ ה ע מ ע ן פון נעכטן, זיי זענען פאַרשווונדן
צוזאַם מיט דעם ל י ד י ש ן ל י ד ל...

נאָר פויקן מיט שטארצן באַגלייט פון פאַנפאַרן
מיט סאָלאָס פון די סאַקסאָפּאָנען,
וואָס דאַרפן דערוועקן און שטאַרקן די גלוסטן
פון אַלע — וואָס האָבן מ י ל י אָ נ ע ן!...

ב אָ ה ע מ ע ן פון נעכטן, זיי זענען היינט ניכטער,
און דאָס איז ב א מ ת טשיקאַווע,
זיי זיצן דאָרט ערגיץ פאַרטיפטע אין טראַכטן
ביים טרינקען באַשיידן — אַ קאַווע!...

(„די יידישע צייטונג" — 16-12-1951)

פ ר אַ ג מ ע נ ט

ב ל ע ט ל ע ך וואָס מען רײַסט טאָג־טעגלעך
גלײַכגילטיק פון ק אַ ל ע נ ד אַ ר,
זענען טעג פון מענטשנס לעבן,
טעג פון פרייד און טעג פון צער...

ס'בלעטל איז בלויז אַ פּ אַ פּ י ר ל
מיט אַ נ ו מ ע ר, ג אָ ר נ י ש ט מער,
ד אָ ך באַצייכנט עס אַ ד אַ ט ע
פון דײַן פרייד צי גאָר טרער...

י ע ד ע ס אָפּגעריסן בלעטל,
איז געשיכטע פון אַ טאָג;
— „ווײס איך וואָס, פּאַפּיר אַ בלעטל!"...
גיט זיך יעדער גלאַט אַ זאָג...

און מען נעמט אַ טאָג פון לעבן
און מען אורטיילט אים אומזיסט,
און מען וואַרפט אים אַ צעקנייטשטן
קאַלטבלוטיק אין קוישל מיסט!...

(„די יידישע צייטונג" — 30-4-1953)

אַברהם סוצקעווער

מיר האָבן געהאַט דאָ אַ וואָך פון דערהויבונג
אַ גאַסט אַזאַ ליבער געקומען;
אַ גאַסט וואָס פאַרוואַנדלט געוויינלעכע ווערטער
אין שמעקענדיק פּרעכטיקע בלומען;

געקומען איז סוצקעווער, זײַן אונדזער גאַסט דאָ
צו הויבן ביי אונדז די געמיטער;
אַ דיכטער פון אמתער גײַסטיקער הויכקייט
איז זיכער דערויף אַ געניטער...

און זעט כאָטש, ווי ס'האָבן זיך יידן צעוואַרימט —
מיט וואָס פאַר אַ הייליקן פלאַטער,
זיי זענען דאָס דינסטיק אין מאַסן געקומען
צו הערן זײַן וואָרט אין טעאַטער!...

און סוצקעווער האָט ווי מיט פּערל געשאָטן
דערקלערט אונדז דעם סוד פון יצירה,
ווי ס'ווערן פון קינסטלער די ווערטער געשאַפן,
ביז ס'הערט זיך דער קלאַנג פון זײַן לירע...

ווי ס'ליגן ביים קינסטלער די זאָמען אין האַרצן
אויף יאָרן, צומאָל ווי געפאַנגען,
ביז ענדלעך זיי נעמען צונויף זיך אין קלאַנגען
און קומען אַרויס אַלס געזאַנגען...

און סוצקעווער האָט דאָ מיט פּשוטע ווערטער
דערהויבן פון קינסטלער דעם נאָמען,
און ס'האָט אים די מאַסע באַגריסט מיט אַפּלאָדיסמענטן (sic)
און אויסרופן: — זײַט אונדז ווילקאָמען!...

(„די יידישע צייטונג" — 29-5-1953)

פראגמענט

גערענקסטו, געדענקסטו, יענע נעכט,
ווען די פרומקייט געווען איז עכט?
אוי, ווי, גאָטעניו, דאָרט אין דער אַלטער היים!...

געדענקסטו, געדענקסטו, דאָרט דאָס שטעטל,
מיט צדיקים אַ גאַנצן צעטל———
אוי, ווי, גאָטעניו, עס האָט געהאַט אַ שם!...

ר' שלומל דיין, אַ צדיק פּשיפּש...
ווען ער גייט צו טבילה, עס ציטערן די פיש...

ר' מאָטעלע שמש, אַ חלוש אַ ייד,
דאָך וועקט ער צו סליחות און ווערט גאָרנישט מיד...

ר' בערעלע שוויגער, מען מיינט ער איז שטום,
דאָך זאָגט ער איצט סליחות התלהבותדיק פרום...

ר' אײַזיקל גבאי, דער תקיף פון שטאָט,
ער ציטערט ווי אַלע פון מורא פאַר גאָט...

און זרחל קאַלבאַס, וואָס אַרבעט אין מיל,
אויך ער איז געקומען צו סליחות אין שיל...

דער טרעגער פון וואַסער צוגלײַך מיטן רב,
געקומען איז אַלעס פון אלף ביז תאָוו!...

(„די יידישע צייטונג" — 13-5-1953)

פראַגמענט

סוצקעווער וואָס מאָלט מיט ווערטער
פאַר די צוהערער אַ בילד,
מעג דאָס בילד אויך זײַן ווי שרעקלעך,
דאָך, די ווערטער, — צאַרט און מילד,
פליסן אויס פון זײַנע ליפּן
ווי פון הימל פאַלט דער טוי,

צאַרטע ווערטער, דאָך, מיט ווייטיק
ווייַנט אַרויס פון זיי דער „אוי”...
זייַנע ווערטער שפּרייטן שטימונג
ח ל ו ם ווערט אין וו אָ ר געוועבט,
און עס דוכט זיך ווי מלאכים
וואָלט אין דעם זאַל געשוועבט...

(„די יידישע צייטונג” — 28-6-1953)

מ ר ד כ י ג ע ב י ר ט י ק (הי״ד)

—...קינדער־יאָרן, זיסע קינדער יאָרן,
אייביק בלייַבט איר וואַך אין מייַן ז כ ר ו ן,
ווען איך טראַכט פון אייַער צייַט,
ווערט מיר אַזוי באַנג און לייד,
אוי, ווי שנעל איך בין מיר אַלט געוואָרן...———

— — — — — — — — — — — — — —

עמיץ האָט געקלאַפּט אין פענסטער
פון מייַן שלאָפצימער בייַנאַכט...
האָט מען טאַקע אָנגעקלאַפּט, צי
האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט?...
שפּרינג אַראָפּ איך פון געלעגער,
נאָר מען זעט נישט, נישט מען הערט,
ליג איך ווידער, און איך פיל ווי
עפּעס וואָס מייַן האַרץ באַשווערט...

ו ע ר ז ש ע האָט געקלאַפּט אין פענסטער
און געוועקט מיך פונעם שלאָף?
— די ד ע ר מ אָ נ ו נ ג, יאָ, ז כ ר ו נ ו ת,
וואָס באַגלייטן ביזן סוף...
חלום איך שוין וואַכנדיק פון
ק ר אָ ק ע! אוי, מייַן אַלטע היים!
יונג און פריילעך, כאָטש איך האָב דאָרט
נישט געלעבט אַזוי באַקוועם,

דאָך מיט גלויבן אין מייַן האַרצן
זיך געגעערט אַליך מיט דעם זאָג:
— לוסטיק ברודער, זינג די לידער,
מ אָ ר ג ן קומט אַ נ ייַ ע ר טאָג!...

אוּן די עלטערע חברים
וואָס איך דערמלט האָב געהאַט,
מישן אויף אין מײַן זכרון
פוּן מײַן „זײַן" דאָס שענסטע בלאַט!...

דאָקטאָר פ אַ ל ע ק, יואל יאָעלאָן,
(אוי, ווי ס'גיט אין האַרץ אַ גלעט...)
מיפעלעוו און — מ. געבירטיק
דער פאָלקסטימלעכער פּ אָ ע ט!...
אוי, ווי זיס איז די דערמאָנונג
אָן דער דעמאָלט שיינער צייט,
ווען איך בין אַזוי געזעסן
ביי געבירטיקס רעכטער זייט

אין מיין היים דאָרט, יעדן שבת
ביי אַ וואַרים גלעזל טיי,
אוּן געבירטיק האָט באַווײַנט זיין
שווערע ד אָ ל י ע, אָך און ווײ...
און געכאַפּט זיך צו זיין פײַפל,
אויסגעשפּילט אַ מעלאָדי,
האָט זיין פּ נ י ם העל צעשטראַלט זיך,
פ ר יי פוּן וואָכעדיקער מ י...

— — — — — — — — — — — —

— „הוליעט ליבע קינדערלעך, ווילאַנג איר זייט נאָך יונג;
ווייל פון וויגל ביז צום קבר איז אַ קאַצנשפּרונג!..."
— „העי כלי־זמרים גוטע ברידער,
איר באַקומט פון מיר אויף ווײַן;
שפּילט מיר אויך אַ פריילעך ליידל,
שלעפּט מיין מרה שחורה אײַן!"...
„—קינדער יאָרן, זיסע שיינע בלומען!
צוריק צו מיר וועט איר שוין מער נישט קומען — — — —"

יאָ, געקלאַפּט האָט די דערמאָנונג
אין מײן פענסטער לעצטע נאַכט,
און איך בין שוין נישט געשלאָפן,
ממש נישט קיין אויג פאַרמאַכט,

נאָר געהערט געבירטיקס לידער
ביז אינדרויסן האָט געטאָגט,
ביז כמעט אין האַלבן דרימל
הער איך ווי געבירטיק זאָגט:
— ד אַ נ ק זײ דאָרט, די ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר
אויף לאַ־פּלאַטאַס ווייטן ברעג
פאַר באַשיינען מיט מיין נאָמען
ד אָ ר ט די נייע ב י ב ל י אָ ט ע ק!...

(„די יידישע צייטונג" 4-9-1953)

מי בגראַנדע ומי בפּרעמיע

ווי דער ייִד אום ראש־השנה
שטייט אין טלית און אין קיטל
און ער בעט ביי גאָט אין הימל:
— שרייב צום לעבן מיר אַ קוויטל,

פּונקט אַזוי עס פּלאַטערט היינט די
מענטשהייט אין דעם לאַנד דעם היגן,
—גאָטעניו, אָ, מאַך אַזוי, אַז
איך, אוי, זאָל די גראַנדע קריגן!...

סוויל דער רייכער זיין נאָך רייכער,
קויפט ער איין אַ גאַנצע סעריע
און ער טראַכט זיך — אויב אויף מזל,
בין איך דאָך פון לאַנג אַ בריה...

און דער מיטעלער מענטש האָט אויך אַ
צוואַנציקסטל כאָטש פון אַ צעטל
און ער טראַכט: — מיט הונדערט טויזנט
קאָן איך אויך באַשטיין מיין שטעטל

און דער אַרבעטער האַלט שותפות
מיט אַ גאַנצער כאָפּטע שכנים,
און זיי בעטן: — גאָטעניו, שיק
אַ געווינס אונז כאָטש אַ קליינעם...

אונ אַ וועלט איז היינט מתפלל:
— מי ב׳גראַנדע ומי ב׳פּרעמיע —
בעט איך גאָט: — אָ, גיב די גראַנדע
צו דיין טייערן קנעכט — נ ח מ י ה!...
(„מאָרגנצייטונג", יצו דער ציאונג פון יערלעכן גרויסן געווינס, דעם 20טן דעצעמבער 1935)

געדעקסטו?...

(פראַגמענט)

געדענקסטו, בערנאַרדאָ, די גליקלעכע צייטן
ווען מיר נאָך געווען זענען „גרינע"?
ווען י ו נ ג ע, מיט כוחות, מיר זענען געקומען
אַהער דאָ, אין ווייטער מדינה?...

געדענקסטו, בערנאַרדאָ, ווי גוט ס׳איז געווען
ווען דו האָסט באַקומען אַ פּאָסטן?
דוכט זיך, געאַרבעט האָסטו דאַן ביי איינעם
דאָרט ערגיץ, אַלס פּעאָן אַלס אַ פּראָסטן...

דו האָסט נאָך, בערנאַרדאָ, דאַן בערקע געהייסן,
און ביסט דאַן געווען אַזאַ ליבער,
האָסט אייביק געציטערט, געפּלאַטערט פאַר מיר און
געליבט מיך מיט גליענדן פיבער...

— — — — — — — — — — — —

כ׳געדענק, העלויזאַמינע, כ׳געדענק יענע צייטן,
דו ביסט דאַן געווען נאָך אַ כלי,
דו האָסט נאָך געטוויגט פאַר אַ ווייב דאַן נישקשה,
דו ביסט נאָך געווען חנה־ביילע...

געדענקסטו ווי ס׳האָט אונז צו פרישטיק און מיטיק
געפעלט דאַן נישקשה דער ביסן?
דו האָסט זיך געסטאַרעט מיט גלעטן און צערטלען
מיין ביטערע פיין צו פאַרזיסן?

דו ביסט נאָך געווען דאָס אמאָליקע מיידל
פון דאָרף, צווישן בוימער און גראָזן,
דו האָסט נישט געוואוסט נאָך פון קעבינס און דינסטן,
דו האָסט נאָך פון זיך נישט ג ע ב ל אָ ז ן...

— — — — — — — — — — — —

אַוועק יענע צייטן, עס האָט זיך שוין בערקע
אָן אַלץ פון אַמאָל ווי פאַרגעסן;
ער האָט אויך שוין מערער פון גאָרנישט צו טראַכטן,
עס פעלט אים חלילה דען עסן?

און פעלט אים דען כבוד? ער האָט היינט פון אַלעס,
מען רופט אים אין זיינע פאַריינען;
ער לאָזט זיך דאָך קאָסטן פאַר ארץ־בידזשאַן,
טאָ זאָלט איר חלילה נישט מיינען...

אַז ער איז אַ קמצן, מען ווייסט אַז בערנאַרדאָ
לאָזט אייביק אויף „זיינע" זיך קאָסטן,
ער פרעגט נישט אויף וואָס און ער איז נישט פון די
וואָס זיי קוקן געוואויגן, געמאָסטן...

— — — — — — — — — — — —

און בערקע — בערנאַרדאָ, ער פילט זיך אַלס גדול,
ווי זיין איז די גאַנצע מדינה,
נאָר בלויז חנה־ביילע דערגייט אים די יאָרן,
כאָטש זי איז שוין היינט הע לזאָמינע...

זי ליבט נאָך דערמאָנען אַמאָליקע צייטן:
געדענקסטו, בערנאַרדאָ, די צרות?
און ער וואָלט נאָר וועלן מיט זיין חנה־ביילען
וואָס שנעלער שוין שלאָגן כפרות!...

(„מאָרגנצייטונג" אויגוסט, 22 — 1936)

שבת

ס'איז דאָך פאָרט געוועזן בעסער
שבת אין דער אַלטער היים,
דאָרט אין שטעטל אין דעם שטיבל
מיט דער פאָדלאָגע פון ליים,

וואו עס האָט אין אַלע ווינקלען
אַזאַ שבת־פרייד געררוט,
אַזאַ האַרציקע מנוחה, —
נישט מען אַרבעט, נישט מען טוט...

ס'איז דאָך פּאָרט געווען אַ נחת,
זיצן שבת ביי דעם טיש;
עסן טשאָלנט און אַ צימעס
נאָך דעם פיינעם שטיקל פיש...

נישט קיין אַרבעט, קיין געשעפטן,
שבת־רו און שבת־פרייד;
ווער עס קוקט אין „עין יעקב״,
ווער עס וויל — שפּאַצירן גייט...

עס ,ווענטירן״ נישט קיין וועקסלען,
ס'קומט צו דיר נישט קיין בעל־חוב,
קינדער שפּילן זיך אין ניסלעך,
מאַכן פול מיט פרייד דעם הויף...

משה־יאָסל דער „באַרבירער״
אונדזער שטעטלדיקער פראַנט,
האָט אַ „ראַנדקע״ מיט זיין מיידל
און ער בעט ביי איר די האַנט...

געצל ביק, דער קוילער־יונגאַטש,
אויסגעלערט האָט שוין די פלאַש,
לאָזט ער זיך אין גאַס שפּאַצירן
ווילעריש, די הענט אין טאַש...

און אין שטוב ביי פּיניע קלעזמער,
פיל „מאַמזעלס״ מיט יונגעלייט,
שמועסן זיי פון קאָנספּיראַציעס,
און מען רעדט פון נייער צייט...

און עס רוטלען זיך די בעקלעך,
הערצער שלאָגן צו צום טאַקט,
און עס פילט זיך ווי די פרייהייט
וואָלט געווען שוין אַ פאַקט!...

שפּעטער קומט דער בין השמשות,
שאָטנס לייגן זיך אויף ווענט;
לייבעלע דעם ראש־הקהל'ס
גלעט מיט ליבע רייזלס הענט...

רייזעלע דעם שוסטערס טאָכטער,
אויגן האָט זי, שוואַרץ ווי קויל
און די פּערלדיקע ציינדלעך
שײַנען איר אַרויס פון מויל...

— — — — — — — — — — — — — —

סטויבן אויף די שבת־בילדער
פון דער ליבער אַלטער היים
און כ׳פאַרגלײַך די פרייד פון שטיבל
מיט דער פּאַדלאָגע פון ליים —

צו דער שבת־פרייד פון היגן
לאַנד פון אַמעריקאַנער גליק,
ווו מען האָרעוועט ווי אייזלען
אינדערהיים צי אין פאַבריק,

ציטערן אין מיר זכרונות,
ס׳זינגט די בענקשאַפט אין מײַן בלוט,
נאָך דער פרייד פון אַלטן שבת
וואָס אויף אַלעם האָט גערוט!...

(„מאָרגנצײַטונג" 26טן אָקטאָבער 1935)

דור הפלגה

ס׳איז געווען אַמאָל אַ חכם,
האָט גערופן ער זיך — ש ל מ ה,
האָט געזאָגט ער — „הכל היה",
וואָס געווען — איז יבוא יומו...

וועט עס ווידער, ווידער קומען,
צי מיט גוטן צי מיט בייזן
און דאָס אַלעס וואָס עס א י ז, איז
אויבעט שוין אַמאָל געוועזן.. .

און אין חומש שטייט געשריבן: —
ס׳איז געווען אַ „דור הפלגה",
ווען עס האָט געדראָט געפאַר און
איינער האָט געקלאַפּט טרעוואָגע

האָט דאָס פאָלק געמיינט — אַ יומטוב!
און זיך שנעל געכאַפּט צום טאַנצן
און דערפאַר, פאַרוויסט געוואָרן
דעמאָלט איז דאָס פאָלק אינגאַנצן...

— — — — — — — — —

איצטער, זאָגט, צי לעבן מיר נישט
איבער הײַנט די זעלבע צײַטן?
הכל היה, נישטאָ קיין נײַעס,
מעג דאָס לעבן ווי זיך בײַטן...

מעג די טעכניק פּראָגרעסירן,
די קולטור ווי ווײַט שוין האַלטן,
לעבן מיר אין דור־הפלגה
און מיר בלײַבן אַלץ ביים אַלטן...

פעלקער ווילן נישט פאַרשטיין גאָר
נישט די שפּראַך און נישט געפילן,
יעדער האָט פאַר זיך חשבונות,
יעדער האָט זיך זײַנע צילן...

און מען רײַסט זיך, און מען בײַסט זיך,
ראַסן־האַס און פעלקער קנאה — — —
קיין פאַרשטענדיקונג פאַראַנען
אַלעס ווערט פאַרוויסט פון שנאה,

טויזן וויל אַ פאָלק דאָס צווייטע,
איינער אונטערדריקט אַ צווייטן,
„הכל היה" — שוין געוועזן,
אַלץ ווי אין די אַלטע צײַטן!...

(„מארגנצײַטונג" 3טן נאָוועמבער 1935)

פּעסימיסטיש

ווער האָט דאָס געוואַגט צו זאָגן
אַז עס דרייט זיך אונדזער ערד?
איך, לפי עניות דעתי,
זאָג אײַך אַז ס'איז פּונקט פאַרקערט!

אונדזער װעלטל שטייט און דינט אונדז,
ס'רירט קיין זאַך זיך ניט פון אָרט,
װער עס זאָגט אײַך אַז זי דרייט זיך,
גלויבט אים נישט קיין איינציק װאָרט!

ס'איז דער „כדור־ארץ" װײַטער
װי ער איז אַמאָל געװען,
פון דער שאַפונג נישט גערירט זיך
נאָר אַזוי געבליבן שטיין...

אויב זי שטייט נישט, איז נאָך ערגער,
הענגט זי פּשוט אין דער לופט,
װי אַ דאַטשעניק אין האַמאַק
הענגט זי רויִק און זי שלאָפט...

זי גיט װײַטער איר יניקה
פאַר דעם מענטש און שאָף און רינד,
װי אַ שלאָפנדיקע מאַמע
האָט די ברוסט אין מויל פון קינד...

יאָ, די ערד־קויל שטייט און דינט אונדז
און דערפילט צו אונדז איר פליכט,
זי גיט שפּײַז פאַר אַלץ װאָס לעבט נאָר,
זי גיט רעגן, לופט און ליכט!

נאָר די מענטשן נעבעך דרייען
און פאַרדרייען אויך די װעלט,
איינער דװקא װיל פון צװייטן
הויך און העכער זײַן געשטעלט...

איינער װיל דעם צװייטן דװקא
באָדן אין אַ בלוטיקן באָד
און מען דרייט זיך און מען כשופט
זיך אַליין אַרײַן אין ראָד...

יאָ, דאָס װעלטל װאָלט געװעזן
גאָר אַ װויל און גוטע זאַך,
װען די מענטשן דרייען נישט
אַרום זיך אויף איר איבערפלאַך!...

(„מאָרגנצײַטונג" נאָװעמבער 16 — 1935)

עס אַרט מיך נישט איר זאָלט עס וויסן

„דער טאָג אין גראַמען"

(רובריק „הײַנט")

נישט די קלאַנגען פון מײַן מוזע
לאָז איך דורך די סטראָפן הערן,
נישט מיט דיכטערשע פאַנטאַזיע
דאַרפן אײַך די סטראָפן נערן;

מײַנע סטראָפן, נישט באַהויכטע
זענען פון דעם רוח־הקודש,
כ׳שרײַב דאָך זיי אײַך י ע ד ן טאָג, די
גאַנצע ד ר ײַ ס י ק טעג אין חודש...

מײַנע סטראָפן, נישט פאַרגלײַכן
קאָן מען צו אַ סערענאַדע,
קיין פ אָ ע מ ע קיין ס אָ נ ע ט,
אפילו נישט צו קיין ב אַ ל א ד ע...

כ׳וואַרט נישט ווען איך זעץ זיך שרײַבן
ביז די מ ו ז ע גיט אַ קיצל,
כ׳קום צומאָל אַפילו אָפּעט
מײַנע סטראָפן מיט אַ וויצל,

כ׳נעם די טעמע ווי עס לאָזט זיך,
יעדן טאָג אַזויפיל נײַעס,
זענען נאָר די נײַעסן גוטע,
קומט מיר צו אַ שטיק מיט חיות...

און די סטראָפן ווערן פריידיק,
ס׳זינגט אַרויס ביי מיר פון האַרצן, —
נאָר ווען טרויעריק איז די נײַעס,
ווערט אַרומגעהילט אין שוואַרצן — —

מײַן געמיט און ס׳גייען ווערטער
אָנגעפילט מיט בלײַען שווערע
און איך פיל אַז כ׳טו אָן לייענער
דעמלט פשוט אַן עברה...

— — — — — — — — — — — — —

מײַנע סטראָפן — נישט באַהויכטע
זענען פון דעם רוח־הקודש,
כ׳שרײַב זײ דאָך אײַך יעדן טאָג, די
גאַנצע דרײַסיק טעג אין חודש;

דאָך, איר מעגט מיר ערלעך גלויבן,
(קײנער טראַכט דערפון מסתמא),
אַז גאַנץ אָפט װען כ׳האַלט אין שרײַבן
גיט אַ ציטער מײַן נשמה...

(„מאָרגנצײַטונג", דעצעמבער 12 — 1935)

די צעשטערטע אידיליע

כ׳בין געקומען בין־השמשות
נעכטן אינעם „ראָסעדאַל"
און געשפּילט זיך מיט אַן
אונטערגײענדיקן זונען שטראַל;

ס׳האָבן דאָרטן צאַרטע בלומען
לײַכט געװיגט זיך פול מיט פּראַכט,
ס׳איז די זון געגאַנגען שלאָפן
און געזאָגט אַ גוטע נאַכט...

קילע װינטלעך האָבן מיך אין
פּנים אָנגענעם געגלעט,
שטערנדלעך אויף בלויען הימל
האָבן זיך װי אין געװעט — — —

אָנגעצונדן און געיאָגט זיך
אויסצושיסן מיט אַ שטראַל,
װעלכער זאָל װאָס שנעלער גרײכן
ביז אַראָפּ צום ר אָ ס ע ד אַ ל...

און דער װאַסער־שפּיגל האָט
גערונצלט שוין זײַן זילבער־גלאַנץ
און געלאָזט זיך שימערירן
װײַט אַהין אין כװאַליעס־טאַנץ...

בלעטלעך אויף די הויכע צווייַגן
האָבן זיך געסודעט שטיל,
פאָרלעך האָבן זיך געאָרעמט,
און שפּאַצירט ווי אָן אַ ציל...

און די נאַכט איז צוגעפאַלן
באַלד נאָך זונען־אונטערגאַנג
און אַ פּאָרל האָט געזוכט אין
שאָטן ערגעצוווּ — אַ באַנק.

און זיי זיצן שוין באַהאַלטן
אינעם שאָטן פון אַ בוים,
שווער איז זיי דאָרט צו באַמערקן,
פון דער נאָענט מען זעט קוים... — — —

ק אָ ן מען לעבן, נאָר מען ל אָ ז ט נ י ש ט,
נאַדיר פלוצלינג אַ פאַרדרוס:
פונקט אין שאָטן נעבן זיי דאָרט,
צינדט זיך פלוצלינג אָן אַ „לוס"!...¹)

(„מאָרגנצייַטונג" דעצעמבער 16 — 1935)

דיכטונג און לעבן

(מעדיטאַציע)

עס מאַכט זיך, אַ דיכטער ווערט ליריש געשטימט,
עס צערטלט די מוזע און גלעט אים
און שפּרייט פאַר אים ו ו י ז י ע ס אויף בלויען זעפיר,
און קיצלט זייַן האַריץ און זי בעט אים:

לאָז אָפּ שוין די זאַכן פון לויפנדער וואָך,
דאָס זענען דאָך גלעזערנע שערבלעך;
די לאָז בעסער הערן דאָס לויטערע וואָרט,
וואָס מאַכן דעם דיכטער אומשטערבלעך...

עס לויפט דער פּעגאַזוס מיט דיר אין גאַלאָפּ,
טאָ האַלטזשע אים צו בײַ די לייצעס;
די הער זיך נישט צו וואָס דער לייענער פאַרלאַנגט
און פאָלג נישט דער לייענערנס עצות...

---

1) אַן עלעקטרישע ליכט

דו שרײַבּ בּעסער ד אָ ס, וואָס דײַן האַרץ דיר דיקטירט,
אַזוי ווי דו פלעגסט אַמאָל שרײַבּן — — —
דו האָסט זיך נאָך דעמאָלט מיט קיינעם געצײלט,
און ווערטער ווי פּ ע ר ל פלעגסט קלײַבּן...

געדענקסט, ווען געווען בּיזט קוים צוואַנציק יאָר אַלט,
דו בּיזט דאַן בּיים טײַכל געזעסן,
געפילסט האָסטו דעמלט שוין זיך אַזוי אַלט,
דערמאָן זיך, מען דאַרף נישט פאַרגעסן...
— — — — — — — — — — — — —

— — — בּיי דעם טײַכל נעבּן בּריקל
ליג איך טעגלעך שעהן לאַנג,
און געדאַנקען מיך פאַרוויגן,
נאָך מײַן יוגנט טוט מיר בּאַנג...

ווי דאָס וואַסער שנעל פאַרפלאָסן
איז מײַן שיינע יוגנט צײַט
נאָר אין טײַכל שווימט אָן פרישעס
און בּיי מיר איז אַלץ שוין טויט...
— — — — — — — — — — — — —

געדענקסט, ווען דו האָסט אויף די בּערג זיך געדראַפּעט,
די „אַלפּן" די „טאַטרעס", „בּעסקידן" ?"
געהויבּן זיך העכער, אַרויף צו די הימלען,
בּיסט גליקלעך געווען און צופרידן.

און דאָך האָט אַן אומעט געדריקט און געקוועלט דיך,
און שטיין בּיסטו פּלוצלינג געבּליבּן
און האָסט אַ פּאַפּיר מיט אַ בּלײַשטיפט גענומען
און האָסט דאַן אין בּענקשאַפט געשריבּן : — — —

— — — אויף די הויכע פעלזן שטיי איך
געדאַנקען האָבּ איך טריבּע ;
וואָס איך שטײַג אַלץ העכער, העכער,
עס שטײַגט אַלץ מיט די ליבּע...
— — — — — — — — — — — — —

עס מאַכט זיך אַ דיכטער ווערט ליריש געשטימט,
עס צערטלט די מוזע און גלעט אים ;
און גלײַכצײַטיק מאָנט זי, און האָט צו אים טענות
און קאָן נישט פאַרגעסן דעם חטא אים...

— וואָס וואַרפסטו מיט ווערטער צום ריטם און גראַם,
דעם אוצר וואָס איז דיר באַוויליקט?
און פילסט נישט אַפילו ווי דו האָסט דאָס גאָלד און
דעם חסד פון הימל פאַרביליקט...

גיב, דיכטער, אַ קוק צו דעם הימל אַרויף,
ווי עס שײַנט אַלץ די בלאַסע ל ב נ ה
און ס׳פונקלען די שטערן, די אוצרות פון גאָלד,
דאָס איז דאָך פאַר ד י ר אַ מ ת נ ה!...

וואָס טויג דיר קאַרעאַ, צי ו י ן, צי ב ע ר ל י ן,
צי ערגיץ דאָרט שטורמישע וואַלן?
צי קאָנסטו פאַרגלײַכן דאָס אַלץ פון דער ערד,
צום גאָלד פון די זוניקע שטראַלן?...

קורץ איז דאָס לעבן פון מענטש אויף דער ערד,
עס גייען די דורות און קומען,
נאָר בלויז די מ י ס ט ע ר י ע פון וועלט־אַל בלײַבט יונג
און לענקט מיט דעם גורל דעם שטומען...

וואָס העלפט דען דאָס שרײַבן פון פרידן און קריג,
אַז ג ו ר ל באַשטימט אַלע וועגן?
וואָס האָבן געהאָלפן אַ רעמאַרק, ב אַ ר ב י ס,
וואָס האָבן געשטעלט זיך אַנטקעגן?...

לאָז אָפּ שוין די זאַכן פון לויפנדער צײַט,
דאָס זענען דאָך גלעזערנע שערבלעך;
די לאָז בעסער הערן דאָס לויטערע וואָרט
וואָס מאַכן די דיכטער אומשטערבלעך!...

— — — — — — — — — — — — —

האָבן איך אויסגעהערט די טענות
פון דער מוזע, לעצטע נאַכט,
און איך בין שוין נישט געשלאָפן,
נאָר געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט

און צום שלום בין איך געקומען,
אַז דער הימל מיט די שטערן,
וועלן אָ ן דעם דיכטערס לידער...———

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

(„די יידישע צייטונג", 6טן אָקטאָבער, 1950 — פראַגמענט)

ל כ ב ו ד ח נ ו כ ה

(געגראַמטער רעפּעראַט)

„אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן אַ צאָל".

———————————————

חנוכה אַמאָל און היַינט, אַלטע און די ניַיע פּיַינט,
כאָטש זיי זענען גאַנץ פאַרשידן, איז עס אַלץ די זעלבע קייט,
וועלכע ציט זיך און זי גייט מיט געשיכטע פון אונדז ייִדן;

———————————————

— אַנטיאָכוס הרשע, דער מלך פון י ו ן,
די שנאה פון אים האָט געיאַטערט,
געוואָלט האָט ער לעשן דאָס הייליקע פלעמל
וואָס האָט אין בית־המקדש געפלאַטערט...

ניַשט אַנדערש, נאָר חזיר האָט ער אונדז געצוווּנגען
אויף כח מיר זאָלן דאָס עסן;
געוואָלט אונדז מיט חזיר פאַרגיסן די הערצער,
מיר זאָלן די תורה פאַרגעסן...

נו, האָט מ ת ת י ה ו מיט די ח ש מ ו נ א י ם
געקעמפט און די ציַיט נישט געפּאַטערט,
באַזיגט דאַן דעם שונא און אין בית־המקדש
דער הייליקער פלאַם האָט געפלאַטערט...

און שפּעטער, אין גלות, פון רוימער פאַרטריבן:
 י ש ר א ל פאַרלאָזט נישט די תורה;
צוזאַמען מיט תורה, ער פירט מ י ט בטחון
אין גלות מיט זיך די מ נ ו ר ה!...

און המן הרשע, דער ערשטער מיניסטער
ביים פּערסישן צאַר א ח ש ו ר ו ש,
ער האָט זיך פאַרשווירן פאַרטיליקן ייִדן,
א ו מ ב ר ע נ ג ע ן אַלע, ב פ י ר ו ש...

ביז אסתר ה מ ל כ ה... נישט וויכטיק די פּרטים,
דעם וויכטיקסטן, איינציקן פּרט הערט,
אַז המן הרשע דעם קאָפּ האָט געבראָכן
דאָס פלעמל האָט וויַיטער געפלאַטערט!...

און קרייץ־ריטער שפּעטער, זיי האָבן צעשפּרייט זיך
ווי פינצטערע גרויזאַמע פּ ע ס ט ן
און האָבן פאַרניכטעט מיט חיהשער ווילדקייט
אומצאָליקע יידישע נעסטן...— — —

און וואָס האָט געטון צו ד ע ר בייזער רשעות,
דער ל יַ ד ע נ ד ע ר יידישער צד? — הערט:
אין ליַידן און פּיַין אַלץ דאָס ליכטל געצונדן,
דאָס קנייטל האָט וויַיטער געפלאָטערט!...

דערנאָך — א י נ ק ו ו י ז י צ י ע! די פינצטערע שפּאַניע,
אַ המן אַ נײַער — אַוודאי!
דער זעלביקער המן, אַן אַנדערער נאָמען,
ער הייסט איצט שוין ט אָ ר ק׳ו ע מ אַ ד ע!...

ער זוכט אויף די בוידעמס, ער זוכט אין די קעלערס,
צי איז ווו אַ ייִד נישט פאַראַנען;
זיין האַס איז נאָך גרעסער און טיפער און ווילדער
צו ד י וואָס מען רופט זיי מ אַ ר אַ נ ע ן...

די כלומרשט געשמדטע וואָס גייען אין קירכע
און טראָגן אַ צלם פון אויבן,
נאָר פראַווען ס ד ר י ם און זינגען „כל נדרי"
און היטן געהיים זייער גלויבן...

אויף אויטאָ־דאַ־פעס און אויף שיַיטערס מיט פיַיער
האָט ע ר די מאַראַנען געמאַטערט,
נאָר ס׳קליינינקע ליכטל דאָרט ערגיץ אין קעלער,
האָט ווייטער, מיט האָפנונג ג ע פ ל אַ ט ע ר ט!...

אויך באָגדאַן כמעלניצקי, דער קוילער פון ייִדן,
צעזאַמ מ ט דער צײַט איז פאַרשוווּנדן,
דאָס הייליקע פלעמל מיט נײַעם בטחון,
געהיילט האָט די יידישע וווּנדן...

די רוסישע צ אַ ר ן, „טשערטאָס" און די „נאָרמעס"
דער דרייפוס־פּראָצעס און „עלילות", — —
זיי האָבן מיט שנאה קאָשמאַרן געשפּרייט
אויף טויזנטער יידישע ק ה י ל ו ת!...

רשעים האָט שטענדיק דער יידישער ריח
די גיפטיקע נעזער פאַרקאַטערט
און „הנה לא ינום״ — דאָס יידישע ליכטל
האָט ווײַטער מיט האָפנונג געפלאַטערט!
ביז ענדלעך געקומען דער גרויזאַמסטער המן
דער נאַצישער ברוינער רוצח,
וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אינגאַנצן פאַרניכטן
די ייִדן אויף ברוינעם מזבח...

און ער האָט די רשעות פון פעלקער געזאַמלט
און זי מיליטעריש „פאַרגאַטערט״
מיליאָנען פאַרניכטעט פון אונדזערע ברידער
— — — נאָר ס'ליכטל האָט ווייטער געפלאַטערט!..
דאָס קליינינקע ליכטל האָט איבערגעלעבט שוין
די וועלטישע רשעות און שנאה,
און וועט זיך צעפלאַקערן ליכטיק און הייליק
אין ארץ, אין אונדזער מדינה!...
(„די יידישע צייטונג״ — 28טן דעצעמבער 1961)

דער לאַמעדוואָוניק
(לעגענדע)

— א —

געוועזן אַ טרעגער פון וואַסער ביי קהל
איז יאָסקע, דער גראָבער מגושם;
אויף מערער ווי שלעפּן די קאַנען מיט מילך,
געדינט האָבן אים נישט די חושים.
גאַנץ פרי, פאַר באַגינען האָט ער זיך געוויגט שוין
מיט קאַנען ווי „מזל מאזנים״.
דאָס ערשטע האָט ער זיך געלאָזט צו ר' פּיַוולען
דעם שענקער צו טרינקען — לחיים!

און כאָטש אונדזער יאָסקע געווען איז לא עלינו,
אַ פּשוטער גראָבער עם־הארץ,
איז ער ביי לחיימס צו מאַכן געוועזן
אַ גאון, אַ טרינקער אַ חרוץ!...

ער האָט שוין אפילו ביי פּיַזול דעם שענקער
פאַרזעצט פאַר אַ טרינק זײַנע קאַנעָ,
און קהל האָט געמוזט באַלד דעם משכון אויסלייזן,
עס האָט נישט געהאָלפן קיין טענהן...

ווײַל וו ע ר וועט דען שלעפן פון טײַך ביזן שטעטל
דאָס וואַסער, ווען נישט דער מ ג ו ש ם?
עס איז דאָך אַ שטעטל פון לויטער בני־תורה,
ח ס י ד י ם פאַרוויינטע ח ל ו ש י ם...
נו — מילא, איז יאָסקע געווען אין דער מעלה,
געפירט זיין געשעפט „ביד רמה",
די קאַנען מיט וואַסער און ס'פלעשל ביי פּיַזולען — —
געווען איז זיין גאַנצע נשמה...

די יאָרן, זיי לויפן, שוין צוויי מאָל שמונה־עשרה
האָט יאָסקען פאַרפלייצט ווי אַ כוואַליע,
אָ ן חופּה־קדושין, אָן אייביקער בחור,
עס מאַכט זיך פאַר אים נישט קיין כלה...
אפילו ירוחים, דער שטעטלשער שדכן,
באַרימט אַלס דער שוּעלסטער „פאַרקנאַסער",
האָט אויך נישט געפונען פאַר יאָסקען קיין שידוך,
וו ע ר וויל דען אַ טרעגער פון וואַסער?...

— ב —

מאַכט זיך אַ מעשה, עס מאַזלען די קינדער,
עס הערשט אינעם שטעטל אַ קליפּה
און קהל באַשליסט צו פאַרקנאַסן דעם טרעגער
און שטעלן אַ „שוואַרצינקע" ח ו פּ ה.
מען נעמט שרה־ביילען, אַן אַלטע יתומה
וואָס דינט שוין ביים רב אַ סך יאָרן,
(עס איז נאָר אַ װוּנדער וואָס ז י איז ביים שדכן
אינגאַנצן אַרויס פון זכרון...)

מען פירט חתן־כלה צעווישן מצבות,
אַבי צו פאַרטרײַבן די קליפּה;
דער ר ב איז מ ס ד ר, דער חזן זינגט „מלא"
און יאָסקע שטייט אונטער דער חופּה;

אונ הפלא ופלא, ס'איז גאָרנישט דער יאָסקע,
דער אייביקער טרעגער פון וואַסער;
עס איידלט זיך אוים זײַן מגושמדיק פנים
און ס'ווערט עפּעס בלאַסער און בלאַסער... — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

— ג —

עס רעשט זיך אין שטעטל, אַן אויסטערליש נײַעס,
ר' יאָסקע דער טרעגער איז חרוב;
געפאַלן חלשות דאָרט אונטער דער חופה —
די גאַנצע קהלה איז ערב...
עס העלפט נישט קיין וואַסער, קיין בראָנפן אפילו,
ער רירט זיך שוין נישט מיט קיין אבר,
און באַלד, אויף דעם זעלביקן פּלאַץ פון דער חופה —
מען גראָבט פאַר אים אוים שוין אַ קבר...

נו, דאַרף מען דען מערער באַווײַז צו באַווײַזן,
צי דאַרף מען אַ שטאַרקערע סברא,
אַז יאָסקע ז'געווען אַ באַהאַלטענער צדיק
וואָס העלפט אין אַ יעדער עת־צרה?
דערצו, ווען אין שטעטל איז אַלעס נישקשה,
די קינדער, זיי נעמען שוין שוויצן;
די מאַמעס, זיי האָבן זיך ענדלעך באַרואיקט,
מען זעט שוין אין מאַרק אַלע זיצן.

און ס'וואַקסן לעגענדעס אַזוי ווי די שוואָמען,
ווייל יעדער דערציילט נײַע וווּנדער,
ווי דער לאַמעדוואָווניק, דער טרעגער פון וואַסער
האָט מקריב געווען זיך פאַר קינדער...
ווער שמועסט, זײַן מצבה, געווען אַזאַ גרויסע
מיט צוואַנציק למדנישע טיטלען,
און ווו נאָר אַ צרה — איז „רײַסן זײַן קבר"
געווען פון די זיכערסטע מיטלען...

— ד —

און ס'שטעטל צעוואַקסט זיך, פּרנסה — בשפע,
באמת, כדאי צו דערציילן;
עס קומען צו פאָרן סײַ רײַך און סײַ אָרים,
ממש פון הונדערטער מײַלן!...

מען קומט דאָרט צו פאָרן צום קבר פון צדיק,
מען בויעט אַ שיל שוין אַ נײַע;
און אַט, — אַ ישיבה, עס קומען למדנים,
אַ לעבן גייט אויף, אַ מחיה!...

— ה —

אַ דור איז פאַרגאַנגען, אַ נײַער געקומען,
און ווײַטער געשפּינט די לעגענדע,
ביז מבול פון פײַער געמאַכט האָט פון אַלעם
אַ שוידערלעך טרויעריקע ענדע...
עס איז שוין אין שטעטל קיין ייִד מער געבליבן
און חרוב איז אויך דער בית־עולם;
נישטאָ מער קיין שילן, געבליבן בלויז שטיין איז
דער קלויסטער, געשטרעקט ווי אַ גולם —

וואָס גלאָצט ווי מיט חידוש אַהין צום בית־עולם,
צום קבר פון יאָסקע דעם פרומען,
ווו צווישן די שפּליטער פון יאָסקעס מצבה,
עס וואַקסן אַרויס דאָרטן בלומען...
און ס'שרעקן זיך גויים די בלומען צו רײַסן,
זיי שרעקן — דאָס זענען נשמות
פון זיי'רע קרבנות; זיי ווייסן, דאָס שטעטל
געוועזן נאָך ערגער פון סדום איז!...

די גויים פון שטעטל, זיי האָבן געגנישטערט
אויף בוידעמס, אין קעלערס, אין גריבער,
זיי האָבן געלויערט אויף ייִדישע קינדער
מיט האַס און בעסטיאַלישן פיבער,
געשלעפּט די קרבנות, אַרויס פון די בונקערס
און קינדער געוואָרפן פון דעכער
און ס'האָבן געיובלט די היימישע מערדער
צוזאַם מיט די נאַצי־פאַרברעכער... — — —

— — — נישטאָ מער קיין ייִדן. געבליבן איז דאָרטן
אַ וואַיטעק, אַ בארטעק, אַ יאַנעק,
וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשיקן די ייִדן
קיין אוישוויץ, טרעבלינקע, מײַדאַנעק...

צעבליט זיך אַ בלימל דאָרט אויפן בית־עולם,
זיי שרעקן, ס'איז יאָסקעס נשמה...
זיי הערן דאָס קלאַפּן פון קאַנען און קולות:
— נקמה! נקמה! נקמה!...

(געדרוקט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס אין אַ ריי אויסגאַבעס און לעצטנס, אַ נייע וואַריאַציע, אין „די יידישע צייטונג" סעפּטעמבער 1963 און אין „געדענק־בוך „גאַליציע").

דער פּייט
(לעגענדע)

— א —

פאַרמאַכט די געשעפטן, פאַרשלאָסן די הייזער,
מען זעט נישט קיין מענטש אין די גאַסן;
עס דרייט דער „משינאָוועק" אַרום זיך אַ בייזער,
נישטאָ היינט מיט וועמען צו שפּאַסן...
עס שטייען פאַריתומט אין מאַרק־פּלאַץ די שטענדער,
דאָס ראַט־הויז זעט אויס ווי געשטאָרבן,
דאָס גרעסטע געשעפט פון דעם רייכן ר' סענדער — —
פאַרהאַקט, ווי פון שרעק פאַר אַ חורבן...

ווו זענען די מענטשן וואָס האַווען און שמייען,
ווו זענען די פּויערים מיט וועגן?
ווו זענען די יידן וואָס זוכן צו לייען
אַ קערבל — ווען ס'ווייב איז „געלעגן?"...
ווו זענען די סוחרים מיט אַלערליי סחורות
וואָס קומען דאָ אייביק צו פאָרן?
דער האַנדל און וואַנדל וואָס ציט זיך פון דורות,
וואָס איז ער אַנטשוויגן געוואָרן?...

— ב —

נאָר זאָרג זיך נישט קינד מיינס, ס'איז גאָרנישט חלילה,
און טראַכט נישט פון שלעכטן און בייזן;
ס'איז דערמלט דער טאָג פון דער גרויסער מחילה, —
יום־כפור ביי יידן געוועזן;

אונ יעדער בן־אדם, די קינדער אפילו
וואָס קענען נאָר יידישקייט פילן,
זיי האָבן געבעטן אַ האַרציקע תפילה,
געקלאָגט און געוויינט אין די — שילן...

— ג —

און איינמאָל יום כפור, דער עולם צעשראָקן,
דער רבי שטייט שטיל פאַר דעם עמוד;
עס הערן זיך פלוצלינג פון קלויסטער די גלאָקן,
דער ר ב י ער בעט נישט ווי ת מ י ד...
ער שטייט ווי פאַרגליווערט מיט אויגן פאַרגלייזטע,
באַוועגט נישט אפילו די ליפּן,
דער עולם אין טויט־שרעק אין קיטלען פאַרוויַסטע,
פאַרגייט זיך אין שטילינקען כליפּען...

פאַרגאַנגען אַ שעה שוין, די צווייטע אַריבער,
די דריטע איז אויך שוין פאַרפלויגן;
דער רבי — ער ציטערט אַזוי ווי אין פיבער
און עפנט נאָך אַלץ נישט די אויגן...
עס פלאַטערט דער עולם אין שווידער און שרעק,
די וויַבער, זיי חלשן שיעור,
— נישט אַנדערש, אַ גזירה די וועלט זאָל זיך עקן, — — —
דער ר ב י, ער שטייט אַלץ ווי פריער!

אַ שטילקייט אַ טויטע, פון שרעקלעכער מורא —
פאַרהאַלטן דעם אָטעם די ווייבער,
עס ריַסט ל ו י ־ י צ ח ק אַרויף זיך צום בורא,
מען הערט נאָר דאָס טרעסען פון ציינער...
— — — — — — — — — — — — —

— ד —

איצטער, קינדר־מיַנס, הער זיך צו
גאָר אַ ניַע מעשה:
— אויף אַ ישוב ערגיצוו
צווישן פעלזן וויַסע,
האָט געלעבט אַן אַרענדאַר
אויפן פעלד פון פּריץ,
טריַ געווען צו גאָט און האַר,
נאָר — אַן עם ־ ה א ר ץ...

האָט דער ייִד געהאַט אַ זון,
באַלד שוין אַ בר־מצווה,
פלעגט ער אַליך אין פעלד שוין טון,
אויסצומיידן קצבה...
זעלטן־ ווען געוווסט פון שלאָף,
שטענדיק וואָס געטועז,
ליב געהאַט צו פאַשען שאָף,
דעמלט פלעגט ער רוען.

און געהאַט אַ פייפערל,
ליב געהאַט צו שפּילן;
נישט געזען קיין ספרל,
נישט געוווסט פון שילן...
וויַיט געווען פון ייִדישקייט,
נישט געליובט דעם בורא;
פון אַ שטאָט געווען וויַיט,
נישט געוווסט פון תורה...

שטענדיק נאָר אין פעלד געשפּילט
זיַינע צאַרטע טענער,
האָט די נאַכט דאָס פעלד פאַרהילט,
פלעגט ער שפּילן שענער...

— ה —

און דער טאַטע, דער רענדאַר,
אָט, דער עם־הארץ,
נישט געטראַכט האָט פון געפאַר,
נאָר געדינט דעם פּריץ;
נישט געטראַכט — דער זון ווערט גרויס
דאַרף מען אים דערציען,
אַז דאָס נישט געלערנט אות
קאָן אין קאָפּ נישט פליען...

און אַזוי עס גייען טעג
און עס לויפן יאָרן,
אָן אַ מדריך, אָן אַ וועג———
צוועלף יאָר אַלט געוואָרן...

איז דער פּאַסטוך אויפן פעלד,
אָן געדאַנק אָן צווייפל,
נישט געוווּסט פון גאָלד און געלט,
נאָר געליבט זײַן פּײַפל...

— ו —

פּלוצים האָט דער פֿאָטער זיך
צוגעקוקט צום לעבן
און באַשלאָסן אויף דער גיך
זײַן אין שטאָט ב ײ ם ר ב י ן.
ס'קומען פּונקט די גרויסע טעג,
לאָזט ער זיך צופרידן
מיטן זון אין ווײַטן וועג,
ווײַזן אים אַ ייִדן...

און אַזוי עס איז געשען:
אָן אַ וועלכער ס כ נ ה,
זענען זיי אין שטאָט געווען,
פּונקט אויף ראש־השנה!...

— ז —

ווען דער פּאַסטוך האָט געזען צום ערשטן מאָל די שטאָט,
ווי די ייִדן לויפן בעטן אין דער שיל צו גאָט,
האָט זײַן הערצל אויפגעצאַפּלט פון אַ נײַ געפיל,
און ער האָט געכאַפּט דאָס פּײַפל אויף צו טון אַ שפּיל — — —

נאָר דער פֿאָטער האָט דערמאָנט אים — „ס'איז אַ הייליק הויז",
האָט דאָס פּאַסטוכל געפילט ווי ס'גייט אים ס'חיות אויס...
איז אַזוי דער ראש־השנה לאַנגזאַם זיך פאַרבײַ
און דער פּאַסטוך האָט געפילט אין האַרץ אַ שטאַרקן ווײַ:

— אַלע ייִדן קענען דאַוונען מיט געוויין פאַר גאָט,
ער אַליין נאָר ווייס פון גאָרנישט און ער איז צו שפּאָט...
יעדער בעט צו גאָט מיט פײַער, מיט אַזויפיל ב ר ע ן,
מיטן פּײַפל וואָלט ער אויך געוויזן וואָס ער ק ע ן!...

ווען דער עולם האָט פאַרזאַמלט זיך אין פריי־באַגין
אין די שילן פול מיט פּחד פאַר דעם יום־הדין,
האָט דער פאַסטוך טיף אין האַרצן אַזוי שטאַרק באַגערט,
איינמאָל כאָטש אַ פייף צו געבן — נאָר דער פאָטער שטערט.

שטייט ער און ער גלעט דאָס פייפל מיט דער האַנט אין טאַש,
און ער הערט ווי ס'וויינען יידן, שרעקט אים אָפּ דער רעש...

— ח —

נאָר די שרעקעניש ווען דער רבי איז
שטיל געבליבן שטיין
מיטן דאַווענען און דער עולם האָט
קוים פאַרשטיקט ס'געוויין,
און אַ ציטערניש האָט אַרומגעשוועבט
און פאַרפולט די שיל,
האָט דאָס פאַסטוכל זיך געריסן אַלץ
אויף צו טון אַ שפיל...

האָט דער פאָטער אים שוין נישט אָפּגעלאָזט,
אויף קיין איין מינוט,
נאָר געוואָרנט אים מיטן האַרבן וואָרט:
— „ס'וועט זיך גיסן בלוט!"...
איז אַ שעה פאַרביי און אַ צווייטע שוין,
ס'וואַקסט אין שיל די שרעק,
קיטלען ווייסינקע שפּרייטן אויס פון זיך
פּחד און אַ ברעג...

רוקט זיך ס'פּאַסטוכל שטילינקע אַפויר
פון דעם פאָטערס הענט,
גנבעט זיך אַהין ביז צום עמוד צו,
ס'גליט אין אים און ס'ברענט
און ער האַלט נישט אויס, כאַפּט דאָס פייפערל,
ס'מאַכט זיך אַ געלייף,
יידן לויפן צו — נאָר דאָס פּאַסטוכל
האָט געטון אַ פייף!...

— — — — — — — — — — — — — — —

— ט —

ווילן יידן אים פּשוט ממיתן, — הערט נאָר אַזאַ זאַך!
ס'שטייען יידן דאָ אין איין ציטערניש איינגעהילט אין שמאַך,
קומט אַ פּאַסטוך גאָר מיט אַ פּײַפערל און ער פּײַפט אין שיל,
ווען מען פירט אויף אים אַרבע־מיתות אוים וואָלט עס זיין ניט פילן!

נאָר אַ נס געשעט, גאָר אַ וווּנדערלעכס, וואָס פאַרטושט די לייד,
אויסגעלײַטערט האָט זיך דער רבי שוין און ער זינגט מיט פרייד...
ס'פּנים שײַנט אים שוין, אויגן בליצנדיק, לוסטיק זײַן געזאַנג,
טענער רײַסן זיך, שפּאַלטן הימלען דורך מיט אַ ריינעם קלאַנג;

תפילות גיסן זיך — פרות צײַטיקע, פאַר דעם הימל רײַף
און דער עולם האָט לאַנג פאַרגעסן שוין אָן דעם פּאַסטוכס פײַף...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— י —

אויסגעבעטן גוטע קוויטלעך, האָבן יידן אָפּגעפּאַסט,
אָפּגעפּטרט די עבירות, פרײַ געוואָרן פון דער לאַסט,
עסט מען אָפּ אַ זאַטע סעודה און מען לויפט אין רבינס הויף,
ס'ווערן לעבעדיק די גאַסן, ס'רעשט זיך ווידער אָן אַ סוף...
און דער רבי, אַ צעשטראַלטער, זיצט זיך אויבנאָן ביים טיש,
גאָרנישט קענטיק איז דער תענית, ס'פּנים שײַנט געזונט און פריש
און ער נעמט ערשט איצט דערציילן וואָס עס איז מיט אים געשען,
ווען ער האָט דרײַ שעה געשוויגן, — ר'איז אין הימל דאָן געווען!...

— י"א —

— זינדיק איז געווען קהל,
אײַנגעפּרעסט אין האַנט פון שטן,
וועלכער האָט אויף זיך גענומען
אונדזער קהלה אויסצוראָטן!...
האָב געוואָלט איך זיך באַמיען
צו צערײַסן די גזרות,
נאָר דער וועג צו שערי־רחמים
איז פאַרלייגט מיט פּעק עבירות;

טורם־הויך אין שטיין פאַרוואַנדלט
שטייען זיי אַזוי ווי מויערן
און פאַרשטעלן — מײַנע תפילות
זאָלן נישט אַדורך די טויערן...

האָב איך זיך געלאָזן זוכן
ערגעצווו אַ וועג אַ פרײַען
אום דעם בייזן ג ז ר צו צ'רײַסן,
א ײַ ך פון יעדער נויט באַפרײַען...

נאָר אומזיסט געווען מײַן זוכן,
איבעראַל פאַרשפאַרט די וועגן;
ווו עס קוקן מײַנע בליקן,
טאַנצט דער שטן מיר אַנטקעגן...
האָב איך שוין געפילט דעם יאוש
ווי ער דרינגט מיר אין די ביינער,
אויב אַז א י ך וועל דאָ נישט העלפן,
וועט שוין דאָ נישט העלפן קיינער!...

שוין געחתמעט די גזרה,
פון דעם משפט פון דעם האַרבן,
קאָן שוין מער קיין זאַך נישט העלפן,
אַ ל ע יידן מ ו ז ן שטאַרבן...
פלוצלינג האָבן אַלע הימלען
אויפגעווירבלט פון אַ ציטער,
אַלע מויערן אײַנגעפאַלן —
פרײַ דער וועג צו גאָט דעם היטער!...

ו ו ע ר ע ס ה אָ ט ד י ק ו נ ץ באַוויזן
צו באַזיגן הײַנט דעם ט ײַ פ ל? — — — —
ברענגט אַהער דאָס פאַסטעכל
צוזאַמען מיט זײַן ע ר ד ן פ ײַ פ ל...
א י ם האָט איר הײַנט אײַער לעבן,
טאַקע א י ם נאָר צו פאַרדאַנקען,
ר'האָט געפועלט מיט זײַן פ ײַ פ ל,
גאָטס רחמנות זאָל נישט צאַנקען...

א י ר אין קיטלען און טליתים,
זענט געווען אין מאַכט פון טײַפל,
נאָר די ריינסטע ריינע תפילה
איז אַרויס פון פאַסטוכס פײַפל

אונ זי האָט אַדורכגעבראָכן
אַלע שערי־השמים
און אנשטאט די בייזע גזרה — —
אויסגעקעמפט פאַר אײַך לחיים!...

— — — — — — — — — — — — — — —

(געווען געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „פנימער און פנימלעך" 1927, דערנאָך אין אַנדערע אויסגאַבעס. אויך אַריין אין מײַן בוך „שפּאַס און ערנסט" 1933, און מיט אַ קלײנער װאַריאַציע אויך אין „די יידישע צײַטונג", ראש־השנה־נומער 1963).

דאָס פאַרשוואונדענע פּעקל

(כמעט אַ באַלאַדע)

(צום אָנדענק פון דיכטער לייב מלאך, דעם אויטענטישן העלד פון דעם מעשהלע)

איך וויל אײַך דערציילן רבותי, אַ מעשה,
אַן אמתן פאַקט וואָס געשען איז,
ווי איינער, אַ בחור, אַ הענדלער מיט זאָקן — —
נאָר הערט ווי אַזוי עס געווען איז:

— 1 —

איר קענט דאָך אַוודאי די היגע פּרנסה
צו גיין אין דער גאַס מיט אַ פּעקל;
צו קלאַפּן אין טויערן פון אָרימע הײַזער
און קוועטשן ביי רײַכע דאָס גלעקל?
איר ווייסט דאָך אַוודאי אַז איטלעכער „גרינער"
וואָס קען דאָ פון לאַנד נאָך די שפּראַך נישט,
מוז מוטשען זיך שווער דאָ, אויף ברויט צו פאַרדינען,
ווען ער האָט דערצו נאָך קיין פאַך נישט...

טאָ וואָס זאָל ער טוען אַז ס'ווילט זיך אים עסן —
אַ שטיבל דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן
נו, מוז ער דאָך זוכן אַ שטיקל פּרנסה,
נישט ציילנדיק זיך מיט געפאַרן...
און זוכנדיק, כאַפּט ער זיך ס'ערשטע צום „פּעקל",
צו אַרבעטן „קוענטע" פאַר י ע נ ע ם ,
ער גייט אויף דער גאַס מיט אַ פּאַק אויף דער פּלייצע,
ער דאַרף זיך נישט שעמען — ווער קען אים

ער לערנט זיך אוים נאָר אויף קולות צו שרײַען:
— „האַי קאָלטשעס, קאַרפּעטעס, באַראַטע!...״
און ס׳מאַכן זיך קונים, סײי צאָלער סײַ „קלאַפּוועס״,
פּ ר נ ס ה? — נו, גאָט איז אַ טאַטע!...
וואָס דאַרף דען אַ גרינער מישטיינס געזאָגט האָבן,
אָט האָט איר דעם גאַנצינקען צעטל:
— אַ ב ר ו י ט, אַ באַנאַנע, אַ שטיקל „פּוטשעראָ״,
אַ שמאָלינקע אײַזערן בעטל...

טאָ גייט ער, דער גרינער, און קלאַפּט אין די טויערן
און בעטלט כסדר — אַ קונה
און טראַכט זיך אין האַרצן... אַמעריקע גנב...
פּ ר נ ס ו ת... — ווי כ׳האָב נאָר אַ שונא!...
און כאַפּט ער אַמאָל שוין דאָרט עטלעכע קונים,
„קריאָזשאָס״, צי „לאָקשן״ צי „יעקעס״,
נו, ציילט ער דערנאָכדעם די טויטע „טאַרכעטלעך״
און שעלט דעם געביין פון די „טשוועקעס״....

אָט דאָס איז דער מסחר וואָס רופט זיך דאָ „קוענטע״
די ערשטע פּרנסה פאַר גרינע,
צו „קלאַפּן פאַר יענעם״ און האָבן ק ד ח ת
אין גאָלדענער פרײַער מדינה...

— 2 —

איצטער מוז איך אײַך דערציילן פון אַ מסחר גלײַך צו קוענטע
וואָס איז אַנדערש נאָר געשלײַערט, אָבער איז די זעלבע יענטע.
ווי דער מסחר הייסט, דער צווייטער? — „אַמבולאַנטן״-„וועַנדער-
דאָרן״ —
אויבעט אַזאַ מין פּרנסה וואָס די צײַט האָט דאָ געבאָרן;
צי מען קלאַפּט אויך אין די טויערן מיט אַ שווערן פּאַק? אַוודאי!
ס׳איז דער חילוק נאָר דער איינער, וואָס דאָ האַנדלט מען
„קאָנטראַדע״.
קלייניקייטן, זאָקנבענדלעך, זאַפּינקעס און נאָך אַרטיקל,
איז דאָך ניט כדאי צו באָרגן, ווען עס קאָסט געציילטע ניקל;

שלעפּט מען זיך מיט אַ וואַליזקע איבער לאַנגע ווײַטע גאַסן
און מען דאַרף גאַנץ אָפט צו לײַדן פון אַ „קריאָזשאָס״ ווילדע שפּאַסן;
אָט באַווײַזט זיך אַ „קאָמפּאַדרע״, הייסט זיך ווײַזן גוטע זאָכן —
דראָענדיק מיט אַ רעוואָלווער — און דער „וועַנדעדאָר״ דערשראָקן

גיט אַוועק אים ס׳גאַנצע פּעקל — „נעם אַליין, נאָר שענק מיר ס׳לעבן״
און ער טראַכט שוין פון דער טאַש אים אויך דעם לעצטן סענט צו געבן...
דאָ צעלאַכט זיך דער „קאַמפּאַדרע״, קלויבט זיך אויס אַ פּאָר אַרטיקל
און באַצאָלט אַ גוטן פּרײַז און פרייט זיך מיט זײַן „שפּאַסיק שטיקל״...

חויבט דער וואַנדערער די אויגן, גאָט אַ שבח כאָטש אָפּצוגעבן,
וואָס ער האָט פאַרדינט אַ פּעזע און דערצו — געבליבן לעבן...
דאָס אָ, איז דער גאַסנהאַנדל אין דעם גרויסן בוענאָס אײַרעס,
נאָר וואָס זאָל דער גרינער טוען? האָט ער אַנדערע ברירות? — —

— 3 —

און איצטער קאָן איך שוין דערציילן די מעשה
פון בחור, דעם הענדלער מיט זאָקן;
אַ בלייכער, מיט אויגן וואָס שטענדיק פאַרחלומט,
אַ קאָפּ מיט געקרײַזלטע לאָקן.

— אַ ד י כ ט ע ר! וואָלט יעדער אַף זיכער געשווירן,
אַ טרוימער וואָס שרײַבט פּאָעזיעס:
ווי קומט עס, אַז ע ר זאָל גאָר שלעפּן אַ פּעקל
און האַנדלען אין גאַס מיט מציאות?

נאָר פרעג נישט קיין שאלות, מיר לעבן דאָך עפּעס
אין גאָלדענער פרײַער מדינה;
דאָס פּעקל איז פּאָרט נאָך דאָס איינציקע מיטל
צו שפּײַזן מיט ברויט דאָ די גרינע!... — — —

— 4 —

גייט דער דיכטער מיט זײַן פּעקל, קלאַפּט אין יעדער טיר,
און אין מוח וועבט אַ סטראָף זיך פאַר אַ נײַעם שיר...
עפּעס ווײנט ביי אים אין האַרצן אַזאַ שטיל געפיל,
אויסגיין טויזנט „קוואַדרעס״ טעגלעך, ווהשע איז דער ציל?

קלאַפּן אין אַ יעדן טויער, זוכן אַ קליענט,
רעדן שטום אַן אומבאַקאַנטן לשון מיט די הענט...
ווישן זיך דעם שווייס פון פּנים, מיט דער פלאַך פון האַנט
ביז אַ קונה גיט פאַרדינען ברויט באַשמירט מיט — שאַנד...

זעצן אויף אַ שוועל זיך ערגיץ ווען ער פילט זיך מיד,
און אין מוח פלאָנטערט אַליין זיך עפּעס פאַר אַ ליד...
גייט דער דיכטער מיט אַ פּעקל, קלאַפּט אין יעדער טיר,
און אין מוח וועבט אַ סטראָף זיך פאַר אַ נייעם ש י ר...

— 5 —

און איינמאָל, אַ פרילינגס אַ פראַכט — בין השמשות,
דער דיכטער אַ מידער פון „קלאַפּן",
האָט זיך מיט זיין פּעקל געלאָזט קיין „פּאַלערמאָ"
אַביסל דעם אָטעם אָפּכאַפּן...
און ע ר האָט געזעצט זיך דאָרט אונטער אַ בוים און
באַוואונדערט די בלויקייט פון הימל
און ס'האָט אים דער דופט פון די בלומען און גראָזן
פאַרוויגט באַלד אין האַרציקן דרימל...

דאָס פּעקל מיט זאָקן אַלס קישן צוקאָפּנס,
אַ גראָזענער דיוואַן צופיסן,
אין מוח — אַ לייכטקייט, אַ געטלעכער חלום
קומט אָן אים דעם שלאָף צו פאַרזיסן...
ער זעט זיך אַלס דיכטער פון גאָטעס גענאָדן,
מען צאָלט אים מיט ג אָ ל ד האָנאָראַרן,
נישטאָ אַזאַ לאַנד אויפן כדור־הארץ,
זיין ליד זאָל אַהין נישט אָנשפּאַרן...

און מיידלעך, אַך מיידלעך, ווי ליכטיקע זונען
באַגערן און בעטן זיין ליבע,
זיי קומען ווי נימפן מיט גאָלדענע שיפן,
פאַרטרייבן זיין שטימונג זיין טריבע...
דער סודות־געמורמל וואָס זשומט צווישן בלעטלעך
פאַרוויגט אים אַליך שטאַרקער צו דרימלען,
און גאָלדענע טרוימען דערהויבן דעם דיכטער,
ער שוועבט שוין אין גאָלדענע הימלען!...

די שיינע זשאַזמינדראַ, פרינצעסן פון אופיר,
זי קומט אויף אַ העלפאַנד צו רייטן
און וואַרפט זיך אין שטויב צו באַגריסן דעם דיכטער
ווי נאָר זי דערזעט אים פון וויטן...

— זשאַזמידאַ! זשאַזמידאַ! דו געטלעכעס וועזן! —
דער דיכטער שרײַט אויס אינם שלאָפן:
— שטיי אויף פונעם שטויב שוין, דו ענד־ציל צו וועלכן
געוועגדט ס׳איז מײַן גליקלעכסטער האָפן...

פרינצעסן זשאַזמידאַ פרעסט אָפּ אויפן שטערן
פון דיכטער אַ קוש נישט צום שאַצן
און פירט מיט מוזיק אים, מיט טאַנץ און געזאַנגען
צו זיך, אין די רײַכע פּאַלאַצן!
דער דיכטער, פאַרכשופט פון פּראַכט און פון רײַכקייט,
ברילויאַנטן, זיי שיסן מיט פונקען,
פרינצעסן זשאַזמידאַ גיסט אָן באַלד אַ בעכער
און גיט „צום געזונט" אים צו טרינקען.

דער ווײַן איז אַן אַלטער, אַ גוטער, אַ שטאַרקער,
דער קאָפּ איז צעדרייט שוין ביים דיכטער,
זי טרייסט אים און פירט אים צום גאָלדענעם בעטל:
— „ווּעסט שלאָפן און אויפשטיין צוריק ניכטער..."
אַ טײַער געלעגער... די זײַדענע קישנס...
עס איז אַ מחיה צו ליגן...
פרינצעסן זשאַמינדאַ, זי וואַכט איבער אים און
טרײַבט אָפּ מיט אַ פעכער די פליגן...

נאָר בלויז דער צוקאַפּנס, צו הויך איז אַביסל,
זי שלעפּט אים אַפּוּער אַ קישן
און גלעט אים דאָס פּנים און פרעסט אויף די אויגן
אים הייסע אומצייליקע קושן... — — —
— — — — — — — — — — — — —

און פּלוצלינג אַ שטורם, עס ווײַזן זיך כמאַרעס
און ס׳לאָזט זיך אַראָפּ באַלד אַ רעגן,
דער דיכטער דערוואַכט און אַ שרעק אַזש באַפאַלט אים
ער איז אין אַ טײַך שוין געלעגן...

נישטאָ שוין דער פּאַלאַץ, דאָס גאָלדענע בעטל,
די שיינע פרינצעסן פון אופיר,
עס זענען די דיכטערשע פליגל צעבראָכן,
ער איז שוין צוריק דער פאַרקויפער...

דער הענדלער מיט זאָקן וואָס קלאַפּט אין די הײַזער
און קוועטשט ביי די רײַכע דאָס גלעקל,
נאָר ווי איז און ווינד אים, מען האָט דאָך געגנבעט
פֿון אונטער דעם קאָפּ אים דאָס פּעקל!...

(געווען געדרוקט צום ערשטן מאָל אין „אַלמאַנאַך"
פֿון אַמבולאַנטן־פּאַריין (1929) און דערנאָך אין
פּנימער און פּ. 1930. שפּעטער איבערגעדרוקט אין
אַ רײַ צײַטונגען און זשורנאַלן, אויך אין בוך „שפּאַס
און ערנסט" (1933).

1917-1967

פאַרצייכעניש פון אינהאַלט:

זייט

דער באַערונגס - קאָמיטעט — 5
אַ וואָרט פון יוביליאַר — 7
אַ בליק אויף צוריק (אויטאָ-ביאָגראַפישע פראַגמענטן — 11

ערשטע טריט:

דער בית-המדרש-בחור — (פראַגמענט) — 53
מ ל ח מ ה - מ אַ ר ש (פון פויליש) — 53
צי לוינט? (פראַגמענט, 1917) — 53
מ ל ח מ ה - פ ר אָ נ ט (פראַגמענט 1917) — 54
ד ר ײַ ש װ ע ס ט ע ר (פראַגמענט 1917) — 54
„וואָס איז גליק?" (פראַגמענט 1917) — 54
אויף די „טאַטרעס" אין זאַקאָפּאַנע (פראַג. 1917) — 55
די ארורה... (פראַג. 1917) — 55
ז אָ ג , ג ע ל י ב ט ע.. (קראָקע 1918) — 55
ע ס ד ע ר מ אָ נ ע ן... (פראַג. קראָקע 1919) — 56
בערד - רײַסעניש אין פוילן (פראַג. קראָקע 1919) — 56
איך בענק... (פראַג. קראָקע 1919) — 57
ב יי ם ט ײַ כ ל (פרײַ נאָך שיללער, זאַקאָפּאַנע 1919) — 57
וויל איך זײַן... (פראַג. קראָקע 1919) — 57
אָ פּ ט י מ י ז ם: (קראָקע 1919) — 58
ווען דו ווייסט... (פראַג. קראָקע 1919) — 58
נישט געקויפט... (פּאַראָדיע, פראַג. קראָקע 1920) — 58
דער „מאָדערנער פּאָעט" (פּאַראָדיע, פראַג. 1921) — 59
צוועק און ציל (פראַג. קראָקע 1919) — 60
אַ נײַ-יאָר-ווונטש צו מײַן ליבסטער (קראָקע 1919) — 60
שלעכטע שטימונג (1919) — 60
צו חנהלען/די וואַליוטע-שיבערן (קראָקע 1920) — 61
פ י ל אָ נ ט ר אָ פּ י ע (קראָקע 1920) — 61
פ ר י ל י נ ג (קראָקע 1920) — 61
ווער זענען זיי? (קראָקע 1920) — 62
מ אַ ר י אָ נ ע ט ן (פראַג. קראָקע 1920) — 62
צום סוף פון ערשטער וועלט מלחמה (קראָקע 1920-21) — 63

זייט

פעדערשפריצן (זאַקאָפּאַנע 1920) — 63
דאָס ליבעלע (קראָקע 1920) — 64
צום קאַמף! (קראָקע 1921) — 66
יענטע, זײַ נישט „טשענטע" (פּאַראָדיע, קראָקע 1920) — 67
בײַם רבין (1919) — 67
דער חסיד (1919) — 68
אַנסקים „דער דיבוק" (פּראַג. קראָקע 1921) — 69
דאָס פּאַרפּיר ליכטל (לעגענדאַריש) (קראָקע 1922) — 69

אין מדינת אַרגענטינע:

ערשטע אָבסערוואַציעס (פּאַראָדיע, פּראַג. 1923) — 71
קאָמיטעטן (פּאַראָדיע, ב. אײַרעס 1924) — 72
פון זען און שווײַגן... (פּאַראָדיע, פּראַג. 1924) — 72
אַהימן (פּאַראָדיע, בוענאָס אײַרעס, 1924) — 73
אָן ענטפער (פּאַראָדיע, ב. איירעס 1924) — 73
אַ רבי אין בוענאָס איירעס (פּראַג. 1924) — 74
שטילער שטיל... (ב. איירעס, 1925) — 74
אבן נגף (פּראַג. 1925) — 75
הערבסט... (1925) — 75
נייע לוחות (פּראַג. 1925) — 76
פּאַלעסטינע בליט (פּראַגמ. 1925) — 77
פּרץ הירשביין (1925) — 77
„פּראָהיבישן" (פּראַג. 1925) — 78
באַנקעטן (פּראַג. 1925) — 79
„דאָרט ווו די צעדער" (פּאַראָדיע, פּראַגמ. 1925) — 79
אהרן בראָדסקי (1925) — 80
אַ סוכה... (פּראַגמ. 1925) — 80
אַ קרבן פון נויט (פּראַגמ. 1925) — 81
שוץ פאַר פרויען (פּראַגמ. 1926) — 82
צום גויאישן נײַ־יאָר (פּראַג. 1927) — 83
יידישע קייטן־רײַסער (פּראַג. 1927) — 84
ציבעלע און פּוטיפּערע... (פּראַג. 1927) — 84
זרובבל (פּראַג, 1927) — 85
פאַר חברימלעך אין פּוילן... (פּראַג. 1927) — 86
קעגן אַסימילאַציע (פּראַג. 1927) — 87
שלום שוואַרצבאָרד (פּראַג. 1927) — 88
אַלבערטאָ גערשונאָוו (פּראַג. 1927) — 88
ה. בלאָשטיין (פּראַג. 1928) — 89
פּאַראָדיע אויף „ראַכמיסטריוּקע" (1928) — 90
„יונג אַרגענטינע" (פּראַג. 1928) — 91
יום־כּפּורדיק (1928) — 91

נס חנוכה (1929) — 93
„אלטע" שאלאמויזן...! (1929) — 94
פאלערמא-וועלדל (פראג. 1929) — 96
„שלאג די זשידעס" (1929) — 96
אייזנשטיין יעקב (פאראדיע) (1929) — 98
משה דוד גיסער (פאראדיע) (1929) — 99
„ראזאריער וואכנבלאט" (1925) — 100
„דאס נייעווארט" (5 פראגמענטן) — 100
דער טאג אין גראם: (פראג. 1929) — 105
סערטיפיקאטן און וויזעס (פראג. 1929) — 106
„שפיגלעריין" (פראג. 1929) — 107
„געלט" (רעציטאציע 1931) — 107
„מארגנצייטונג" (פראג. 1935) — 109
הויף־פאליטיק (פראג. 1935) — 109
נייע ווינטן (פראג. 1935) — 110
וואל־אגיטאציע (1935) — 110
לכבוד שמחת תורה: (1935) — 111
כ'האב געוואלט... (1935) — 112
זוכט אליין דעם נמשל... (פראגמ. 1935) — 113
פון די שווערע „גרינע טעג" (פראג. 1935) — 114
שטיקלעך צרות... (פראג. 1935) — 115
דער מענטש — די קרוין (פראג. 1935) — 116
אז לרשע... (פראג. 1935) — 116
נאפט־פראבלעם (פראג. 1935) — 117
„אתה בחרתנו" (פראג. 1935) — 117
בעסאראביע (פראג. 1935) — 118
בגלופין ... (פראג. 1935) — 119
בעבור האחד... (פראג. 1935) — 120
א שטרוי ... (פראגמענט 1936) — 121
א שטיקעלע „פרק אבות" (פראג. 1936) — 121
דורך קלארע ברילן (פראג. 1936) — 122
100 יאר מענדעלע מוכר ספרים (פראג. 1936) — 123
דער טשאד פון די וואלן (1936) — 124
„פ. ע. נ." ־ קאנגרעס (פראג. 1936) — 124
„אשמנו" (פראג. 1936) — 125
ה. לייוויק (פראג. 1936) — 127
חזיר און טייוול (פראג. 1936) — 127
צענטראלע ביבליאטעק ביים ייווא (פראג. 1938) — 128
אז ישיר הזמיר — (מוזיק פון בערנארדא פייער, 1938) — 129
שטימונג (פראג. 1939) — 130
האקנקרייץ און רויטער שטערן (פראגמענט, 1939) — 131
„יעשטשע פאלסקא" (פראג. 1939) — 133

זייט

א קאַשמאַרער חלום (פּראַג. 1946) — 133
נ י ר ע נ ב ע ר ג (פּראַג. 1946) — 134
זײַט מיר מוחל... (אַפּריל 1946) — 135
א װ י ז י ע (יוני 1946) — 136
מוסר װײל איך הײַנט זאָגן... (פּראַג. יולי 1946) — 137
ר אַ ט ע װ ע ט ! (אויגוסט 1946) — 138
צו ראש־השנה ה"תש"ז: (פּראַג. סעפּט. 1946) — 139
פּאַר מערדער — די תליה!... (פּראַג. נאָװעמבער 1946) — 140
שפּליטער אמת... (פּראַג. דעצ. 1946) — 141
װ אַ ק אַ צ י ע ס (פּראַג. מערץ 1947) — 141
ב ט ח ו ן... (פּראַג. אַפּריל 1947) — 142
ג ע ס ט! (פּראַג. מאַי 1948) — 143
יידיש און העברעאיש: (פּראַג. יולי 1950) — 144

רובריק „עונג שבת"

מײַן נייער עמוד: ("די איד. צייטונג", אויגוסט 1947) — 145
א היימלאַנד פאַר יידן (פּראַג. סעפּט. 1947) — 146
עס פּעלט א לוי־יצחק... (פּראַג. סעפּט. 1947) — 147
ע ו נ ג ש ב ת (פּראַג. נאָװעמבער 1947) — 149
הייליקער געפיל... (פּראַג. 21־טן נאָװ. 1947) — 150
און א פ ש ר ?... (פּראַג. 28־טן נאָװ. 1947) — 151
ס'ציטערט די האַנט.. (פּראַג. 20־טן פעבר. 1948) — 151
נ י ש ט מייאש זײַן... (פּראַג. 27־טן פעבר. 1948) — 152
„ג ע נ אָ ס י ד" (פּראַג. 16־טן אַפּריל 1948) — 153
צום קאַמף!... (פראַגמענט, 7־טן מאַי 1948) — 153
ב נ י ח ו ר י ן (פּראַג. 14־טן מאַי 1948) — 154
„א ח ת ־ ש ת י ם"!... (פּראַג. 28־טן מאַי 1948) — 155
א נ ס י ו ן... (פּראַג. 2־טן יולי 1948) — 155
יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע (פּראַג. יולי 1948) — 156
ב ע ר נ אַ ד אַ ט (פּראַג. 16־טער יולי 1948) — 158
שולן פאַר אַראַבער (פּראַג. יולי 1948) — 159
ה יי מ י ש ע ע נ י נ י ם: (פּראַג. 30־טן יולי 1948) — 160
„פּ אַ ק ע ר" (פּראַג. 20־טן אויגוסט 1948) — 162
יידישע שולן — (פּראַג. סעפּט. 1948) — 162
ב ט ח ו ן (פּראַג. נאָװ. 3, 1948) — 163
א דאַטע צום געדענקען, (3־טן דעצ. 1948) — 163
„נ ס ג ד ו ל" (פּראַג. 31־טן דעצ. 1948) — 163
ב ע װ י ן א בעל תשובה... (פּראַג. 21טן יאַנ. 1949) — 164
ירושלים ד'אַרגענטינע... (פּראַג. 4־טן פעבר. 1949) — 166
אויס װאַקאַציעס... (פּראַג. 6טן מערץ 1949) — 168
װ ו ז ע נ ע ן ז יי ? (פּראַג. 6־טן מאַי 1949) — 168

	זייט
דר. יעקב שאצקי (פראג. 17־טן יוני 1949)	169
אטאמישע באמבעס (פראג. יולי 1949)	170
מיר, די געפרווועטע... (פראג. אויגוסט 1949)	171
זעכציק יאר ישוב ארגענטינע (פראג. 19־טן אויגוסט 1949)	172
מיר גערודפטע... (פראג. אויגוסט 1949)	173
סטימול... (פראגמ. סעפט. 1949)	174
צו סליחות אין אלטער היים... (פראג. סעפט. 1949)	175
ברינה יקצורי... (פראגמ. נאוועמבער 1949)	177
פארניכטנדיקע זאמען... (פראג. נאוו. 1949)	179
טענות פון א ייד... (פראגמ. דעצ. 1949)	179
עס פאדערט זיך א תליון: (פראגמ. דעצ. 1949)	180
"מי במים" — (פראגמ. פעבר. 1950)	181
אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל (פראג. מערץ 1950)	181
דער דריטער סדר. (פראג. אפריל 1950)	183
מרדכי געבירטיק הי"ד! (פראג. מאי 1950)	184
מה שלא יעשה השכל... (פראג. מאי. 1950)	184
לזכר די יידישע שרייבער אין ראטנפארבאנד (נאוו. 1950)	185
וועלכער נס געווען איז גרעסער? (פראג. דעצ. 1950)	187
שלום! שלום!... (פראגמ. אויגוסט 1951)	188
עולם התחתון... (סעפטעמבער 1951)	189
באהעמען ... (פראג. דעצעמבער 1951)	191
פון וואך — דער תוך (פראג. אקט. 1951)	191
פראגמענט (אפריל 1953)	193
אברהם סוצקעווער (פראג. מאי 1953)	194
פראגמענט — געדענקסטו... (מאי 1953)	195
פראגמענט — סוצקעווער... (יוני 1953)	195
מרדכי געבירטיג הי"ד (סעפטעמבער 1953)	196
מי בגראנדע ומי בפרעמיע (פראג. .דעצעמבער 1941)	198
געדענקסטו? (פראגמענט)	199
שבת... (אקטאבער 1935)	200
דור הפלגה...	202
פעסימיסטיש...	203
עס ארט מיך נישט איר זאלט עס וויסן (פראגמענט)	205
די צעשטערטע אידיליע...	206
דיכטונג און לעבן (מעדיטאציעס)	207
לכבוד חנוכה („די אידישע צייטונג", דעצ. 1961)	209
דער לאמעדוואוניק	212
דער פייה... (לעגענדע)	216
דאס פארשווונדענע פעקל (כמעט א באלאדע)	223

דערשינענע ביכער פון זעלבן מחבר

חליצה

דראַמע אין דריי אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג "דאָס ביכל" — קראָקע 1922.

איינאַקטערס:

1) ווען די נאַכט פאַלט צו.. 2) אויפן קאַמף (פאַרלאַג "אַרטיסטיש ווינקעלע"), ב. איירעס, 1924.

דער רעצענזענט

קיבעץ אין איין אַקט, אַרויסגעגעבן פון דראַמקרייז ביים גאַליציאַנער פאַרבאַנד, ב. איירעס, 1926.

שפּאַס און ערנסט

געגראַמטע הומאָרעסקעס, לידער און פּאַראָדיעס, פאַרלאַג "דער קונדאַס", ב. איירעס, 1933.

פאַר דראַמקרייזן

(צען איינאַקטערס)

1) אין רעדאַקציע; 2) אַן עצה; 3) דער רעצענזענט; (צווייטע אויפלאַגע); 4) ווען די נאַכט פאַלט צו..; (2־טע אויפלאַגע;) 5) אויפן קאַמף (2־טע אויפלאַגע); 6) אין פעלד־שפּיטאָל; 7) די קליאַטשע (סצענירונג); 8) דער קונסט־מאַלער; (סצענירונג); 9) מקובלים (סצענירונג); 10) ברידער; (פראַגמענט פון י. ל. פּרצעס "ביים פרעמדן חופּה־קלייד") אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „דער קונדאַס", בוענאָס אַירעס 1935.

פון אַלץ צוביסלעך

מיט די ווייטער אויסגערעכנטע דערציילונגען און הומאָרעסקעס:
1) דער יורד; 2) את יום חג הפּראָלעטאַריאַט הזה; 3) מי בחרב ומי ברעב; 4) דער זשורנאַליסט; 5) זיין ערשטע ליבע; 6) דאָס אָרימע ייִנגעלע; 7) וואוילטעטיקייט; 8) דער שבת־לייכטער; 9) לעבן; 10) ליידנשאַפט; 11) עס ווילט זיך היינט נישט דערציילן..; 12) אַזוי איז עס שוין און פּטור... (מאָנאָלאָג); 13) דריי עפּיזאָדן; 14) די מוטער און דאָס קינד; 15) צוליב אַ טראַמוויי בילעט; 16) אַ נישטקשהדיקער איינפאַל; 17) מיין פריינט, דער זייגערמאַכער; 18) צרות מיט דער גראַנדע; 19) אַ ווייב אויף "פּלאַסע" (צום אויסצאָלן); 20) דער טעאַטער דירעקטאָר. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „דער קונדאס" ב. איירעס, 1935.

אין נאָמען פון גערעכטיקייט

טראַגעדיע אין דריי אַקטן (זעקס בילדער) מיט אַ פּראָלאָג, (1936)

פאַבריקאַנטן

קאָמעדיע אין איין אַקט, בוענאָס איירעס, 1937.

פיר דורות יידיש טעאַטער

ביאָגראַפישער ראָמאַן (לויט אָנגעגעבענע דאַטעס פון דער אַקטריסע זינאַ ראַפּעל) אין צוויי בענד, 512 זייטן (32 זייטן פאָטאָ - אילוסטראַציעס), בוענאָס איירעס, 1944.

פּנקס גאַליציע

640 זײַטן גרויסער פאָרמאַט, רעדאַקטירט פון נחמיה צוקער, ארויסגעגעבן פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד אין ארגענטינע, צום צוואַנציקסטן אַניווערסאַר זייט דער גרינדונג — בוענאָס איירעס, 1945.

יאָרבוך

פון יידישן ישוב אין אַרגענטינע, פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפט־לעכקייט, רעדאַקטירט פון נחמיה צוקער, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ''יידיש'' בוענאָס איירעס 1945-46.

זכרונות

פון 50 יאָר יידיש טעאַטער פון ב. פאַלעפּאַדע, רעדאַקטירט פון נ. צוקער (ב. איירעס 1946)

מוטער און קינד

ערשטער ראָמאַן פון יידישן אימיגראַנטן־לעבן אין אַרגענטינע — און

צווישן נעכטן און מאָרגן

אַ בוך דערציילונגען און אַ דראַמע, מיט פאָלגענדיקן אינהאַלט:
1) ר' יוסף ענגעל און זיין זון; 2) דער ליידנסוועג פון דוד האַלצמאַן; 3) מען דאַרף רחמנות האָבן...; 4) אַ זון אַ דאָקטאָר; 5) דער אונטערגאַנג פון אַרטיסט י. אונגער; 6) דאָן כעראָנימאָ; 7) צווישן נעכטן און מאָרגן און

אין בלוטיקן געראַנגל

דראַמאַטישער מלחמה - רעפּאָרטאַזש אין אַ:ט בילדער מיט אַ פּראָלאָג. די צוויי ביכער האָט ארויסגעגעבן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו באַ־ערן דעם מחבר צו זיין ווערן אַ בן חמישים. בוענאָס איירעס, 1946.

שיף אַטלאַנטאַ

ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע, פיר טיילן, צוויי בענד, ערשטער באַנד. דערשינען ב. איירעס, 1952 און —

שיף אַטלאַנטאַ

צווייטער באַנד (צוזאַמען 500 זײַטן) ב. אײַרעס, 1954.

אויף נייע רעלסן

צוואַנציק דערציילונגען, יובילײ־אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלש. קאָמיטעט צום זעכציקסטן געבוירנטאָג פון מחבר. ב. איירעס, 1957. די 20 דערציילונגען זענען: — 1) דאָן ענריקעס גייסטיקער געראַנגל, (עלף קאַפּיטלען); 2) וואָס געווען, איז מער נישטאָ...; 3) גרויסער גאָט, ווייז מיר דעם וועג; 4) ווען אַלע זענען געדעכט; 5) זיי מיר מוחל, טאַטע!... 6) מיט אַ קוש פון גאָט; 7) אַלטע בחורשאַפט; 8) "קוענטע קאַריענטע"; 9) פּימ־סענהאַלץ דער שרייבער; 10) אַ מיליאָן פּעזעס נדן; 11) מיטאָגן און נאַכט־עסנס; 12) שיר השירים לײדיש (דריי קאַפּיטלען); 13) הונדערט שידוכים; 14) שרהלע, רבקהלע און דער לערער; 15) איר זים שמייכלענדיקער בליק; 16) דער ברייטער פּאַנאַמאַ־הוט; 17) די אמתע ליטוואַטשקע; 18) אומזיסט זי חושד געווען; 19-20) ליבעס אוואַנטורעס אויף דער עלטער (צוויי קאַפּיטלען).

אכציק יאָר „אַרט"

זאַמלבוך, אַרויסגעגעבן פון אַרגענטינער "אַרט" צום 80־טן אַניווערסאַר זייט די דאָזיקע וועלט ־ אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן 1880־1960. רעדאַקציע נחמיה צוקער און יעקב מושקאַט.

געדענקבוך גאַליציע (נומער איינס)

רעדאַקטירט פון נחמיה צוקער מיט דער מיטהילף פון נחום לינדמאַן, אַרויסגעגעבן מיט דער וויכטיקסטער מיטהילף פון צענטראַל פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן, בוענאָס איירעס, 1961.

געדענקבוך (צווייטער באַנד)

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער נחמיה צוקער, פאַרלאַג "זכרונות", בוענאָס־איירעס, 1964.

זאַמלבוך

רעדאַקציע ־ קאָלעגיע יוסף מענדעלסאָן, אברהם זאַק און נחמיה צוקער (רעדאַקציע־סעקרעטאַר) מיט מיטאַרבעטונגען פון אַכציק אַרגענטינער שרייבער, אַרויסגעגעבן פון ה. ד. נאָמבערג שרייבער פאַריין צום יובילײ פון 40 יאָר זייט דער גרינדונג פון פאַריין (1922־62), ב. איירעס.

און זאָל דאָ צוגערעכנט ווערן אויך דער איצטיקער יובילײ־בוך

קרישקעלעך גליק

וואָס דערשײַנט ווי אַ מתנה פון אונדזער געזעלש. צו נ. צוקערס איבערגײַין די בריק פון ווערן אַ בן שבעים און צו זיין ריכטיקן יובל יום־טוב פון פופציק יאָר טעטיקייט אַלס דראַמאַטורג, שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכער קולטור־טוער.

A mi señora Adela
A mis hijos Emanuel, Rosana y Howard Potter
y a mis queridos nietitos
Anabelle - Laura y Robert - Jesse
Dedico estos Migajas de Felicidad
para el eterno recuerdo.

Este libro se terminó de imprimir el 29 de Mayo de 1968 en los talleres gráficos "Stylos", Luis S. Peña 1309, Buenos Aires.

Hecho el Depósito que marca la Ley Nº 11.723

NECHEMIAS ZUCKER

Migajas de Felicidad

FRAGMENTOS

De Sus Creaciones Rítmicas en el
Medio Siglo de su labor literaria
1917 - 1967

Editado por el Comité
de Homenaje al Autor.

Editorial SYCHRONOT
BUENOS AIRES — 1968